STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02804

IN GOLDENEM SHTROM

Leon Kobrin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָן קאָברין

אין גאָלדענעם שטראָם

ראָמאַן

ערשטער טייל

פארלאג ח. בזשאזא

ווארשע 1936

Printed in Poland

Leon Kobrin

In Goldenem Sztrom

Wyd. Ch. Brzoza

Warszawa, 1936

Druk. P. Brzeziński, Warszawa.

1

אָרע און רייטשל

אין יענער צייט, בעת אין בראָנזוויל איז אָנגעגאַנגען דער באַרימטער „בום" פון הייזער און לאַנד, און מענטשן זענען איבערנאַכט, ווי דורך אַ כּישוף, רייך געוואָרן, איז אויך אונזער העלד, אָרע כּיריג, אָדער „אָרע די באָרד", דורך אָט דעם „בום" געהאָלפן געוואָרן...

ער איז געווען פריער אַ פעדלער, האָט געפעדלט צווישן די פאַרמערס אין דער אַרומיקער געגנט. אַ שווערע פּרנסה איז דאָס געווען: געשלעפּט דעם שווערן פּאַק סחורה איבער שטויביקע, זאַמדיקע וועגן, איבער בלאָטעס אונטערן רעגן, און איבער טיפע שנייען אַמאָל, און איז אויסגעשטאַנען די גרעסטע צרות פון גאַסן־יונגען, פון שקצים אויף די פאַרמס און פון הינט.

מען האָט אים פאַרפאָלגט, מחמת ער איז געווען אַ יידישער פעדלער, און נאָך מער, מחמת זיין משונהדיקן אויסזען. וואָרום אין יענער צייט האָט ער זייער משונהדיק אויסגעזען. דאָס גאַנצע פּנים איז ביי אים געווען פאַרוואַקסן פון ביידע זייטן ביז אונטער די סאַמע אויגן, וואָס האָבן געקוקט מיד און הכנעהדיק, און אַ רויטע, דיקע, פליישיקע נאָז איז דאָרט ביי אים געזעסן, ווי אויף אַ געדיכטן, שוואַרצן קוסט, און אַ באָרד האָט ער געהאַט ביזן גאַרטל, אַ שווערע, קאָלטענעוואַטע, שוואַרצע באָרד, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַן אויפגעטרייסלטער בעזעם...

צוליב אָט דער באָרד טאַקע האָט מען אים גערופן „אָרע די באָרד". נישט איינמאָל האָבן זיינע נישט־יידישע קונים אים צוגערעדט, אַז ער זאָל אַביסל צופוצן זיין באָרד, אויב ער וויל זי נישט אַרונטערנעמען אינגאַנצן, דעמאָלט וועט מען אים אַזוי

נישט פאַרפאַלגן; אָבער ער, דער פרומער אָרע, וואָלט דאָס קיינ־מאָל נישט געטאָן, ווען מען זאָל אים אַפילו צען מאָל מער פאַר־פאָלגן: ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער עבירה.

אין יענער צייט האָט זיך אים אַפילו נישט געחלומט, אַז ער וועט גאַר אינגיכן ווערן אַן עושר און וועט פאַרמאָגן צענדליקער און צענדליקער טויזנטער דאָלאַר; און אַז זיין מיזינקע, עטעלע, וואָס האָט אין יענער צייט געאַרבעט שווער אין אַ שאַפּ און פאַר־דינט קוים זעקס דאָלער אַ וואָך, וועט חתונה האָבן מיט אַ דאָק־טאָר; און אַז ער אַליין, דער פופציק־יאָריקער אָרע, וואָס איז גע־ווען אַן אַלמן, וועט חתונה האָבן מיט דער צוואַנציק־יאָריקער רייטשל, מיט דעם מיידל דער שטיפערקע, וואָס האָט געוווינט ביי אים און וועלכע איז געווען אַזאַ פאַרשוין און אַזאַ ברען, אַז נישט איינמאָל האָט ער געהאַט צוליב איר מיאוסע, זינדיקע געדאַנקען...

ניין, אין יענער צייט, בעת ער איז נאָך געווען אַ פּעדלער, האָט זיך אים עפּעס אַזוינס גאָרנישט געקאָנט חלומען. דעמאָלט איז ער יעדן טאָג אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, און איידער ער האָט זיך געשטעלט פּאַקן זיין סחורה, האָט ער געזאָגט זיין קאַפּיטל תהלים און דערנאָך געדאַוונט מיט אַ פרום האַרץ, און אין זיינע מחשבות געבעטן גאָט, אַז ער זאָל אים באַהיטן און באַשירמען פון שלעכטע שקצים און פון בייזע הינט, — באַזונדערס פון בייזע הינט, — מחמת פאַר הינט האָט ער זייער מורא געהאַט, זינט אַ הונט האָט אים אַמאָל אַ ביס געטאָן, — בעת ער, אָרע, איז נאָך געווען אַ חדר־יונגל.

נאָכדעם האָט ער ביי זיין אָרעמען טיש עפּעס איבערגעביסן מיט זיין אַלטער מאַמען פרומע — געוויינלעך „מאַרצעפּאַנעס״ נישט. און אַמאָל איז אים אויסגעקומען דעמאָלט צו זיצן ביים טיש אויך מיט רייטשלען און מיט זיין מיזינקע עטל. זיי האָבן אויך גיך אָפּגעכאַפּט זייער גלאָז קאַווע מיטן שטיקל צובייסן, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן אין שאַפּ, וווּ זיי ביידע האָבן געאַר־בעט ביי פּרויען־בלוזעס.

דעמאָלט, אַז ער האָט געלייזט אַ דריי דאָלער דורכן טאָג, האָט דאָס ביי אים געהייסן „אַ מזלדיקער טאָג״, און ער האָט געלויבט און געדאַנקט גאָט דעמאָלט, און זיין מאַמע, די אַלטע

פרומע, האָט געלויבט און געדאַנקט דעמאָלט גאָט פאַר אַזויפיל פרנסה, און זיי ביידע זענען געווען צופרידן.

אַרום יענער צייט האָט ער געהאַט אָפּגעשפּאָרט פון זיין פעדלעריי אַרום פינף הונדערט דאָלער און ער האָט גערעכנט, אַז דאָס געלט אינגאַנצן זאָל זיין נדן פאַר זיין מיזינקע עטל.

מחמת זי איז געווען זיין גרעסטע דאגה דעמאָלט. מחמת וועגן איר האָט ער נאָכאַנאַנד געטראַכט און וועגן איר האָט ער בסדר גערעדט מיט זיין אַלטער מאַמע.

קוים וואָס זי האָט געזשאָוועט, נעבעך, זיין עטעלע. בלייך, אויסגעדאַרט, אַלץ פון דער אַרבעט אינם שאַפּ. אַז זי זאָל אַר־בעטן אַזוי נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, חלילה, אין שאַפּ, וואָס וועט פון איר ווערן? מען מוז איר חתונה מאַכן, מען מוז. זי וואָלט דעמאָלט באַפרייט געוואָרן פונם שאַפּ און מען וואָלט נישט געדאַרפט מורא האָבן, טאָמער וועט זי פאַרזעסן ווערן. שוין נישט קיין יינגענקע מיידעלע איז זי, עטל, געווען. שוין באַלד צוואַנציק יאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק!

אָט אַזוי האָט געטראַכט דעמאָלט אָרע און אַזוי האָט ער גע־רעדט מיט זיין מאַמע פרומע.

און, אַ חוץ דעם, ווען זי, עטל, וואָלט חתונה געהאַט, — האָט ער אַמאָל געטראַכט, — וואָלט ער אַליין נאָכדעם אויך חתונה גע־האַט מיט עפּעס אַ לייטישער יידענע, מיט עפּעס אַ גרושה, צי מיט עפּעס אַ לייטישער אַלמנה. מחמת אַזאַ ייד, ווי ער, מיט אַזוי־פיל בחות, קיין עין־הרע, האָט נישט געטאָרט זיין אָן אַ ווייב. אָנישט זינדיקט ער אין די מחשבות, אַזוי ווי אַ מיאוסער הול־טאַי. ער, אָרע, האָט שוין גענוג געזינדיקט ווי אַ מיאוסער הולטאַי, זינט רייטשל האָט ביי זיי געוווינט!...

אַ חוץ עטלען, האָט ער געהאַט נאָך איין טאָכטער, אַן אויס־געגעבענע, מיט דעם נאָמען שרהקע. פּיניע האָט געהייסן איר מאַן.

דערדאָזיקער פּיניע האָט גאָר קיין דרך־ארץ נישט געהאַט פאַר אים, זיין שווער אָרע, און ער האָט זיך באַנומען קעגן אים גראָב, חוצפּהדיק, און נישט געשאָנעוועט זיין כבוד.

אַ כיטרער קערל איז געווען אָט דער פּיניע. ער האָט ליב גע־האַט זיך צו וויצלען, חוזק מאַכן פון מענטשן, אויב דאָס האָט

אים נישט געקאָנט שאַדן, און ער האָט געחנפהט מענטשן, אויב דאָס האָט אים געקאָנט ברענגען נוצן. ער האָט געהאַט אַ קליין קרעמל, האָט ער די קונים זיינע, וואָס האָבן געקויפט ביי אים ציטונגען און סיגאַרעטן, זייער געחנפהט און פאַר יעדן פון זיי האָט ער געהאַט אַ שמייכל און אַ גוט וואָרט.

אין דער איינגענער צייט האָט ער שטאַרק געהאַלטן פון זיך. ער האָט אַמאָל אינדערהיים, אין רוסלאַנד, געלערנט אין דער ישיבה אַ קורצע צייט, האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַ למדן. ער האָט אַמאָל איבערגעלייענט עטלעכע העברעאישע ביכלעך, האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַן אויפגעקלערטן, און ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער אַרויסגעוויזן, וואָס פאַר אַ גרויסער למדן און קענער ער איז געווען.

ער האָט נאָכאַנאַנד געוואָרפן ווערטלעך פון דער גמרא און סתם ווערטלעך פון זיין אייגענעם קאָפּ, וואָס האָבן געזאָלט וויזן, וואָס פאַר אַ חכם ער איז דערהויפּט געווען.

זיין דיק ווייב שרהקע האָט ער ליב געהאַט, נאָכמער זיין בן־יחיד שלמהלען.

דער שטילער אָרע האָט דעמאָלט אים אַלעמאָל פאַרשוויגן, ווען ער האָט אים באַליידיקט. הגם אָפּט, ווען זיין איידעם האָט אים אָנגערופן „פערד'', „אָקס'', האָט דאָס אים פאַרדראָסן, אָבער ער האָט דאָס פאַרשוויגן, מחמת אַמאָל האָט ער גערעכנט, אַז אַזאַ גרויסער עם־הארץ, ווי ער, אָרע, האָט געמעגט ליידן פון אַן איידעם אַזאַ למדן ווי פיניע איז געווען. און אַן אַנדערש מאָל האָט ער ביי זיך געטראַכט: ער טראָגט אַריבער אַזויפיל פון פרעמדע שקצים און פון הינט, מעג ער פון אַן אייגענעם איידעם אויך אַביסל אַריבערטראָגן...

נאָר די אַלטע פרומע, אָרעס מאַמע, האָט זיך שטענדיק אָנגענומען פאַר אים, איר זון, און זי האָט זיך מיט פיניען אַרומגעקריגט פאַר אים.

זי, די אַלטע פרומע איז געווען צוגעבונדן צו אָרען מיט לייב און לעבן. זי האָט געהאַט אויסגעגעבענע טעכטער אין רוסלאַנד, האָט זי זיי אַלעמען פאַרלאָזן, זיי און אַלע אייניקלעך און דעם

הבר פון איר מאַן שמערל־איצע, און געבראַכט צו שלעפּן אירע אַלטע ביינער צו איר זון אַרען.

ער איז געווען איר בן־יחיד, איר איינציקער פרומער קדיש. מחמת דעם איז ער איר נאָך אינדערהיים, אין דעם קליין שטעטל יאַנאָוויטש, געווען טייערער פון אַלע אירע אַנדערע קינדער. אַ ביטערער אביון איז ער דאָרט געווען: ער האָט געהאַנדלט מיטן גוי אויפן מאַרק, און גאָר אָפט, אַז אים האָט אויסגעפעלט אויף שבת, האָט זי, פרומע, פאַרזעצט אירע לייכטערס דאָרט ביים מלוה, כדי ער, איר פרומער זון, זאָל נישט האָבן קיין פאַרשטערטן שבת...

און אַז זי איז געקומען צו אים אין אַמעריקע, האָט זי געוואַרבעט אין זיין הויז שווערער איידער דריי דינסטן. מחמת אָרעמס ווייב איז געווען אַ קראַנקע און איז נאָכאַנאַנד געלעגן אין בעט, איז דער גאַנצער יאָך פון דער שטוב געפאַלן אויף איר, אויף דער אַלטער פרומע. און דעמדאָזיקן יאָך האָט זי געשלעפּט אויף זיך מיט דער גרעסטער געדולד און ליבע. האָט געוואַשן און געקאָכט, געדונגען זיך פאַר אַ פּעני ביים איינקויפן און אָפּגעהיט אים, אָרען, און זיין קראַנק ווייב, און עטלען. און נאָך דעם, ווען אָרעמס ווייב איז געשטאָרבן און מען האָט אַריינגענומען רייטשלען אַלס „באָרדערקע'' אין הויז, האָט זי אויך געהיט, אַז דידאָזיקע רייטשל, אַ מיידל מיט אַ „טריפהנעם האַלז'' זאָל צופיל נישט אָפּעסן דעם קאָפּ אָרען פאַר די דריי דאָלער, וואָס זי האָט געצאָלט אַ וואָך פאַר דעם צימער און עסן...

אָט די רייטשל, אָדער „רייטשקע'', — ווי די אַלטע פרומע האָט זי גערופן, — איז געווען אַ געזונט, חנעוודיק מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, מיט אַ פּאָר שוואַרצע, קאָכעדיקע אויגן און מיט אַ בוזעם, וואָס האָט זיך היים געריסן דורך איר בלוזקע.

די אַלטע פרומע האָט זי פשוט נישט געקאָנט פאַרטראָגן. אַ מיידל, אַ רוח געווען, גאָרנישט קיין יידישע טאָכטער, די ערד האָט געברענט אונטער איר. נאָכאַנאַנד געשטיפט, נאָכאַנאַנד געלאַכט, נאָכאַנאַנד געטאַנצט. זי איז גאָר קיינמאָל נישט מיד געווען, כאָטש זי האָט געאַרבעט עלף־צוועלף שעה אַ טאָג ביי דער מאַשין אין שאָפּ. עטל, נעבעך, אַז זי איז געקומען אַהיים פון

דעמזעלביקן שאַפּ, האָט אָפּט קיין כּח נישט געהאַט צו אָטעמען
אַפּילו, און זי, רייטשקע, גאַרנישט, ס'זאָל איר דאָס אַ טשעפּע
טאָן! געקומען פון שאַפּ, איז דאָס פּנים ביי איר געווען רויט, פון
די באַקן האָט געשפּריצט בּלוט און די אויגן ביי איר האָבן גע־
שרפהט ווי ביי אַ רוח, און זי האָט געלאַכט און געשפּרונגען און
געטאַנצט, ווי זי וואָלט דעם שאַפּ גאָר אין די אויגן נישט אָנגעזען!
היינט אַ פּרעסערקע איז זי געווען, זאָל מען דאָס גאַרנישט
זען! האָט זי זיך צוגעכאַפּט צום צוקער, איז כראָמשק־כראָמשק־
כראָמשק, אַז ביי איר, פרומען, האָט שטענדיק שיער די גאַל גע־
פּלאַצט, צוזעענדיק דאָס!...
זי, פרומע, האָט דעמאָלט געטראַכט ביי זיך מיט הארץ־
ווייטאָק:
בּיז וואַנען אָרע לייזט אַ פּעני, שטייט ער אויס די גרעסטע
צרות פון שקצים און פון הינט, און זי, דער טריפהנער האָלז, —
כראָמשק, כראָמשק, כראָמשק, פרעסט אים אָפּ דעם קאָפּ און
גאָר!...
רייטשל האָט געוווּסט, אַז פרומע האָט זי פיינט געהאַט און,
אויף צו להכעיס איר, האָט זי נאָכמער געכראָמשקעט דעם צוקער
און נאָכמער געקערט אַ וועלט. שוין איינמאָל אַ צולהכעיסניצע
געווען, אָט די רייטשל. בּפרט נאָך ווען זי האָט געוווּסט, אַז פאַר
די דריי דאָלער אַ וואָך, וואָס זי האָט געצאָלט פאַר איר צימער
מיט עסן, האָט זי געקאָנט געפינען גענוג אַנדערע פאַמיליעס, ווו
צו זיין...
אָט די רייטשל, אַז זי האָט זיך צעשטיפט, האָט אַמאָל ליב
געהאַט צו פאַרטשעפּען אָרען אויך.
אַמאָל האָט זי אים אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם און גע־
שלעפּט אים טאַנצן, — אים, דעם שווערן, בּרייט־אַקסלדיקן,
פופציק־יאָריקן יידן, מיט דער לאַנגער, משונהדיקער באָרד, ווי אַן
אויפגעטרייסלטער בעזעם, און מיט די פיס, ווי אַ פּאָר קלעצלעך!
און דערביי האָט זי תּמיד געלאַכט אַזוי הילכיק און אַזוי חוצפּה־
דיק אים אין פּנים אַריין, אָט בּאמת נאָר ווי אַ שיקסע —
אַ הולטאַיקע.
צי זי איז גאָר צוגעלאָפן צו אים מיט דעם קליידער־בערשטל

אין דער האַנט און געוואַלט אים אויסבאַרשטן די משונהדיקע באָרד זיינע.

וואָרום געקאָכט האָט עס אין איר און געהוליעט דאָס יונגע געזונטע שטיפערישקייט און געזוכט אַן אויסוועג אַ וועלכן־נישט־איז...

און עטל האָט געלאַכט דעמאָלט און געשריגן צו איר:

— הער אויף, רייטשל, טשעפּע זיך אָפּ פון טאַטן!

און די אַלטע פרומע האָט געקוקט אויף איר קרום און גע־בורטשעט אין דער נאָז:

— ווי צען רוחות וואָלטן אין איר געזעסן, גאָר אַן חרפּה, גאָר אַן בושה!...

און אָרע אַליין איז דערפון שטענדיק צעטומלט געוואָרן. באמת, אַזוי ווי אַ רוח וואָלט זיך מיט אים געשפּילט און די גע־דאַנקען אים צעמישט. ער האָט געמורמלט מיט אַ צעטומלטן שמייכל און געקוקט אויף איר מיט נאַרישע אויגן פון אונטער די געדיכטע, גרויסע ברעמען:

— אוי, אוי, איך בעט דיך, רייטשל, קריך נישט צו מיר! איך בעט דיך, לאָז מיך צורו!...

אמת טאַקע, נישט קיין יונגערמאַנטשיק איז ער געווען און אַ פרומער ייד אויך; אָבער דער מענטש, געוואַלט, איז זינדיק, מעג ער אַפילו זיין אַ מאַן אין די עלטערע יאָרן, בפרט, ווען ער, אָרע, איז געווען אַן אַלמן נאָך דערצו, און ווען זיין ווייב, אים צו לאַנגע יאָר, איז ביים לעבן אַפילו, אים נישט געווען קיין ווייב אין די לעצטע יאָרן, מחמת זי איז אַלץ קראַנק געווען, איז, אַפּנים, אַ חידוש, אַז רייטשלס שטיפערייען האָבן אים תמיד צעטומלט און געוועקט ביי אים אינם קאָפּ זינדיקע מחשבות!...

און מחמת דעם אויך האָט ער אַמאָל אינגאַנצן נישט געקאָנט בייקומען דעם יצר־הרע און זיך געלאָזט פון אים פאַרשלעפּן צום שליסל־לאָך פון רייטשלס צוגעמאַכטער טיר, בעת ער האָט גע־ווּסט, אַז זי האָט זיך דאָרט איבערגעטאָן... און ער, אָרע, האָט אינגאַנצן אויפגעציטערט, בעת עס האָט פאַר זיין זינדיקן בליק הייס אַ זעץ געטאָן, ווי אַ שטיק פייער, אַ טייל פון איר געזונטער, פרישער נאַקעטקייט... נאָכדעם, אמת, האָט ער חרטה געהאַט,

פאַרוואָס ער האָט געקוקט צו איר אַהין, האָט זיך געשעמט, גע־פילט זיך זינדיק און געבעטן ביי גאָט, אַז ער זאָל אים מוחל זיין דערפאַר, און כמעט מיט פאַרצווייפלונג האָט ער געטריבן פון זיך איר בילד, ווי אַזוי ער האָט זי געזען דאָרט ביי איר אינם צוגע־מאַכטן צימער, און דערביי האָט ער געקרעכצט:

„אוי, וואָס פאַר אַ פאַרשוין! גערואַלט, מלכה שבא אַליין האָט נישט געקאָנט זיין שענער!"

און אינמיטן דערינען זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ: געוואַלט, זי מאַכט אים פאַר אַ הולטאַי!...

אַזוי אומרואיק איז געווען אָרע, וואָס זיין געזונטער גוף איז געווען אויסגעהונגערט נאָך אַ ווייב; און אַזוי געשראָקן האָט זיך דער פרומער אָרע פאַר די זינד, וואָס ער האָט געפילט דעמאָלט אין זיין האַרצן און מח; און געוואָרט האָט ער זיך דעמאָלט קעגן דעם מיט אַ פרומען קרעכצן, און האָט זיך יעדעס מאָל צוגעזאָגט, אַז מער וועט ער דאָס נישט טאָן, וועט מער אַהין צו איר נישט קוקן, זאָל ער בעסער בלינד ווערן.

און איינמאָל, אין יענער צייט, האָט ער אַפילו געוואָלט הייסן רייטשלען, אַז זי זאָל גיין ווינען ערגעץ אַנדערש־ווו.

אַ זונטאָג בייטאָג איז דאָס געווען. ער האָט זיך געפילט גאַנץ גוט אויסגערוט, מחמת שבת און זונטאָג האָט ער נישט געפּעדלט מיט זיין שווערן פּאַק. איז ער געזעסן דאָרט אינם עס־צימער ביים טיש און האָט געלייענט אַ ספר, וואָס ער האָט געבראַכט פון־דערהיים — אַ ספר אויף עברי־טייטש. אַ חוץ אים איז אין שטוב קיינער נישט געווען. זיין מאַמע און זיין מיזינקע עטל זענען אַוועק צו זיין אויסגעגעבענער טאָכטער שרהקען און רייטשל איז אויך נישט געווען אינדערהיים. אין דעם ספר האָט ער געלייענט אַ מעשה וועגן דעם, ווי אַזוי לילית איז געקומען אַמאָל צו אַ תנא און זי האָט געאַרבעט מעשים און אַלץ געוואָלט אים פאַרפירן... מוטער־נאַקעט האָט זי, די קעניגין פון די שדים און רוחות, ימח־שמה, זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דעם תנאס אויגן און געזוכט אויפ־צוּוועקן ביי אים דעם יצר־הרע...

און מיטאַמאָל, אַזוי ווי אָרע האָט דאָס געלייענט, איז אַרויסגעשוואומען רייטשל און האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אים,

אזוי ווי לילית פאַר דעם תנאָס אויגן... אין פּנים איז אים הייס געוואָרן, אונטערן היטל האָט אים אַ בּרען געטאָן. צעטומלט האָט ער אַריינגענומען זיין משונהדיקע באָרד צווישן זיינע ביידע הענט, אַין די פויסטן אַריין, און פאַרמאַכט די אויגן. אָבער רייטשלען האָט ער געזען אַפילו מיט זיינע צוגעמאַכטע אויגן אויך. ער האָט זי געזען, ווען זי איז אַפילו אין הויז נישט געווען, געזען זי אַזוי, אַז ער האָט זיך געפילט מוראַדיק זינדיק...

און אָט דעמאָלט האָט די אַריינגאַנג־טיר מיט אַ געפּילדער אויפגעפּראַלט, און אימיצער איז דאָרט אַריינגעקומען. ער האָט די אויגן געעפנט און אַ קוק געטאָן: ערשט רייטשל אַליין איז דאָס געווען. זי איז אַריינגעקומען, ווי געוויינלעך, אַ פרייִלעכע, מיט אַ פּנים בּלוט און מילך, און מיט אויגן, וואָס האָבן מיט פייער געשרפעט... ניין, אַפילו לילית האָט נישט געקאָנט זיין אַזאַ פאַר־שוין! אונטערן אָרעם האָט זי געטראָגן אַ גרויס שאַכטל.

— איז עטל נאָכנישט געקומען צוריק פון שרהקען, ר׳ אָרע? — האָט זי געפרעגט אויף איר שטייגער, פאַרהאַוועט, מיט איר הייסער, בּרוסטיקער שטים.

ער האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן איבּערן ספר און אַרויס־געלאָזט די בּאָרד פון זיינע הענט.

— ניין, נאָכנישט געקומען, — האָט ער געענטפערט אונ־טער דער נאָז, און זיך פרום צעשאָקלט מיט זיין ברייטן, שווערן גוף, און גענומען ווייטער לייענען מיט אַ ניגון דעם פרומען ספר.

— אַנו, ר׳ אָרע, איר זענט דאָך עפּעס אַ מבין אויף אָט־די זאַכן. זעט, ווי געפעלט אייך מיין ניי קליידל?

זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס שאַכטל אויפן טיש, אַרויסגענו־מען פון דאָרט אַ רויט קלייד און עס אַ מעסט געטאָן אויף זיך פון פאָרנט — פון אונטער איר ווייסן, רונדן קינבּאַק בּיז צו די פיס אַרונטער.

— איר זעט, ר׳ אָרע? מען האָט מיר געזאָגט, ווו איך האָב דאָס געקויפט, אַז אין דעם וואָלט איך געקאָנט פאַרליבּן אין זיך נישט נאָר יונגעלייט, נאָר אַפילו אַלטע, וואָס האָבן שוין לאַנג־לאַנג אָנגעוווירן דעם יצר־הרע — האָט זי ווייטער גערעדט אויף איר באַזונדערן שטייגער, און דערביי שטיפעריש געוווּנקען צו

אים מיט אירע קאַכעדיקע אויגן.

— אַך, אַך! — האָט ער אומגעדולדיק געצויגן מיט זיינע ברייטע אַקסלען און געשאָקלט מיט זיין משונהדיקער באָרד. — פלאַדער נישט, איך בעט דיך, און זיי נישט קיין שטן מקטרג!...

און ער האָט זיך נאָך מער צעשאָקלט מיט זיין שווערן גוף, און נאָך העכער גענומען לייענען דעם פרומען ספר מיט אַ גמרא־ניגון, אַזוי ווי ער וואָלט געהאָפט, אַז אָט דער ניגון וועט אים העלפן בייקומען דאָס, קעגן וואָס ער האָט זיך געווערט...

— איר וועט באַלד זען, ווי איך וועל דאָס קלייד אָנמעסטן— האָט רייטשל אַ זאָג געטאָן פארהאַוועט, און איז אַוועקגעלאָפן מיטן קלייד צו איר אין צימער.

האָט אָרע נאָכדעם אַ ווײַלע געלייענט פארטראַכט און נישט אַזוי הויך ווי פריער. דערנאָך איז ער אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן און האָט פאַרדעקט די אויגן מיט אַ האַנט.

— שלעכט! — האָט ער אַ זיפץ געטאָן. — נישט גוט! איך בין אַ הולטאַי שבהולטאַי. מען וועט איר מוזן זאָגן, אַז זי זאָל גיין זען אַן אַנדער דירה. נישט קיין קאַטאָוועס!...

און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און גענומען ווייטער לייענען דעם ספר מיט אַ מין רוגזה, כמעט מיט כעס.

דער תנא האָט זיך דאָרט נאָך געווערט קעגן לילית, און אַז ער האָט קיין כח נישט געהאַט זיך מער צו ווערן, האָט ער געכאַפּט אַ שפּיז און זיך אויסגעשטאָכן ביידע אויגן.

אָרע האָט מיט צער אַרויסגעמורמלט:

— און איך, אַזאַ בורדיע, וואָלט דאָס אפשר קיינמאָל נישט געטאָן!...

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און מיט שווערע טריט גענומען שפּרייזן איבערן צימער אַהין און צוריק.

— יאָ, יאָ, — האָט ער געטראַכט, — מען מוז זען, אַז זי זאָל נישט זיין דאָ ביי אים אין שטוב. ער ווערט אַלץ מער הולטאַי; שדים ווייסן, וואָס ער טראַכט; שדים ווייסן, וואָס אים ווייזט זיך אויס; אַ ייד אין זיינע יאָרן — געוואָלט געשריגן!...

און מיטאַמאָל, דער בעל־דבר איז ווידער דאָ, דער יצר־הרע הייסט עס, און ער האָט אים דערמאָנט, אַז זי האָט זיך דאָרט

איבערגעטאָן, און ווידער אים געשלעפּט צו רייטשלס צוגעמאַכ־מער טיר. און אָרע האָט זיך מיט אים געראַנגלט, געוועדט זיך קעגן אים מיט אַלע זיינע כּחות: ניין, זאָל אים גאָט אויסהיטן! ניין, גענוג די טומאה! ער וועט אוועקגיין איצט צו שרהקען, אין בית־מדרש, צו אַ לאַנדסמאַן, צי גאָר נעמען אַ שפּאַציר אין וועלדל דערביי (אין בראָנזוויל איז אין יענער צייט געווען גע־נוג וואַלד).

און ער האָט פאַרמאַכט דעם ספר, פּרום אַ קוש געטאָן אים און אוועקגעלייגט אים אויף אַ פּאָליצע, און געוואָלט אַרויסגיין פון שטוב. און דאָ — וואַרט אַ ווײַלע! — אַזוי ווי דער יצר־הרע וואָלט אים איבערגעוואָלט אָנגעכאַפּט מיט אַ האַנט און גע־שלעפּט:

— נאָר איין קוק... מער נישט ווי אָט דאָס מאָל... נאָר איין קוק... דאָס לעצטע מאָל... זי טוט דאָרטן אָנעט דאָס נייע קלייד... נאָר איין קוק... זאָל ער בלינד ווערן, אויב מער!...

און אָרע האָט זיך געלאָזט גיין נאָך דעם יצר־הרע. ער האָט זיך געגנבעט נאָך אים אויף די שפּיץ־פינגער, זיך געגנבעט צו רייטשלס צוגעמאַכטער טיר, איינגעקוקט זיך און צוגעלייגט אַן אויג צום שליסל־לאָך, און — אוי! — אַזוי ווי לילית פאַר דעם חנא אין דעם הייליקן ספר איז רייטשל דאָרט געשטאַנען!...

זי איז געשטאַנען מיט די פעך־שוואַרצע האָר צעלאָזט און צעוואָרפן איבער די קלאָר־ווייסע אַקסלען און האָט זיך דאָרט גע־וואַשן; געווישט זיך מיט אַ האַנטוך די יונגע, געזונטע היפטן אירע, דעם ראָזעווען בויך און אַרויף די רונדע, שטייפע בריסט אירע, וואָס עס האָט געשפּאַרט פון זיי פייערדיקע, זינדיקע תּאווה, ווי אים, אָרען, האָט זיך אויסגעוויזן...

ער האָט געוואָלט אוועקרייסן דאָס אויג פון דאָרט און נישט געקאָנט, קיין כּח נישט געהאַט.

מיטאַמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אימיצער גייט דאָרט אויפן גאַנעק. האָט ער זיך מיט שרעק אַ ריס געטאָן פון רייטשלס טיר און זיך צוריק אוועקגעזעצט אויף זיין פריערדיקן אָרט ביים טיש.

אָבער אויפן גאַניק איז קיינער נישט געווען. דעמאָלט האָט

זיך אָרע ווידער אויפגעהויבן, און דאָס מאָל איז ער אַרויס פון שטוב און אַוועק צום וועלדל, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון זיין הויז אויף קריסטאָפער סטריט.

ער איז געגאַנגען און האָט קיינעם און קיין זאַך נישט באַמערקט און נישט געזען פאַר זיך. די גאַנצע וועלט האָט אים רייטשל פאַרשטעלט; די רייטשל, וועלכע ער האָט אָקאָרשט־וואָס געזען דורכן שליסל־לאָך. עס איז אים שווער געווען. אַ שווערע משא האָט געדריקט זיין געמיט. און מיטאַמאָל האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן:

— אוי, אוי, וואָסער טריפהנע עולם־הזה!...

און זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט שרעק:

— געוואַלט, הולטאַי, וועגן וואָס טראַכט ער?!... אַן עלטערער פרומער ייד!... די אויגן האָט ער זיך באַדאַרפט אויסרייסן, זיי אויסשטעכן, אַזוי ווי דער תנא האָט עס געטאָן!

— אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת ה׳, — האָט ער מיט פאַרצווייפלונג און חרטה אין האַרצן געגומען זאָגן די ווערטער פון תהלים, וואָס דעם טייטש פון זיי האָט ער, אגב, נישט פאַרשטאַנען, און איז געגאַנגען ווייטער אין וועלדל.

אָט יענעם מאָל האָט ער דאָס ביי זיך פעסט אָפּגעמאַכט צו זאָגן רייטשלען, אַז זי זאָל זיך אויפזוכן אַן אַנדער דירה.

ער האָט עס אָבער נישט געזאָגט. געפונען בלומרשט אַ תירוץ פאַר זיך: אַ שאָד די דריי דאָלער, וואָס זי האָט אים געצאָלט. אינדעראמתן האָט ער עס איר נישט געזאָגט, מחמת ער האָט געפילט, אַז אין שטוב וואָלט שטאַרק אומעטיק געוואָרן, ווען רייטשל וואָלט זיך אַרויסגעצויגן...

וואָס דען? ער האָט זיך געהיט פון דעמאָלט־אָן צוצוגיין צו איר טיר, און איבערהויפּט נישט צו פאַרבלייבן אַליין אין הויז, ווען זי איז אין איר צימער געווען, און אין דער אייגענער צייט האָט ער געטראַכט מיט בענקעניש ווידער און ווידער: ווען גאָט העלפט אים און ער מאַכט חתונה זיין עטלען, וואָלט ער זיך נאָכדעם אויפגעזוכט עפּעס אַ לייטיש ווייב, אַ געזונטע און אפשר אַ שיינע אויך. אַ ייד מוז האָבן אַ ווייב...

האָט אים געקאָנט דעמאָלט איינפאַלן, אַז דיזעלבע רייטשל,

אַט די „לילית‟, וועט גאָר אינגיכן ווערן זיין ווייב און ער וועט קאָנען קוקן אויף איר און עס וועט קיין זינד נישט זיין?

און רייטשלען אַליין, אַט דעם ברען, איז דעמאָלט אודאי און אודאי נישט איינגעפאַלן, אַז דערדאָזיקער אָרע, מיט אַט דער ווילדער, משונהדיקער באָרד; אַז אַט דער ברייטער, שווערער אָרע, וואָס באַוועגט זיך אויף זיינע פיס, ווי אויף קלעצער, וועט אַמאָל זיין איר מאַן.

אגב, אין אַט דער צייט האָט זי זיך פאַרליבט אין סעמקע בלום, דעם אַגענט פון זינגערס ניי־מאַשינען.

2

רייטשל און סעמקע

סעמקע בלום איז געווען אין בראָנזוויל אַ באַקאַנטער פאַר־שוין. אַן אַדרעסער לאַנדסמאַן איז ער געווען און אין אַמעריקע אַ יאָר פינף.

אַ פריילעכער יונג איז ער געווען, אַט דער סעמקע, אַ דורכ־געטריבענער חברה־מאַן, אַן עלעגאַנטער קאַוואַליער און פאַר ווייבערשע הערצער ממש אַ מלאך־המות...

האָט געהאַט אַ צינגעלע פעך און שוועבל און גערעדט ענג־ליש „ווי אַ וואַסער‟, ווערליג די מבינות פון די בראָנזוווילער תושבים אין יענער צייט, און הגם ער איז ערשט אַ פּאָר יאָר פאַר־הייראַט געווען, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ניכפּע יעדעס מאָל, ווען ער האָט דערזען אַ שיינע נקבה.

ער האָט נישט אויסגעקליבן: אַ יידישע צי נישט אַ יידישע, אַבי אַ נקבה.

אָרע האָט אים עטלעכע מאָל געטראָפן ביי זיינע קונדן, אפילו ביי די אָרומיקע פאַרמערס אין די הייזער, און יעדעס מאָל האָט ער, סעמקע, דאָרט פאַרבראַכט מיט דער פרוי פון הויז, צי מיט דער יונגער טאָכטער, צי גאָר אפילו מיט דער דינסט, אויב נאָר זי איז אַ יונגע געווען.

האָט געמאָלן מיט דער צונג, געלאַכט און געמאַכט צו זיי זיינע פריילעכע שטיק. ער האָט, אַפּנים, ביי זיי דערמיט אויסגע־נומען, ווייל כּמעט אַלע דידאַזיקע פרויען, וואָס ער האָט געמאַכט צו זיי זיינע פריילעכע שטוקעס, האָבן געקויפט ביי אים ניי־מאַ־שינען.

רייטשלען האָט ער צום ערשטן מאָל געטראָפן, ווען זי האָט נאָך געוווינט ביי איר שוועסטער אויף בעלמאָנט עוועניו מיט אַ פּאָר חדשים צוריק. דאָס איז געווען אַ שבת נאָכמיטאָג, חנוכּה־וואָך. זי איז געשטאַנען דאָרט נעבן איר שוועסטערס הויז. מיט־אַמאָל איז ער פאַרבייגעגאַנגען, בלאָנד און שלאַנק, מיט די העלע, פריילעכע, גנבישע אויגן און מיט די קאָקעטיש־פאַרדרייטע, בלאָנדע וואָנצעלעך.

ער האָט זי דערזען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ ווײַלע איר אָנגעקוקט פונדער־ווייטנס... און מיטאַמאָל איז ער נאָכדעם צוגעגאַנגען צו איר און זיך פאַרנייגט מעשה קאַוואַליער, ציי גאָר מעשה יידישער אַקטיאָר, וואָס שפּילט דעם קאַוואַליער אויף דער יידישער בינע, און ער האָט אַרויסגערעדט אויך מעשה אַקטיאָר, כּמעט אין אַ פּאַטעטיש טאָן:

— ווו זענט איר געווען? איך האָב אייך געזוכט, פריילין. מיין גאַנצן לעבן האָב איך אייך געזוכט!

רייטשל איז צעמישט געוואָרן און דאָס פּנים האָט זיך ביי איר צעפלאַמט.

— ווער זענט איר און וואָס ווילט איר? — האָט זי אַרויס־געמורמלט.

— מיין נאָמען איז סעם בלום, זיסער ענגעל! — האָט ער געענטפערט. — אַן אַגענט פון זינגערס ניי־מאַשינען. די בעסטע מאַשינען קריגט מען ביי מיר, שיינע גטין!

— איך דאַרף נישט האָבן קיין ניי־מאַשין.

— וואָס הייסט, איר דאַרפט נישט האָבן? זענט איר פאַר־הייראַט, מוזט איר דאָך האָבן אַ ניי־מאַשין; זענט איר נישט־פאַרהייראַט, פאַרזיכער איך אייך, אַז איר וועט באַלד הייראַטן. וואָרום אַזאַ זיסער ענגעל, ווי איר זענט, מוז אויסגעכאַפּט ווערן:

אפילו א גראף, א פרינץ וואָלט איך אויסגעכאַפּט! אָ, גאָט, גאָט! זאָ וואס שעהנעס, זאָ וואס הימעלשעס, זאָ וואָס געטליכעס זאָל אריינפאַלען אין דיזען זומפּ, וואָס הייסט בראַנזוויל! — האָט ער זיך צעוואַרעמט און גענומען רעדן אויף דעם דייטשן לשון, וואָס מען האָט אַזאַ געקאָנט אין יענער צייט הערן פון יידישע אַקטיאָרן אויף דער יידישער בינע.

— אַ דאַנק אייך פאַר די קאָמפּלימענטן, מיסטער בלום, — האָט זיך רייטשל אָנגערופן און זי האָט שוין געקוקט אויף אים מיט שטיפערישע אויגן, ווייל ער איז איר געפעלן געוואָרן.

און זי האָט צוגעגעבן:

— פונדעסטוועגן קיין ניי־מאשין וועל איך ביי אייך נישט קויפן, ווייל איך דאַרף נישט.

— איר וועט יאָ קויפן. ביי מיר קויפט מען. ווי איז אייער נאָמען?

— רייטשל.

— רייטשל. אַ שיינער נאָמען. אָבער איר זענט טויזנט מאָל שענער פון אייער נאָמען. איר ווייסט? איר האָט דאָך וואונדערלע־כע אויגן, געטלעכע אויגן! היינט דער שמייכל, די פיגור. אַ פרינ־צעסין זענט איר דאָך. איר ווייסט, ווי איך וועל אייך רופן? ווענוס! דאָס איז די געטין פון שיינקייט. איך האָב ליב שיינקייט, איך פאַרגעטער שיינקייט! אָ, זאָ וואס, זאָ וואס, זאָ וואס! — האָט ער ווידער גענומען רעדן אויף זיין דייטש און געקוקט אויף איר צעפלאַמטן פנים.

רייטשל האָט זיך צעלאַכט מיט אירע הייסע, ברוסטיקע טענער.

— אָ, מיסטער בלום, מיר דאַכט זיך גאָר, אַז איר מאַכט פון מיר חוזק, — האָט זי נאָכדעם זיך אָנגערופן.

— זאָל מיך גאָט שטראָפן, ווענוס־רייטשל!

און ער האָט זיך אויך צעלאַכט, און דערנאָך האָט ער פלו־צים געזאָגט:

— אַלנפאַלס זאָלן מיר זיין באַקאַנט. איר וווינט אין דעם הויז? מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל טרעפן. איך גיי דאָ אָפט פאַרביי. איך האָב אין אָט דער געגנט קאָסטימערס. איר האָט ליב צו גיין

אין אַ טעאַטער? איך וועל אײַך אַמאָל אויסנעמען אין אַ טעאַטער. אַדיע! אַדיאָ, וועגוס־רײַטשל!

אַ דריק געטאָן איר האַסטיק די האַנט און איז אַוועקגעלאָפֿן אַזוי לײַכט, ווי ער וואָלט אַוועקגעשוועבט.

אַזוי האָט זי זיך באַקענט מיט סעמקע בלום. נאָכדעם אָבער זענען אַוועק עטלעכע וואָכן און זי האָט אים מער נישט געזען, הגם זי איז נישט איינמאָל געשטאַנען פֿאַר איר שוועסטערס הויז און האָט דאָרט געוואַרט, טאָמער וועט זי אים ווידער זען פֿאַרביי־גייענדיק, דעם שיינעם דזשענטעלמאַן...

דערווייל האָט זי זיך צעווערטלט מיט איר שוועסטער און איז אַוועק וווינען צו אָרען, וואָס מיט זיין מיזינקע עטלען האָט זי גע־אַרבעט אין איין שאַפּ און איז געווען מיט איר גוט באַפֿריינדעט.

מיט עטלען האָט זי אָפֿט געשמועסט וועגן אים. וואָרום זי האָט גאָרנישט געקאָנט פֿאַרגעסן יענעם שיינעם דזשענטעלמאַן, וואָס האָט גערעדט אַזוי שיין, אַז עס איז געווען ממש אַ מחיה צו הערן. היינט זיינע קאָמפּלימענטן...

פֿון די היימישע בחורים, וואָס זי האָט געטראָפֿן ביי איר אין שטאָט, אין וויטעבסק, האָט זי קיינמאָל קיין קאָמפּלימענטן, בפֿרט אַזעלכע, נישט געהערט. ער האָט אויסגעזען זייער געבילדעט און יענע זענען געווען פּשוטע בחורים, אַרבעטער און פּריקאַז־טשיקעס. ווען זיי וואָלטן געווען געבילדעטע בחורים, וואָלט זי זיי קיינמאָל גאָרנישט געטראָפֿן: מחמת זי אַליין, אַ קינד פֿון אַ טאַטן אַ שניידער, אַ לאַטוטניק, איז דאָרט אויך געווען אַ פּריקאַזשטשי־צע אין אַ קראָם. אַגב, פֿון דרייצן יאָר אָן האָט זי דאָרט געאַר־בעט אין דער קראָם און פֿאַרדינט אַ רובל אַ וואָך. זעקס יאָר האָט זי דאָרט אָפּגעאַרבעט, ביז זי האָט זיך אַרויפֿגעאַרבעט אויף גאַנצע זעקס רובל אַ חודש. פֿאַר דער צייט, וואָס זי האָט אין יע־נער קראָם געאַרבעט, האָט זי זיך אויסגעלערנט שרייבן אַביסל ייִדיש און לייענען אַ ייִדישן ראָמאַן. און פֿאַר אָט דער צייט איז זי אויך געוואָרן מערקווירדיק־שיין און געזונט, און די בחורים האָבן אָנגעהויבן זיך צו „פּוצן" צו איר, דאָס הייסט, איר נאָכ־לויפֿן.

זי האָט געהערט זייערע צווידייטיקע רייד, געפֿילט אויף זיך

זייערע ברענענדע בליקן, וואָס האָבן זי געצונדן. זי האָט געלאַכט מיט זיי, געשטיפט מיט זיי, האָט אָבער אַלעמאָל געוווּסט, וואָס זיי האָבן געזוכט.

שבת נאָכמיטאָג האָט זי זיך אַמאָל פאַרקליבן מיט אירע חברטעס ערגעץ אין אַ הויז און האָט דאָרט געטאַנצט און געזונגען מיט די יונגע בחורים.

און אַז אַ בחור האָט דערציילט אַ פעפערדיקן וויץ, האָט זי געקוויטשעט פון פאַרגעניגן, געכאַפּט זיך קנייפּן אירע חברטעס, איז אונטערגעשפּרונגען פאַר געלעכטער, אָדער זי האָט זיך גאָר אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט, וואָס איז דערביי געשטאַנען, און געקייקלט זיך און געדריגעוועט מיט די פיס און געלאַכט און געשריגן:

— אוי, איך חלש, אוי, איך שטאַרב! מאַמעלעך מיינע!

געוויינלעך האָט זיך שוין געפונען אַ בחור, וואָס האָט איר דעמאָלט אַרונטערגעשלעפּט פון בעט, אַמאָל פאַר די פיס, אַמאָל פאַר די הענט. און אַן אַנדערער האָט איר גאָר אַ פּאַק געטאָן ביי די שטייפע לידקעס און אַ הויב געטאָן זי אינדערהויך אין זיינע אָרעמס און אַריינגעדריקט זיין מאָרדע אין אירע אויסגעשטעלטע, לאַכנדיקע ציין, און זי געבערענט מיט זיינע אָנגעצונדענע אויגן, און געסאָפּעט און געבריט זי מיט זיין אָטעם...

און אין די זומערדיקע שבתים האָט זי גאָר געקערט וועלטן מיט חברה אין וואַלד, אויפן שאָסיי. און יעדעס מאָל האָט זי זיך צוריקגעקערט פון דאָרט מיט צייכנס איבערן גאַנצן לייב, וואָס די בחורים מיט זייער ווילדן שטיפן האָבן איר געמאַכט. נאָר דאָס, אגב, האָט איר דווקא נישט געאַרט. פאַרקערט. זי האָט הנאה געהאַט דערפון, וואָס זי רייצט־אויף די אַלע בחורים, וואָס זיי ווערן אַזוי ווילד פון איר. זי האָט אויך הנאה געהאַט דערפון, וואָס זי אַליין רייצט זיך אויף. זי האָט זיך אָבער אַלעמאָל געהיט, אַז זי זאָל נישט פאַרלירן דעם קאָפּ, חלילה...

ווען זי איז מיט צוויי יאָר צוריק געקומען קיין אַמעריקע צו איר שוועסטער, איז זי מער ווי פון אַלצדינג דאָ איבערראַשט געוואָרן פון די היגע באָיעס. אַפילו די רייכסטע בחורים אינדערהיים זענען נישט געווען אַזוי שיין אָנגעטאָן און האָבן נישט אויס־

געזען אזעלכע קאוואליערן, ווי די היגע באַיעס. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי וואָלט זיך געקאָנט פאַרליבן אין יעדן איינציקן פון זיי. זי אָבער האָט זיך געהיט פון צו פאַרליבן זיך, כּל־זמן זי האָט נישט געטראָפן דעם „ריכטיקן", מיט וועמען זי זאָל קאָנען חתונה האָבן. מחמת פאַר די היגע באַיעס האָט זי זיך נאָכמער געהיט, ווי פאַר די היימישע בחורים...

דאָס הייסע לעבן, וואָס האָט געקאָכט אין איר, האָט מחמת דעם אַמאָל זיך ביי איר אַרויסגעריסן אין ווילדע שטיפערייען און געזוכט באַפרידיקונג אין די אינטערעסאַנטע ראָמאַנען פון די יידישע צייטונגען...

דידאָזיקע ראָמאַנען האָט זי ממש פאַרשלונגען און זי האָט געליטן און געליבט צוזאַמען מיט די ראָמאַנען־העלדן.

אָפט, בעת זי איז געלעגן אויף איר געלעגער, האָט זי די פאַנטאַזיע אירע געלאָזט זיך צעשפּילן, און דעמאָלט איז זי אַליין געווען די העלדין פון איינעם פון דידאָזיקע ראָמאַנען. זי איז געווען אַ גרעפין, אַ באַראָנעסע, אַ מאַרקיזע, און איינמאָל אַפילו די רוסישע קייזערין קאַטערינע די גרויסע אַליין... דעמאָלט האָט זי זיך אויך אויסגעקליבן אַ געליבטן פון די באַיעס, וואָס זי האָט געקענט, צי פון אַ שאַפּ, צי פון די לאַנדסלייט, און זי האָט אים געמאַכט פאַר אַ גראַף, אַ באַראָן, אַ מאַרקיז און געלעבט מיט אים אַ גוטן טאָג אין דער פאַנטאַזיע...

וועגן די דאָזיקע ראָמאַנען־העלדן האָט, אגב, מיט איר כּסדר גערעדט אויך עטל, אָרעם מיזינקע. יענע האָט אויך מיטגעליבט און מיטגעלעבט מיט די העלדן פון די אַלע ראָמאַנען, וואָס זי האָט געלייענט, אַזוי ווי רייטשל. ביי אָט דער שוואַכער, בלייכער עטלען איז דאָס גרעסטע פאַרגעניגן געווען צו לייענען דידאָזיקע ראָמאַנען אין שאַפּ, ווען נאָר זי האָט געהאַט אַ פרייע מינוט, און זי האָט מיט התפּעלות דערציילט רייטשלען וועגן דעם העלד אָדער דער העלדין פון דעם ראָמאַן. און הגם פאַר רייטשלען איז דאָס שוין קיין נייעס נישט געווען, מחמת זי האָט שוין אויך וועגן דעם געלייענט אין דעם צייטונגס־ראָמאַן, האָט זי פונדעסטוועגן הנאה געהאַט נישט ווייניקער פון עטלען צו רעדן דערפון מיט איר.

אין יענער צייט זענען רייטשל מיט עטלען געווען די

בעסטע חברטעס. און ווען רייטשל האָט זיך אַריינגעצויגן צו אָרען, האָט עטל זיך דערמיט זייער געפרייט. דערפאַר האָט רייטשל פאַר איר אויסדערציילט אַלע אירע סודות און זי האָט אויך געַרעדט וועגן דעם, אַז זי וואָלט נאָכאַמאָל זיך וועלן טרעפן מיט יענעם שיינעם דזשענטעלמאַן, מיט מיסטער בלומען, הייסט עס. און גערעדט האָט זי דערפון אין אַזאַ טאָן, אַז זי האָט עטלען אויך שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעמדאָזיקן שיינעם קאַוואַליער. און נישט איינמאָל האָט זיך ביי איר, עטלען, אַרויסגעריסן, אַז זי וואָלט אים וועלן אָנקוקן, כדי צו זען, וואָס פאַר אַ געשמאַק זי, רייטשל, האָט געהאַט. ער האָט זיך אָבער אַלץ נישט געוויזן, ביז איינמאָל...

ווידער אַ שבת נאָכמיטאָג איז דאָס געווען, פסח, אינדרויסן האָט געשיינט און געוואַרעמט אַ פרילינג־זון. רייטשל און עטל זענען דעמאָלט געזעסן אויפן גאַנעק און האָבן געלייענט פאַרכאַפּט דעם ראָמאַן אין דער שבתדיקער צייטונג. מיטאַמאָל האָבן זיי דערהערט אַ מאַנסבילשן קול:

— זע נאָר, זע נאָר!...

און, אַז זיי האָבן אַ קוק געטאָן, האָבן זיי דערזען נעבן גאַנעק אַ בלאָנדן יונגנמאַן, אַ פראַנט. און ביי רייטשלען האָט אַ האַק געטאָן אינם האַרצן און דאָס פּנים האָט זיך ביי איר צעפלאַמט מחמת זי האָט דערקענט אינם דאָזיקן יונגנמאַן סעמקע בלומען. זי איז געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז אויף אַ רגע האָט זי אָנגעווירן דאָס לשון.

דערווייל איז סעמקע בלום אַרויפגעגאַנגען אויפן גאַנעק, צוגעגאַנגען צו רייטשלען, וואָס איז נאָך געזעסן מיט אַ צעפלאַמטן פּנים, און האָט איר דערלאַנגט די האַנט.

דאָסמאָל איז ער נאָך געווען שענער, איידער דעמאָלט, בעת רייטשל האָט אים געטראָפן צום ערשטן מאָל, און אַלצדינג אויף אים האָט געבלאַנקט און געבליאַסקעט — די נייע שיך, דער העלער, לייכטער מאַנטל, דער ברוינער הוט, אפילו די פאַרדרייטע וואָנצעלעך.

— מאַי, מאַי, ווו זענט איר געווען? ווו זענט איר אַהינגעקומען? — האָט סעמקע בלום גערעדט ווייטער. — איך האָב אייך

די גאַנצע צייט אַרומגעזוכט, זיך נאָכגעפרעגט אויף אייך ביי אַ סך מענטשן...

רייטשל איז שוין געקומען צו זיך און האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט.

— טאַקע זיך נאָכגעפרעגט אויף מיר? — האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ פריילעכן שמייכל.

— אַלץ הייסט נאָכגעפרעגט. ווו איז יענע שיינע רייטשל? — האָב איך זיך נאָכגעפרעגט. — די גנבטע, וואָס האָט ביי מיר צוועקגעגנבעט מיין רו? אַנטשולדיקט, אַי בעג יור פּאַרדאָן, — האָט ער זיך מיטאַמאָל איבערגעשלאָגן און אַ קוק געטאָן אויף דער בלייכער עטלען, וועלכע האָט פאַרוווּנדערט געקוקט דאָ אויף אים און דאָ אויף רייטשלען.

רייטשל האָט זיי דעמאָלט פאָרגעשטעלט:

— דאָס איז מיין חברטע עטל. איך וווין דאָ ביי איר טאַטן. און דאָס איז מיסטער בלום, עטל...

און די בלייכע עטל האָט זיך אַזש צערויטלט פאַר איבעראַשונג...

אָט אַזוי האָט רייטשל זיך מיט אים צום צווייטן מאָל געטראָפן. און פון דעמאָלט אָן האָט זי אים גענומען טרעפן אַלץ אָפטער און אָפטער. זי האָט גענומען ביי אים אויך אַ ניי־מאַשין אויף אויסצאָלן, כּדי ער זאָל האָבן אַן אויסרייד צו קומען צו איר. און ווען אָרע האָט איר דעמאָלט פאָרגעוואָרפן: ס׳טייטש, ווי נעמט דאָס אַן אָרעם מיידל און וואַרפט אַרויס געלט, מיר־ניִשט, דיר־ניִשט, אויפן ווינט? זי איז עפּעס אַ ראָטשילדיכע, וואָס? זי פאַרדינט דאָך אינגאַנצן זעקס דאָלער אַ וואָך אינם שאַפּ? האָט זי געענטפערט: „ווי קאָן מען דאָס אָפּזאָגן אַזאַ שיינעם, געבילדעטן קאַוואַליער מיט אַזוינע וואָנצעס?"

און זי, רייטשל, האָט דערביי אויסגעשטעלט אירע ליפּן, אַ שמאָטשקע געטאָן מיט זיי די לופט איין מאָל, צוויי מאָל און אַ דריטן מאָל, און צוגעלייגט, פאַסמאַקעווענדיק זיך, ווי פון אַ געשמאַקער נאַשעריי, און לאַכנדיק מיט די שוואַרצע, פייערדיקע אויגן:

— אוי איז דאָס אַ זיסער דזשענטעלמאַן!...

אַפילו עטל האָט זיך דעמאָלט אויך אָנגערופן, אַז ווען ער וואָלט נישט געווען אַ פאַרהייראַטער מאַן און זי וואָלט געהאַט געלט, וואָלט זי ביי אים אויך גענומען אַ מאַשין, צי זי וואָלט די מאַשין געדאַרפט, צי נישט...

קורץ, אין אָט דעם בלומען האָט זיך רייטשל צום סוף פאַר־ליבט.

שייך פאַרליבט: זי איז פול געווען מיט אים. סיי ביי דער אַרבעט אין שאַפּ, סיי ווען זי האָט געלייענט אַ ראָמאַן, האָט ער פּלוצים אויפגעטויכט פאַר איר, דער בלאָנדער, שלאַנקער סעמקע בלום, מיט זיינע העלע, פריילעכע, גנבישע אויגן און מיט קאָקע־טיש־פאַרדרייטע, בלאָנדע וואָנצעלעך, און ער האָט איר געמישט די געדאַנקען און צערודערט איר דאָס האַרץ.

גוטינקער גאָט, ווי שיין ער איז געווען! היינט זיין גאַנג, זיין נעמען די האַנט, זיין געבן די האַנט, זיין קושן די האַנט, — וועל־כער אַנדערער קאַוואַליער האָט זיך געקאָנט פאַרגלייכן צו אים! וועלכער קאַוואַליער האָט געקענט אַזוי מחיהדיק שמייכלען, אַזוי ווי ער? היינט זיין רעדן, זיין רעדן — זי וואָלט, דאַכט זיך, צען מאָל געשטאָרבן פאַר אים!...

אַזוי האָט געטראַכט אין יענער צייט רייטשל וועגן סעמקע בלום, און די גוטע העלדן פון די ראָמאַנען, וואָס זי האָט דע־מאָלט געלייענט, האָבן אַלע אויך אויסגעזען אַזוי ווי ער. אָבער אַמאָל האָט זי וועגן אים געטראַכט מיט שרעק אויך. איבערהויפּט שפּעטער, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן אַוועקצוגנבענען פון עטלען, כּדי צו טרעפן זיך מיט אים אַליין אין דעם דערבייאיקן וועלדל, נישט ווייט פון אָרעם הויז אויף קריסטאָפער סטריט...

אין יענעם וועלדל דאָרט, ווו עס האָט געפרילינגט און גע־שפּראָצט מיט גרינעם לעבן, האָט זי זיך אַ פּאָר מאָל קוים אַרויס־געריסן פון סעמקע בלומס הענט. זי האָט זיך שיער אַליין דאָרט נישט פאַרלוירן.

ער האָט גערעדט צו איר דעמאָלט ווערטער, פון וועלכע אינם מוח ביי איר האָט זיך געמישט.

„מיין ענגעל", — האָט ער גערעדט צו איר, — „מיין גע־

טין, נאָר מיט דיר אַליין פּיל איך זיך זאַ הימליש, נאָר מיט דיר אַליין פּיל איך זיך, ווי אין הימלישן פּאַראַדיז!״...

און דערביי האָט ער זי געקושט און זי געדריקט אין זיינע שטאַרקע אָרעמס. איז אפּנים אַ חידוש, אַז זי האָט שיער דעמאָלט נישט פאַרלוירן דעם קאָפּ! באמת, נאָר אַזוי ווי דורך נסים האָט זי זיך דעמאָלט אַרויסגעריסן פון זיינע הענט!...

נאָכדעם האָט זי זיך אַ שטיקל צייט געהיט פון צו גיין מיט אים אַליין אין וועלדל. ער אָבער האָט דוקא זי געשלעפּט אַהין, ביז זיי האָבן זיך אַמאָל צעקריגט.

ווי אַזוי איז זי דעמאָלט נישט משוגע געוואָרן? ס'האַרץ איז איר אויסגעגאַנגען צו זען אים, אַ קוק צו טאָן אויף אים כאָטש פונדערווייטנס. ער האָט זי לאַנג אָבער נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך. אין דער אייגענער וואָך נאָך איז ער געקומען צו איר קאַ־לעקטן פאַר דער ניי־מאַשין, און דעמאָלט האָבן זיי זיך איבער־געבעטן, און דעמאָלט האָט זי ווידער געהערט פון אים די ווער־טער: „מיין ענגעל״, „מיין געטין״, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט נאָך מיט מער געפיל, איידער פריער...

און איינמאָל ביינאַכט, ווען קיינער, אַ חוץ איר, איז אין שטוב נישט געווען, נישט אפילו עטל, איז ער, סעמקע בלום, אַריינגעקומען און זי גערופן שפּאַצירן. זי האָט אים געענטפערט, אַז זי האָט צוגעזאָגט עטלען צו וואַרטן אויף איר. ווען עטל וועט קומען, וועלן זיי דעמאָלט גיין אַלע שפּאַצירן, זאַלבע־דריט.

דאָס איז געווען ביי איר אינם צימער. אַ גאַז־ברענער האָט טונקל געברענט (עס איז נאָך געווען די צייט פון קעראָסין־לאָמפּן און גאַז־ברענערס אין בראָנזוויל). אַ פענסטער איז געווען אָפן און אַ מאַיאָווע וואַרעמע שוואַרצע נאַכט האָט פונדרויסן אין אים אַריינגעקוקט.

רייטשל איז געזעסן ביי זיך אויפן בעט, און ער, סעמקע בלום, אויף אַ שטול נעבן אָפענעם פענסטער. פּלוצים איז סעמקע אויפגעשטאַנען און האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר אויפן בעט.

— מיין ענגעל, מיין געטין, ווי איך האָב געבענקט נאָך דיר! — האָט ער אַרויסגערעדט אין אַזאַ טאָן, אַז רייטשל האָט בפירוש געזען, אַז דאָס חיות איז אים אויסגעגאַנגען.

ער האָט גענומען איר האַנט און זי געגלעט, נאָכדעם האָט ער איר געגלעט די באַקן, די האָר און געקוקט אויף איר אַזוי, אַז רייטשל איז אומרואיק געוואָרן און האָט זיך אָפּגערוקט פון אים.

— מיסטער בלום... — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט און גע־פילט, ווי אינגם הארצן האקט איר און האמערט...

און דאָ האָט עפּעס מיטאַמאָל פּאַסירט... זי האָט געזען נאָר זיינע אויגן, ווי ביי אַ משוגענעם, און געפילט זיין אָטעם, וואָס האָט זי געבּרענט און געשטיקט, אַז זי האָט אַפילו שרייען נישט געקאָנט. דערנאָך אָבער האָט זי צונויפגענומען אירע גאַנצע כּחות און אים אַ שטויס געטאָן פון זיך מיט אַזאַ געוואַלט, אַז ער האָט זיך אָנגעשלאָגן מיטן נאַקן אָן דער וואַנט, און זי אַליין איז אַרויס־געלאָפן פונם צימער, אַרויס אויפן גאַנעק און האָט זיך דאָרט אַוועקגעזעצט אויף אַ שאָקל־שטול און זיך שטיל צעוויינט.

נאָכדעם איז ער אויך אַרויסגעקומען אויפן גאַנעק און זיך אַוועקגעשטעלט דאָרט אויף די קניען פאַר רייטשלען און כּמעט מיט טרערן אינם קול זיך געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל אים מוחל זיין, ער איז נישט שולדיק. ער שווערט ביי גאָט, ער שווערט ביי זיין ליבע צו איר, אַז ער האָט נישט געוווסט, וואָס ער טוט. ווען ער האָט זי דערזען, האָט ער זיין פאַרשטאַנד פאַרלוירן, אָבער מער נישט. ער וועט איר ווייזן, אַז ער קאָן זיין שטאַרק, מעג ער אַפילו שטאַרבן פאַר בענקעניש נאָך איר. ער וועט זיין אַ דזשענ־טעלמאַן!

און זי האָט זיך באַרואיקט צום סוף.

ערשט שפּעטער, אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען, און זי איז שוין געלעגן ביי זיך אויפן בעט, איז איר ווידער מיטאַמאָל מוראדיק געוואָרן...

וואָלט ער באַטש נישט געווען קיין פאַרהייראַטער, אַזוי אָבער... וואָס פאַר אַן אומגליק איז ער אויף איר קאָפּ! וואָס האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף אירע יאָרן? נישט אַנדערש, אַז ער האָט זי געוואָלט אוועקקוילענען! אָבער נישט דערלעבן וועט ער דאָס! אויב ער האָט געמיינט, אַז זי איז אַזאַ, וועט ער שוין שפּעטער אַנדערש מיינען...

אזוי האָט רייטשעל געטראַכט יענע נאַכט, און אזוי האָט זי געטראַכט די נעכט שפּעטער: היטן זיך מוז זי פאַר אים, היטן... נאָר גיי היט זיך אויס פון אַ מאַן, פון וועלכן מען טראַכט גאַנצע טעג און נעכט. עס האָט זי געצויגן צו אים מיט עפּעס אַ ווילדער קראַפט. זי האָט זיך אָבער אויך געריסן פון אים. זי האָט זיך גע־ווערט און געראַנגלט קעגן אים און קעגן זיך אַליין, און אַמאָל האָט זי בייזאַכט געשטיקט דעם געוויין אין קישן און געמורמלט דורך פאַרשצעמטע ציין: סיידן ער וועט זיך גטן מיט זיין ווייב, אַז נישט — אַ גוטע מכּה אים אין האַרצן!...

עס איז דערגאַנגען ביי איר אַזוי ווייט, אַז גאַנץ אָפט ביי־נאַכט, ווען זי האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן, האָט זי געטראַכט: זי וועט אים צוריקגעבן די גיי־מאַשין, וועט ער דעמאָלט נישט קומען צו איר קאָלעקטן, אַזוי וועט זי פּטור ווערן פון אים אינ־גאַנצן. ווען זי וועט אים נישט זען מער און וועט נישט הערן זיין קול און זיינע שיינע ריידעלעך, און וועט נישט זען מער זיין ליכ־טיקן פּנים, וועט זי דעמאָלט אפשר אים קאָנען פאַרגעסן. אָבער אין דער אייגענער צייט, בעת זי האָט אַזוי געטראַכט, האָט זי אַ שרעק אָנגעכאַפּט, טאָמער וועט זי אים נישט זען מער און זי האָט זיך געפילט פאַרלוירן.

אזוי האָט זי געטראַכט און אַזוי האָט זי געפילט, און סוף־כּל־סוף האָט זיך דאָס אַלעמאָל געענדיקט דערמיט, אַז זי האָט דערנאָך מיט דער גרעסטער אומגעדולד געוואַרט אויף דער מינוט, ווען זי האָט זיך גענדאַרפט טרעפן מיט אים...

און האָט געטראָפן אַמאָל, אַז ער איז פאַר עפּעס ברוגז גע־וואָרן אויף איר, האָט זי זיך געפילט דעמאָלט אומגליקלעך און האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. דערפאַר איז זי גע־ווען באַזונדערס גליקלעך שפּעטער, ווען ער האָט זיך איבערגע־בעטן און ווידער גענומען שפּילן דעם פאַרליבטן קאַוואַליער, דע־מאָלט האָט זי גליקלעך געלאַכט און געשטיפט, אַמאָל אַפילו מיט אָרען אויך, אַזוי ווי פריער...

אזוי האָט עס געהאַלטן צווישן רייטשעלען און סעמקען אַ קור־צע צייט, איידער אָרע איז רייך געוואָרן.

3

די „בום־מאַשין" און ווי אזוי אָרע איז אויפגעקומען און רייטשל איז „אַריינגעפאַלן" און סעמקע בלום האָט פון איר פעטש געכאַפּט...

מיטאמאל האָט סעמקע בלום זי אויפגעהערט צו זען. דאָס הייסט, זען האָט ער זי דוקא געזען, נאָך אַפטער ווי פריער, אָבער פארבראַכט האָט ער מיט איר וויניק. מחמת ער האָט קיין צייט נישט געהאַט, מחמת דער קאָפּ איז ביי אים געווען פארנומען מיט עפּעס אַנדערש. ער איז כמעט יעדן טאָג געקומען מיט נאָך איינעם, אַן עלטערן יידן, וואָס האָט געהייסן אברהם יאַכנעטשיק, צו אָרען און האָט עפּעס מיט אים אַריינגעטענהט מיט היץ.

דאָס האָט סעמקע בלום געפּרוווט פועלן ביי אָרען, אַז ער זאָל צושטיין צו אים און צו אברהם יאַכנעטשיק, ווי אַ דריטער שותף, און זיי זאָלן צוזאַמען קויפן אַ געוויסן „פּאַרסעל" ביי אַ פאַרמער, פון וועלכן מען וועט גאָר־גאָר נתעשר ווערן...

און אברהם יאַכנעטשיק, אַ קורצער און דיקער ייד מיט אַ גרוי, שפּיציק בערדל און פאַרזשמורעטע אויגן און מיט אַן אויסגעשטעלטן בויך אונטער אַ שוואַרצן, לוסטרינענעם רעקל, — אַן אַלטער בראָנזווילער תושב, אַ היימישער סטאָליער און דאָ אַ פעדלער מיט שליסלען, וואָס אָרע האָט אים גוט געקענט, — ער האָט אויך צוגערעדט אָרען צו דעם און זיך געבעטן ביי אים ממש רחמים, סאָפּענדיק דערביי ווי אַן אַלטע קאַץ, מחמת ער האָט געליטן פון אַסטמע:

— געוואַלט, ר' אָרע, איר קענט דאָך מיך, איר ווייסט דאָך, אַז איך וועל אייך חלילה נישט פאַרפירן. דער „פאַרסעל" איז אַן אוצר. אַן אַנדערער וועט אים אויסכאַפּן. געוואַלט, מענטשן ווערן רייך. וואָס האָט איר מורא? איך לייג דאָך אויך אַריין מיין לעצט געלט, און מיסטער בלום לייגט דאָך אויך אַריין זיין לעצט געלט.

און אָרע האָט אַ צעטראָגענער זיי געענטפערט:

— איך ווייס?... איך הער, אַז מענטשן ווערן אויפגעריכט...

דער און יענער האָט געהאַט מזל... איך וואָלט אויך וועלן פּרוּוון מזל, נאָר איך האָב מורא... מיין עטלעכע גדן... אַ מיידל מוז מען חתונה מאַכן...

און ער האָט געענדיקט:

— איך וועל זיך אָבער מיישב זיין און איך וועל אייך געבן מאָרגן אַ תשובה...

און אַזוי זענען סעמקע בלום און אברהם יאַכנעטשיק נאָכגעלאָפן נאָך אָרען אַ פּאָר וואָכן נאָכאַנאַנד, אַז ער זאָל ווערן זייער שותף, און זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט מיט אים מאַכן.

דעם פריערדיקן „פּאַרסעל" האָבן שוין אַנדערע געהאַט אָפּגעקויפט, און סעמקע בלום מיט יאַכנעטשיקן זענען געקומען צו אָרען מיט אַנדערע מציאות, מיט אַנדערע „פּאַרסעלס" און מיט טענות, אַז שמערל פינקעלשטיין, בן־ציון גולאַש, דאָקטאָר זילבערשטיין, סאַמועלסאָן דער לאָיער, חיים־זושע פּליוך — אַלע, אַלע שאַרן גאָלד איצט פון די „לאָטס" און פון די „פּאַרסעלס". פון האַנט־צו־האַנט פאַרקויפט מען און מען ווערט נתעשר...

און אַז אָרע האָט עס געהערט, האָט ער געזיפצט און געטראַכט: וואָס זאָל ער טאָן? ער האָט געקאָנט די יידן, וואָס זענען איבערנאַכט רייך געוואָרן, ווי ער האָט געהערט. שמערל פינקעלשטיין איז אויך געווען אַ פּעדלער, ווי ער. היינט וועט ער שוין נישט דאַרפן מער שלעפּן דעם שווערן פּאַק אויף די פּלייצעס. אָבער ער, אָרע, האָט ביי זיך אַלץ נישט געקאָנט פועלן איינצושטעלן די פינף הונדערט דאָלער, עטלעכע גדן, ווי סעמקע בלום און יאַכנעטשיק האָבן אים איינגערעדט.

און סעמקע בלום, וואָס אים איז שווער געווען צו קריגן אַנדערע שותפים אין בראָנזוויל, אַ חוץ יאַכנעטשיקן — מחמת מען האָט אים דאָרט גוט געקענט און מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ בלאָפער, — ער האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן אָרען, און צו יאַכנעטשיקן האָט ער געטענהט, אַז ער זאָל נאָר האָבן אַביסל געדולד, וועט ער שוין ביי אָרען אַרויסקריגן דאָס געלט.

און, באמת, אין אַזוינע זאַכן איז סעמקע בלום געווען גאָר אַ גרויסער בריה. ער איז קיינמאָל נישט נתפּעל געוואָרן, ווען מען האָט אים געזאָגט „ניין", ער האָט זיך געטאָן זיינס מיט דער

גרעסטער עקשנות, ביז ער האָט זיינס אויסגעפירט, אזוי אַלס אַגענט פון זינגערס ניי־מאַשינען און אזוי אַלס קאַוואַליער...

און וואָס איז שייך אָרען, דאָס הייסט, אריינצוקריגן אים פאַר אַ שותף, האָט אים אַרויסגעהאָלפן אויך דאָס, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין יענער צייט אין בראַנזווויל.

אזוי ווי די בראַנזווילער ערד מיט אַלע אירע בלאָטעס און זומפּן וואָלטן דורך עפּעס אַ כּישוף זיך צעבליט דעמאָלט מיט גאָלד און מיט גאָלדענע רענדלעך געזומען שפּראָצן. פריערדיקע יידישע פּעדלער און אַרבעטער, פריערדיקע אָרעמע קרעמער, צווישן זיי אַ פּאָר דאָקטוירים אָן פּאַציענטן, אַ פּאָר אַדוואָקאַטן אָן קליענטן, — סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן אפילו צווישן זיי, — האָבן זיך נאָך דעמדאָזיקן גאָלד געיאָגט און זיי זענען רייך גע־וואָרן, רייכער און רייכער...

אַ נייע שטאָט האָט זיך געשאַפן, ווי דורך אַ כּישוף. פריער־דיקע אָרעמעלייט האָבן געהאַוועט אויף די בראַנזווילער גאַסן — יידן און יידענעס, בערד שוואַרצע, בערד געלע, היימישע בערד, קאַלטענעוואַטע, מיט געדיכטע פּאות, וואָס האָבן צוגעדעקט די אויערן, און יידן אינגאַנצן אָן בערד — האָבן זיך געטראָגן, גע־יאָגט איבער די בראַנזווילער גאַסן, אזוי ווי פאַרכישופטע, און מען האָט געהערט פון זיי:

— לאָטס! לאָטס! פּאַרסעלס! פּאַרסעלס! פּאַרסעלס!...

די היט פאַרדרייט אויף די קעפּ, די אויגן צעבערענט, פאַר־האַוועט־אויסגעגלאָצט, און געיאָגט זיך איינער נאָכן אַנדערן, אי־בערגעיאָגט איינער דעם אַנדערן, געסודעט זיך איינער מיטן אַנ־דערן, איבערגעשריגן איינער דעם אַנדערן, געשלעפּט איינער דעם אַנדערן ביים אָרעם, ביים אַקסל, ביי אַ קנעפּל פון ראָק און גע־קלאַפּט זיך איבער די הענט:

— צוויי טויזנט! דריי טויזנט! פינף טויזנט! איך נעם צו דעם „פּאַרטעל" — איך! איך! איך!...

פאַרכאַפּט זענען זיי אַלע געווען פון איין אימפּעטיקן, פייער־דיקן דראַנג, וואָס האָט זיי געטריבן אין אַ וועלט, וואָס איז גע־ווען מער חלום איידער וואָר; ווו דיזעלבע הענט, וואָס זיי האָבן ערשט נעכטן געציטערט, בעת זיי האָבן געציילט איינציקע, שווער־

פאַרהאָרעוועטע פּנים, האָבן היינט געציילט מיט ברענענדיקן אימפּעט די גרינג-אָנגעקומענע טויזנטער דאָלערס.

געוואָרפן האָט יעדן טאָג נאָך אַ פּעדלער און נאָך אַ פּעדלער זיין פּאַק און זיין קערבל סחורה אין יענער צייט; נאָך אַ קרעמער און נאָך אַ קרעמער זיין קרעמל; נאָך אַ פּרעסער און נאָך אַ שניידער זיין שאַפּ, און מ׳איז געלאָפן צו די זומפּיקע „פּאַרסעלס" און צו די בלאָטיקע „לאָטס", ווו גאָלדענע שטראָמען האָבן זיך דורך וווּנדער איבער וווּנדער געטראָגן מיט אַ גאָלדן-קלאַנג און מיט אַ גאָלדן-גערויש...

פאַרשאָטן זענען געוואָרן בלאָטעס אַרום, און בערגלעך זענען אַרונטערגעשניטן געוואָרן און אין גלייכע גאַסן פאַרוואַנדלט געוואָרן.

און דאָרט, ווו ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט זיך געזען אַ טונקעלער וואַלד, האָבן איצט אַרויסגעלויכטן שטיקער לאַנד, וווהין שווערע פורן מיט ציגל און מיט זאַמד האָבן זיך געצויגן, און ווו מענטשן מיט העק און גראָב-אייזנס האָבן זיך באַוועגט און גרויסע דאַמף-מאַשינען האָבן דאָרט געטריבן מיט אייזערנעם געפילדער ריזיקע מיילער מיט שטאָלענע ציין אין דעם ליימענעם און שטיינערנעם באָדן אַריין, און האָבן געריסן שטיקער פון אים און געפלויגן דערמיט דערנאָך אינדערהויך, אינדערהויך, און נאָכדעם זיך אַרונטערגעלאָזן דערמיט און אויסגעשפּיגן עס אין וועגענער, וואָס האָבן געוואַרט אויף דעם...

פאַרמס האָט מען געשניטן אויף גאַסן און זיי גערייניקט און געפּעכט און געאַספּאַלטעוועט, און עס זענען אַרויסגעוואַקסן נייע גאַסן אין דער לענג און אין דער ברייט, און אויך די אַלטע זענען געוואַקסן לענגער און ברייטער.

נייע גאַסן, נייע הייזער, נייע געגנטן און שפּאָגל-נייע גבירים.

עס האָט געבומט די בום-מאַשין מיט ליאַרעם און געפילדער און כמעט יעדער איינער פון אָט די יידן, די נייע „ריעל-עסטייטניקעס", דאָס רוב גרויסע לא-יצלחס אינם לעבן פריער און גאָרנישט קיין געשעפטסלייט, איז געווען אַ שרייפעלע פון דערדאָזיקער מאַשין, צי גאָר אַ טייל פון איר טרייב-קראַפט, — האָט זי געבומט טאַקע מיט יידישן ברען, מיט יידישער ענערגיע, מיט

יידישן ליאַרעם, מיט יידישן אימפּעט, און אַ נייע שטאָט איז אויפ־געקומען און אַ נייער קלאַס יידישע גבירים.

די באַנקן האָבן געעפנט זייערע אוצרות פאַר אָט די יידן, און טויזנטער הענט האָבן זיך געצויגן צו אָט די־דאָזיקע אוצרות.

אַ העלע עלעקטרישע ליכט האָט זיך צום ערשטן מאָל צע־גאָסן איבער פּיטקין עוועניו. גרויסע עלעקטרישע ליכט, ווי פולע לבנות, האָבן פאַרטריבן די שוואַרצע נאַכט פון דאָרט, און וווהין די פריערדיקע בייזאַכטיקע פינסטערניש פון פּיטקין עוועניו איז אַוועק, אַהין איז אויך אַוועק דאָס פריערדיקע פינסטערע לעבן, דער פריערדיקער דלות פון גאָר אַ סך פון אָט די יידן...

באמת, אַזוי ווי אין אַ חלום וואָלט עס פאַרגעקומען — אין אַ חלום, וואָס וואָלט פון אימיצן אויסגעפּישופּט געוועז.

דאָס אַלצדינג האָט געמוזט ווירקן אויף אָרען און בסדר האָט ער זיך מיישב געווען מיט זיין מאַמען און מיט זיין איידעם פיניען, צי זאָל ער פּרוּוון מזל אָדער נישט. יידן־אָרעמעלייט, פּעדלער ווי ער, זענען דאָך רייך געוואָרן, — האָט ער געטענהט.

זיין אַלטע מאַמע פרומע האָט אים אָפּגערעדט דערפון, און דער עזות־פּנים פיניע האָט אים געזידלט און אים שטענדיק גע־וואָרנט קעגן סעמקע בלום, דעם אַגענטל, דעם „אָדעסער זשוליק”...

צום סוף האָט אָבער סעמקע בלום דאָך אויסגעפירט זיינס:

איינמאָל אָן אויפדערנאַכט איז ער מיט יאַכנעטשיקן געקו־מען צו לויפן צו אָרען מיט געוואַלט, אַז עס איז פאַראַן צו קויפן אַ „פּאַרסעל” ביי אַן אַלטער פאַרמערקע און אַז טויזנטער קאָן מען דערביי מאַכן פון האַנט־צו־האַנט. און אַזוי ווי יענער טאָג איז געווען אַ באַזונדער ביטערער ביי אָרען צוליב דעם, וואָיל גייענדיק אויפן וועג מיטן פּאַק, זענען אים באַפאַלן צוויי שקצים מיט אַ הונט און זיי האָבן אים אַזוי אָנגעשראָקן, אַז נאָך איצט האָט ער געפילט די שרעק אין אַלע זיינע ביינער, האָט סעמקעס אַריינטענהן אויף אים מחמת דעם דעמאָלט מער געווירקט.

און מיטאַמאָל האָט ער אַרויסגעמורמלט:

— אפשר... כ׳וויים?... זאָל זיין... מילא... מסתמא וועט גאָט רחמנות האָבן... גוט, יידן, מאָרגן נעם איך אַרויס דאָס

געלט פון באַנק און איך וועל אויך פּרוּוון מזל! מילא! איינגע־שטעלט איז איינגעשטעלט!

און ער האָט אומבאַהאָלפן אַ פּיר געטאָן מיט בײדע הענט, ווי אײנער וואָלט געזאָגט:

„אַלע פּרוּוון מזל, וועל איך אויך פּרוּוון מזל. וואָס קאָן איך זיך העלפן?"

— איר זײַט נאָר רואיק, ר' אָרע, — האָט יאַכנעטשיק אים דעמאָלט געזאָגט. — מיר וועלן דעם גאַנצן פּאַרסעל אונזערן מאָרגן פאַרקויפן און מיט אַ סך פּראָפּיט.

— הלוואַי! — האָט אָרע אַ זיפץ געטאָן.

זיי זענען געזעסן אַלע בײַם טיש. די אַלטע פרומע איז שוין געשלאָפן און נישט עטל און נישט רייטשל זענען געווען אינדער־היים. אין צימער איז געווען האַלב־טונקל. אײן גאַז־ברענער האָט דאָרט געברענט.

יאַכנעטשיק האָט זיך אויפגעהויבן. אָרע מיט סעמקען גלײַך נאָך אים.

— זאָל זײַן אין אַ מזלדיקער שעה!

— אָמן! — האָט אָרע אַרויסגערעדט מיט געפיל און האָט ווידער אַ זיפץ געטאָן.

— גערענקט־זשע: מאָרגן אינדערפרי! — האָט סעמקע זיך אָנגערופן. — נישט פאַרשפעטיקן!

4

סעמקעס פּאָעזיע

און מיטאַמאָל האָט ער דערזען רייטשלען. זי איז אַרײַנגע־קומען אין איר נײַעם רויטן קלייד.

— אָ, גוד איוונינג! — האָט ער אויסגעשריגן און איז גע־גאַנגען איר אַנטקעגן. — איך וויל אייך טאַקע זען, מיס רייטשל! מיסטער יאַכנעטשיק, — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו יענעם, וואָס איז געגאַנגען מיט אָרען צו דער גאַס־טיר, — גײט, איך וועל אייך

אַניאָגן. איך דאַרף דאָ איינקאַלעקטן אַ פּאָר דאָלער ביי מיס רייטשעלען פאַר דער ניי־מאַשין.

— גוט, איכ׳ל אויף אייך וואַרטן אַרום הויז, — האָט יאַכ־נעטשיק געזאָגט און איז אַרויס מיט אָרען.

ווי נאָר סעמקע בלום איז געבליבן אַליין מיט רייטשעלען, איז ער צוגעגאַנגען צו איר און האָט געוואָלט אַ קוש טאָן איר די האַנט.

זי איז אָבער מיט אַ ברוגזער מינע אָפּגעטראָטן פון אים.

— וואָס, שוין ווידער? — האָט זי אַרויסגעמורמלט. — איך האָב דאָך געמיינט, אַז עס איז שוין אַ סוף.

— וואָס סוף? ווען סוף? ענגעל מיינער, וואָס רעדט איר? איך פאַרשטיי דאָך נישט!

— איר פאַרשטייט נישט, וואָס איך רעד? — האָט רייטשל געזאָגט און געצופּט נערוועז די פאַלדן פון איר רויטער בלוזע. — איך האָב געמיינט, אַז איר האָט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז איך לעב אויף דער וועלט.

— נישט אַפילו ווען איך וועל ליגן אַ טויטער מיט שערב־לעך אויף די אויגן! — האָט ער אויסגעשריגן כמעט פּאַטעטיש.— וואָס אייך קאָן איינפאַלן. ווי שעמט איר זיך נישט, רייטשל? ווען איר וואָלט געוווּסט, ווי איך האָב געבענקט נאָך אייך. איר ווייסט? — האָט ער זיך צוגערוקט צו איר נענטער און איר אַריינ־געקוקט אין פּנים אַריין מיט זיינע העלע אויגן אויף זיין באַזונ־דערן שטייגער, לאַשטשענדיק און וואַרעם. — איר ווייסט, איך האָב דאָך אָנגעשריבן אַ ליד פאַר אייך אויף רוסיש. זאָל איך אזוי לעבן, און איר, רייטשל, זאָלט אַזוי לעבן! זאָל איך אייך אי־בערלייענען דאָס רוסישע ליד? איר ווילט הערן?

זי האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן און נאָך נערוועזער גע־נומען צופּן די פאַלדן פון איר בלוזקע מיט אירע ביידע פולינקע, ווייסע הענטלעך.

סעמקע בלום האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן האַרצן מעשה אַקטיאָר, וואָס קלייבט זיך צו דעקלאַמירן און האָט אָנגע־הויבן מיט אַ סך געפיל אין זיין קול צו לייענען אַ ליד, וואָס ער האָט שוין נישט איינמאָל פריער געלייענט פאַר אַנדערע זיינע „גע־

טינס". עס האָט זיך נאָר געווענדעט, ווי דער נאָמען פון זיין „געטין" איז געווען.

ער האָט געליַיענט מיט באַגייסטערונג:

„רייטשל, רייטשל, יאַ סטראַדאַיו,

ליובליו יאַ טאַק פּלאַמענאָ טעביאַ.

אי דיען אי נאָטש פּאַווטאַראַיו:

ליובליו טעביאַ! ליובליו טעביאַ!"

— נו, האַ, איר הערט? נו, ווי געפעלט עס אייך, מיין געטין? — האָט ער זיך אונטערבראָכן. — איר פאַרשטייט די ווערטער? דאָס מיינט: „רייטשל, ליבנדיק מיט יאַלכען פייער, ליידע איך, און טאָג זאָ ווי נאַכט רעדע איך: איך ליבע דיך, איך ליבע דיך הימליש, געטליך, מיין ענגעל!"

ביי רייטשלען האָט זיך דאָס פּנים צעפלאַמט און זי האָט אים אָנגעקוקט נישט דרייסט.

— איך גלויב אייך נישט, — האָט זי אַרויסגערעדט עפּעס ווי פאַרחלשט.

מערקווירדיק! דאָסדאָזיקע מיידל, פלאַם־פייער, וואָס איז, געוויינלעך, מיט יעדן איינעם געווען אַזוי דרייסט, כּמעט חוצפּה־דיק, איז, ווען זי איז מיט אים געווען, מיט סעמקען, הייסט עס, האָט זי זיך שטענדיק פאַרלוירן. וואָס מער זי האָט זיך געוווּרט קעגן איר געפיל צו אים, אַלץ שוואַכער האָט זי זיך געפילט, אַלץ מער און מער האָט זי איר דרייסטקייט פאַרלוירן, איר זיכערקייט, איר ווילן, ווען ער איז מיט איר געווען. פון זיין קול אַליין איז זי צעטומלט געוואָרן. און האָט זי געמעגט פריער ביי זיך ווי פעסט אָפּמאַכן צו פאַרגעסן אים, האָט זי זיך אַליין גלייך פאַרגעסן, ווי נאָר זי האָט אויף זיך זיין לאַסטשענדיקן, וואַרעמען בליק דערפילט. און עס האָט איר געצויגן צו אים, געצויגן ווי אַ געוואַלטיקע בישוף־קראַפט וואָלט איר געשלעפּט צו אים. אַזוי, אַפּנים, ווערט אויך די פליג געשלעפּט צום פייער, אויף וועלכן זי ווערט פאַרברענט...

איצט איז זי באַזונדערס צעטומלט געווען, ווייל זיין רעדן צו איר, דערהויפּט דאָס ליד, וואָס ער האָט פאַרפאַסט כּלומרשט פאַר איר, איז געווען פאַר איר אַזוי אומגעריכט! מחמת שוין אי־

בער א וואָך, אַז ער האָט מיט איר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, זייענדיק פאַרטאָן מיט זוכן אַ שותף פאַר די „פּאַרסעלס“, וואָס זענען ביי אים פאַרצייכנט געווען אין דעם קליינעם ביכעלע, ווו די אַדרעסן פון זיינע קונדן זענען פאַרשריבן געווען. זי, רייטשל, האָט דערפון זייער געליטן. זי האָט געמיינט, אַז ער האָט איר נישט געוואָלט מער קענען.

— וואָס הייסט, איר זאָגט, אַז איר גלויבט מיר נישט? פאַר־וואָס גלויבט איר מיר נישט, רייטשל? — האָט סעמקע בלום זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט געבעט אין קול און האָט געוואָרפן אויף איר זיין באַזונדער לאַסטשענדיקן בליק, וואָס, ווי ער האָט געוווּסט, איז געפעלן געווען אַ סך פרויען און וואָס מיט אים האָט ער אָפט ווייכער געמאַכט דאָס האַרץ פון זיין אייגענעם ווייב אויך.

— איך גלויב אייך נישט און גענוג! — האָט רייטשל גע־ענטפערט שטיל.

און פּלוצים האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן נערוועז און כמעט אויסגעשריגן:

— און איבערהויפּט, וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט צו מיר? איר האָט דאָך אַ ווייב!

און זי איז אַוועק צו זיך אין צימער. ער נאָך איר.

דאָרט האָט זי צעלאָזט די האָר ביים שפּיגל און זיי גענו־מען שנעל פלעכטן, שטייענדיק צו סעמקען מיטן רוקן.

— טוט דאָס נישט, אַזוי זענט איר שענער, — האָט ער אַרויסגעפּליסטערט, אַוועקגענומען אירע הענט פון די האָר, זיי ווידער צעשאָטן איבער אירע אַקסלען און האָט מיט ביידע הענט צונויפגענומען אירע שוואַרצע לאָקן אונטער איר רונדן קינבאַקן, באַדעקט מיט זיי אירע ביידע באַקן — און איר פּנים מיט די גרויסע, שוואַרצע אויגן האָט אַרויסגעקוקט ווי פון אַ שוואַרצער, גלאַנציקער ראַם.

— אָ, ווי שיין איר זענט! — האָט ער געפּליסטערט און גע־לאַסטשעט זי מיט זיינע בליקן. — אַ בלום זענט איר... אַ... אַ...

— האָט ער געזוכט שיינע ווערטער — אַ פּאַראַדיז... ווירקלעך, איר קאָנט פאַררירקט מאַכן, ענגעל! — האָט ער געזאָגט שטאַרקער.

זי האָט געקוקט אויף אים צעמישט און געשמייכלט צע־

מישט, און דערביי אַרויסגעוויזן אַביסעלע אירע ווייסע ציין פון צווישן אירע עטוואָס פּאַנאַנדערגעעפנטע, פולע, זאַפטיקע ליפּן.

זיין קול און זיינע ווערטער, און ער אינגאַנצן, האָבן זי גע־בּישופט. ער, סעמקע בּלום, האָט זי געקענט און ער האָט געוווסט, ווי אַזוי צו רעדן צו איר און ווי אַזוי זיך צו האַלטן מיט איר...

ער האָט זי געגומען בּעטן, אַז זי זאָל מיט אים היינט גיין שפּאַצירן. דערפאַר, ווייל ער האָט שוין אַזוי לאַנג מיט איר נישט פאַרבּראַכט, ווייל ער מיט איר היינט גיין שפּאַצירן. נישט אין וועלדל, אויב זי האָט מורא, נאָר זיי וועלן גיין אויפן בּולוואַרד. ער וויל מיט איר רעדן. ער מוז מיט איר רעדן וועגן זייער אַ וויכ־טיקן ענין, וואָס איז נוגע אים און איר. ער האָט שוין לאַנג גע־וואָלט מיט איר רעדן דערפון, נאָר ער איז אַלץ פאַרנומען געווען. היינט אויפדערנאַכט האָט ער געקריגן דאָס, וואָס ער האָט גע־וואָלט, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געזוכט. איצט איז בּיי אים דער קאָפּ פריי און ער קאָן מיט איר רעדן...

צוערשט האָט זי אַלץ געענטפערט, אַז זי וועט נישט גיין. צום סוף אָבער האָט ער זי פאַרט איינגערעדט און זי האָט גע־זאָגט, אַז זי וועט גיין מיט אים.

פונדרויסן האָט אים יאַכנעטשיק גערופן:

— מיסטער בּלום, וואָס זאַמט איר זיך דאָרט?

— איך קום גלייך!—האָט סעמקע אויסגעשריגן און אַרויס־געלאָזט אירע האַר פון זיינע הענט. — אָט, איך וועל איר נאָר אָנשרייבן אַ „רעסיט" אויף דעם געלט.

און ער האָט זיך ווידער געווענדט צו רייטשעלען:

— אַלזאָ, זיכער?

זי האָט געשוויגן און נאָכדעם אַרויסגערעדט:

— יאָ. אָבער געדענקט! איר זאָלט זיך בּאַנעמען ווי אַ דזשענ־טעלמאַן!

און זי האָט צוגעלייגט שטילער און הייזעריקלעך:

— איר זאָלט נאָר נישט זיין קיין חזיר... איך האָב מורא פאַר אייך...

— אוי אַ נאַר! — האָט סעמקע אַ לאַך געטאָן. — ווו זאָל איך אויף אייך וואַרטן?

— איך ווייס נישט, — האָט זי געענטפערט.
סעמקע האָט אַ טראַכט געטאָן, דערנאָך האָט ער געזאָגט:
— ווייסט איר גאָר וואָס? איך וועל וואַרטן דאָ הינטערן פענסטער, וועט איר אַרויסקומען.
— מען קאָן אייך נאָך דערזען.
— מען וועט מיך נישט זען. און ווען אַפילו יאָ, וואָס האָט איר מורא?
— איך האָב נישט מורא, נאָר עפּעס... איך וויל נישט, מען זאָל מיינען עפּעס שלעכטס וועגן מיר, — האָט רייטשל אַרויסגעגעדערדט.
— איך פאַרזיכער אייך, אַז קיינער וועט מיך נישט זען ביי אייך אונטערן פענסטער. איז אָפּגעמאַכט?
— אָפּגעמאַכט!
סעמקע בלום האָט אַרויסגענומען אַ זייגער און האָט אַ קוק געטאָן:
— עס איז ניין, — האָט ער געזאָגט. — אין אַ האַלב שעה אַרום בין איך דאָ ביי אייך אונטערן פענסטער. אַדיע!
האָט איר אָנגענומען אונטערן קינבאַק, טיף אַ קוק געטאָן איר אין די אויגן, אַ טיפן זיפץ געטאָן און איז אַרויסגעלאָפן ווי איבערגעוואַלט, ווי ער וואָלט זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּרייסן פון איר.
זי איז געבליבן שטיין ווי פון אַ נעפּל אַרומגענומען און האָט געקוקט פאַר זיך צעטראָגן, די גרויסע, שוואַרצע אויגן אויף דער טיר אויסגעגלאָצט, דורך וועלכער ער איז אַרויס.
פון די דערבייאיקע אַרומיקע בלאָטעס האָט זיך געטראָגן אין דעם אָפּענעם פענסטער אַריין פון איר צימער אַ קוואַקען פון זשאַבעס. רייטשל האָט עס אָבער נישט געהערט. זי האָט זיך געזעצט אויפן בעט און אַריינגענומען דעם קאָפּ צווישן די הענט.
זי האָט געטראַכט: זי האָט נישט געדאַרפט גיין מיט אים. זי האָט נישט געטאָרט גיין מיט אים. געוואַלט, וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק? זי האָט דאָך שוין געמיינט, אַז עס איז אַ סוף. ערשט ווידער! אָבער זי וועט מיט אים היינט גיין צום לעצטן מאָל. טאַקע צום לעצטן מאָל! זי וועט נאָר הערן, וואָס ער וויל איר דער־

ציילן און זי וועט אים זאָגן, אַז זיי טאָרן זיך מער נישט זען. ער איז אַ פאַרהייראַטער מאַן. ער זאָל אויף איר רחמנות האָבן!

און נאָכדעם האָט זי זיך פאַרגעשטעלט, אַז זי זעט אים נישט מער, און זי האָט זיך דערפילט אַזוי עלנט, ווי פון דער גאַנצער וועלט פאַרלאָזן, און איר האַרץ האָט אים גערופן מיט טיפער בענקעניש:

— מיסטער בלום!... סעם!... סעם!..

5

רייטשל און עטל

וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק אויף איר קאָפּ! — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן און איז צוגעפאַלן מיטן פּנים צום קישן און האָט זיך צעוויינט.

אַזוי איז זי געלעגן אַ היפּשע ווײַלע. זי האָט נישט געהערט, ווי אימיצער איז אין איר צימער אַרײַן.

— דו שלאָפסט גאָר, רייטשל?

רייטשל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— דו, עטל?

— יאָ, איך. דו שלאָפסט? דו האָסט געוויינט?

— איך געוויינט? וואָס פאַלט דיר איין? — האָט רייטשל אַ לאַך געטאָן.

— היינט פאַרוואָס זענען בײַ דיר די אויגן פאַרוויינט?

— דאָס איז מסתמא פון קאָפּ־ווייטאָק. ווען דער קאָפּ טוט וויי, זענען די אויגן רויט.

(וועגן סעמקע בלום האָט רייטשל מיט עטלען שוין לאַנג נישט גערעדט. און אויב זי האָט יאָ אַמאָל גערעדט וועגן אים, האָט עטל קיין גוט וואָרט נישט געהערט פון איר וועגן אים, און זי האָט זיך נישט איינמאָל געוואונדערט, פאַרוואָס רייטשל האָט אַזוי געביטן די מיינונג וועגן אים).

עטל איז געווען אַ בלייך, מאָגער מיידל מיט אַ שפּיציק־

אויסגעצויגן פּנים, שפּיציקע אַקסלען און אַ ד׳נעם האַלז. האָר האָט זי געהאַט בלאָנדע, אויגן ווי פון וואַסער־קאָליר. וואָלט זי אָנשטאָט דעם לאַנגן העלן קלייד געטראָגן אַ קורץ קליידל, וואָלט מען זי געקאָנט אָננעמען פאַר אַ מיידל פון אַ יאָר דרייצן־פערצן.

— נו, רייטשל, וואָס הערט זיך וועגן דער גרעפין? דער מאַר־קיז האָט איר געכאַפּט? — האָט עטל געפרעגט און זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר אויפן בעט.

— אַ מכּה! ער האָט געכאַפּט אַ קויל אין זייט אַריין! — האָט רייטשל געענטפערט.

ביי עטלען האָבן זיך די אויגן צעברענט און זי האָט אויס־געשריגן מיט התפּעלות:

— אין דער היינטיקער צייטונג האָסטו עס געלייענט? אוי, אַ מצוה! פון וועמען?

— פון דעם ריכטיקן מענטשן. יענער האָט זי שוין אָט־אָט געכאַפּט, ערשט פּלוצים איז אָנגעקומען דער באַראָן מיט אַ ביקס און האָט אים פאַרטיק געמאַכט...

— אויף טויט?

— ניין, דערווייל איז ער נאָך דאָרטן נישט געשטאָרבן. נאָר מסתּמא וועט ער שוין איינגעמען אַ מיתה משונה.

— אוי גוט! — האָט עטל געקוואָלן. — רעכט אויף אים. ער האָט עס כּשר פאַרדינט. נו, און זי, די גרעפין?

— די גרעפין? פאַרשטייט זיך: זי האָט זיך דערפרייט, איז געפאַלן איר באַראָן אויפן האַלז און זיי האָבן זיך געקושט.

— אַזוי? געקושט? אוי גוט! איר איז מסתּמא גוט פריילעך געוואָרן אויפן האַרצן?

— ווי זאָגסטו? וואָלסטו נישט געווען פריילעך?

— אַוודאי. אוי גוט! איצט וועט מסתּמא זיין ביי זיי די חתונה.

— מסתּמא.

— אוי, גוט! איך בין צופרידן. ביידע זענען אַזעלכע גאָל־דענע מענטשן... עס וועט זיין מסתּמא אַ שיינע חתונה.

— איך שטעל זיך מיר פאָר. דיך, עטל, וועט מען אויף אַזאַ חתונה נישט בעטן.

— און דיך, רייטשל, אויך נישט.

— מיך אויך נישט, — האָט רייטשל אַרויסגערעדט פאַר־טראַכט, איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט גענומען קוקן אויף דעם טונקעלן פייער פון דעם איינציקן גאַז־ברענער, וואָס האָט גע־ברענט אין דעם צימער. דערנאָך האָט זי ווידער אַרויסגערעדט פאַרטראַכט:

— עטל, זאָג מיר נאָר. איך וויל ביי דיר עפּעס פרעגן... הער נאָר... וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דו וואָלסט זיך פאַרליבט אין אַ מאַן, וואָס האָט שוין אַ ווייב?...

— וואָס? — האָט עטל אויסגעשריגן פאַרוואונדערט. — איך פאַרשטיי דיך נישט.

— ווען דו וואָלסט זיך פאַרליבט אין אַ פאַרהייראַטן, וואָס וואָלסטו דעמאָלט געטאָן? נישט אמת, עטל, אַז מען דאַרף זיין משוגע אַזאַ זאַך צו טאָן?

— אָבער פאַרוואָס פרעגסטו דאָס, רייטשל?

— איך פרעג דאָס... איך פרעג דאָס, עטל... אַזוי... גלאַט אין דער וועלט אַריין...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

פון עס־צימער האָבן זיך געהערט אָרעם טריט. ער איז דאָרט אַרומגעגאַנגען, האָט געטראַכט און געזיפצט, געכראַקעט און גע־שפּיגן.

— וואָס איז היינט דאָרט עפּעס מיטן טאַטן? — האָט עטל זיך פּלוצים אָנגערופן. — ער גייט אַרום ווי אַ דערהרגעטער. פריער האָב איך אים געטראָפן ביים הויז, האָט ער אויסגעזען ווי דערשלאָגן. איך האָב ביי אים געפרעגט, וואָס איז דער מער, האָט ער נישט געענטפערט. איצט גייט ער דאָרט אַרום. הער, הער, ווי ער זיפצט!

רייטשל האָט נישט געהערט, וואָס עטל האָט גערעדט צו איר. אַזוי פאַרטאָן איז זי געווען מיט זיך. מיטאַמאָל האָט זי אַרויסגע־רעדט:

— געוואַלט, ווער האָט עס אויסגעטראַכט?

— וואָס, רייטשל?

— אָט די ליבע...

און זי, רייטשל, האָט גערעדט ווייטער צעטראָגן און פאַר־חלומט:

— נאָכאַנאַנד טראַכט מען פון אים... און כּסדר ווילט זיך אים נאָר זען... און רעדט ער, צעמישט ער דעם מוח... און טוט ער אַ קוק אויף דיר, איז... ווי אַן ענגעל וואָלט אויף דיר גע־קוקט... ווי אַ פּאַראַדיז וואָלט זיך פאַר דיר געעפנט, — האָט זי געגומען רעדן פּלוצים מיט דער שיינער שפּראַך פון סעמקעס בלום. — און אַז ער נעמט־אָן דיין האַנט, איז... אַזאַ מחיה, אַזאַ היות! — האָט זי געענדיקט מיט דער שפּראַך פון איר אייגענעם האַרצן, און זי האָט פאַרמאַכט די אויגן.

עטל האָט געקוקט אויף איר פאַרוווּנדערט מיט אירע וואָ־סערדיקע אויגן און האָט געזאָגט:

— איך פאַרשטיי דיך נישט, רייטשל! דו רעדסט אַזוי, אַז מען קאָן מיינען, אַז דו ביזט אין אימיצן זייער שטאַרק פאַרליבט.

רייטשל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איך? וואָס פאַלט דיר איין?

און זי האָט אויפגערעגט אַ לאַך געטאָן.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ הינטערן אָפענעם פענסטער.

— אוי! — האָט עטל אַ געשריי געטאָן און איז אַ צעשראָ־קענע אויפגעשפּרונגען.

רייטשל האָט זיך אויך ראַפּטאָם אַ כאַפּ געטאָן פון בעט און זיך אָנגערופן:

— וואָס האָסטו זיך דערשראָקן? דאָס האָט דער ווינט אַ קלאַפּ געטאָן. אוי, טוט מיר וויי דער קאָפּ! דו ווילסט זיך דורכגיין מיט מיר, עטל?

— ניין, רייטשל, איך בין מיד. איך וועל באַלד גיין שלאָפן.

— וועל איך אַליין גיין.

און זי האָט שנעל פאַרפלאָכטן אירע האָר, און אירע שוואַר־צע אויגן האָבן פאַרסודעט דערביי געבלאָנדזשעט איבער דעם אָפענעם פענסטער, הינטער וועלכן סעמקע בלום האָט אויף איר געוואַרט.

באַלד איז זי געווען אין דעם פינסטערן דרויסן און גלייך האָט זי סעמקען דערפילט, הגם זי האָט אים נישט געזען.

— רייטשל...

— מיסטער בלום...

6

אויפן בערגל

פון דעם ערומיקן חושך איז ער אַרויסגעטראָטן און זי גענומען אונטערן אָרעם.

— וואָס איז אייך איינגעפאַלן צו שפּאַצירן היינט אין אַזא חושך? — האָט זי געפרעגט מיט אַ ציטערדיקן האַרצן.

— אַז מען האָט נעבן זיך אַזאַ ליכטיקע זון, ווי איר, איז ליכטיק, מיין ענגעל.

און סעמקע בלום האָט טיף אַ זיפץ געטאָן און נאָך אים רייטשל.

נאָכדעם האָבן זיי ביידע געשוויגן און זענען געגאַנגען ווייטער. זיי זענען אַריין אין פּיטקין עוועניו. דאָ איז געווען ליכטיק. עלעקטרישע לאָמפּן האָבן דאָ געברענט פון ביידע זייטן גאַס. די קליינע קראָמען זענען נאָך געווען אָפן און אויך באַלויכטן. און נעבן זיי זענען געזעסן די קרעמער מיט זייערע ווייבער און קינדער און האָבן פאַרשלאָפן גערעדט צווישן זיך.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ העל־באַלויכטענעם רעסטאָראַן. פון דאָרט האָט זיך געטראָגן אַ טומל.

סעמקע האָט נישט־ווילנדיק אַריינגעקוקט אין דער אָפענער טיר פון דעמדאָזיקן רעסטאָראַן, וואָס איז איצט געווען אַ מין בערזע פון די נייע „ריעל־עסטייטניקעס״, און ער האָט דאָרטן דערזען באַקאַנטע, נערוועזע פּנימער. דאָס אָנגעבלאָזענע פּנים פון דאָקטאָר זילבערשטיין מיט זיין בלאָנד, שפּיציק בערדל, האָט זיך אים אין די אויגן געוואָרפן, און דאָס רונדע, ווייסע פּנים פון דעם סאָציאַליסט סאַמועלסאָן, מיט די פערד־שווארצע, דיקע וואָנצעס

און מיטן ווייסן קאַפּ, האָט אויך אַ מיניע־געטאָן פאַר זיינע אויגן צווישן אַ סך אַקסלען און קעפּ, וואָס האָבן זיך דאָרט באַוועגט.

„זיי אַלע שאַרן גאָלד", האָט סעמקע אַ טראַכט געטאָן און איז אַריבער מיט רייטשלען אויף דעם אַנדערן טראָטואַר איבערן וועג.

— וווהין גייען מיר? — האָט רייטשל געפרעגט, ווי פון אַ טיפן שלאָף זיך אויפגעכאַפּט.

האָט ער זיך אויך אַ כאַפּ געטאָן (ער האָט געטראַכט וועגן דעם מאָרגנדיקן פּאַרסעל) און געפרעגט:

— איר זאָגט עפּעס?

— קומט צוריק, — האָט זי שטיל געענטפערט.

— פאַרוואָס? עס איז דאָך אַזוי שיין צו שפּאַצירן!

— איך וויל נישט. וואָס קאָן פון דעם אַרויסקומען? איר פאַרדרייט מיר נאָר דעם קאָפּ.

— וואָס פעלט אייך איין, רייטשל?

— יאָ, יאָ! — האָט זי געזאָגט שטאַרקער און טרערן האָבן זיך דערהערט אין איר קול. — איר פאַרדרייט מיר נאָר דעם קאָפּ. איר זענט אַ פאַרהייראַטער מאַן. איר האָט מיך געדאַרפט לאָזן צופרידן. וואָס ווילט איר פון מיר? אוי, איר האָט קיין האַרץ נישט!

און זי האָט זיך שטיל צעוויינט.

סעמקע האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער אַ טיפן זיפץ געטאָן.

— אַך־אַך! איך האָב קיין האַרץ נישט, האַ? איך?! — האָט ער גענומען רעדן שטיל און פול מיט געפיל. — גוט, רייטשל, איך וועל אייך איבערצייגן, דאָן וועט איר שוין אַליין איינזען... הערט אויס, רייטשל! אַלרייט, גוט, קומט! און אויב איר וועט אַליין נישט איינזען, אַז איך האָב יאָ אַ האַרץ, אַ האַרץ, וואָס איז פול מיט אייער געטלעכער געשטאַלט; אויב, רייטשל, אויב... דאָן, אָל־רייט, וועט איר מיט מיר מער נישט האָבן צו טאָן! איך בעט אייך, רייטשל. אינמיטן סטריט קאָן איך דאָך אייך אַלצדינג נישט דער־פּלערן!...

אין קאַפּ האָט איר געדרייט פון זיינע ווערטער און זי איז אוועק מיט אים ווייטער.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען אַן אַפּטייק. די גרויסע, רויטע פלאַש, וואָס איז דאָרט געשטאַנען אין דעם העל־באַלויכטענעם פענסטער, האָט געוואָרפן פון זיך אַ בלוטיקן שיין איבער דעם טראָטואַר.

דערנאָך האָבן זיך די קראָמען און די הייזער געענדיקט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ליידיקער פּלאַץ, ווו אַ דיקע פינסטער־ניש האָט געלויערט. בלויז דאָ און דאָרט, גאַנץ ווייט איינע פון דער אַנדערער, האָט אַ לאַמטערנע געברענט און איר פייערל האָט ווי אַ שטערנדל אין דעם אַרומיקן חושך געשוועבט.

זיי זענען אַרויף אויף דעם בולוואַר. דער בולוואַר איסטערן פּאַרקוועי, הייסט עס, האָט אין יענער צייט אַ גאַנץ אַנדערן פּנים געהאַט, ווי היינט. ער איז נישט געווען אַזוי פאַרבויט ווי היינט, און די הייזער דאָרט זענען געווען גרויסע, פּריוואַטע, און איין הויז פון דעם אַנדערן איז געווען ווייט אָפּגערוקט, און יעדעס הויז באַזונדער איז געווען איינגעטונקט אין גרינס און אין בלו־מען. און אַהינטער אָט די הייזער האָבן זיך געצויגן בערגלעך, און דאָרט האָט אַמאָל, זומער־צייט, זיך געפּיטערט אַ פערד צי גאָר אַ ציג, וואָס האָבן אַהין פאַרפלאָנדזשעט פון בראָנזוויל. יענע בערגלעך זענען אַמאָל געווען אויך ראַנדעווו־פּלעצער פאַר פאַר־ליבטע פּאָרלעך.

וואונדערלעך־שיין האָט דער בולוואַר דעמאָלט אויסגעזען מיט זיינע בוימער־אַלייען, זיינע בערגלעך און מיט זיינע הייזער, ווו עס האָבן געוווינט רייכע קריסטן.

איצט, בעת סעמקע בלום און רייטשל זענען אַהין געגאַנגען, איז דאָרטן געווען אויך פינסטער און שטיל. זייער ווייניק לאַמ־טערנעס האָבן דאָרט געברענט, און זייערע פייערלעך האָבן זיך ווי אין אַ שוואַרצן תהום געטובלט.

צווישן די בוימער האָט זיך די נאַכט געטוליעט, און די בערג־לעך, וואָס האָבן זיך דאָרט געצויגן אין אַ לאַנגער רייע, האָבן אויסגעזען ווי גרויסע שטיקער שוואַרצע כמאַרעס. די הייזער ווייט אָפּגערוקט איינע פון דער אַנדערער, זענען איצט ווי פאַרזונקען

געוועזן אין דעמדראַזיקן חושך. בלויז זייערע ווייסע קוימענס האָבן בלאַס אַרויסגעשטאַרצט דורך דער פינסטערניש.

— קומט, מיר וועלן זיך זעצן אויף אַ בערגל, — האָט סעמ־קע זיך אָנגערופן. — דאָרטן, אויפן פרישן גראָז.

ער האָט איר אָנגענומען פאַר אַ האַנט און אָנגעהויבן מיט איר צו קריכן אויף אַ בערגל.

ערגעץ נאָנט האָט זיך אַ פערד געפיטערט. עס האָט זיך גע־הערט, ווי ער האָט געקייט דאָס גראָז און געפּאָרשקעט. און אַ קוואַקען פון זשאַבעס האָט זיך אויך געהערט.

באַלד זענען זיי געזעסן אויף אַ בערגל.

— מיסטער בלום, — האָט רייטשל זיך אָנגערופן מיט אַ הייִ־זעריקן קול, — ווּהין האָט איר מיך פאַרשלעפּט?

— פאַרוואָס? איר האָט דען מורא צו גיין מיט מיר אַליין?

— איך האָב מורא. קומט בעסער צוריק.

— מיר וועלן באַלד גיין. איך וויל נאָר מיט אייך זיך דורכרעדן... צוליב דעם זענען מיר דאָך אַהער געגאַנגען. רייטשל, הערט אויס: איך ווייס דאָך, אַז איר ליבט מיך אויך.

ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט און גערעדט ווייטער פאַרשטיקט, הייזעריקלעך:

— איר ליבט מיך, איר ליבט מיך! איך ווייס עס, ענגעל; איך ווייס עס, געטין מיינע!

— אַך! — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט און אַ ריס געטאָן פון אים איר האַנט. — לאָזט מיך צופרידן. קומט, לאָמיר גיין.

ער אָבער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. ער האָט גערעדט ווייטער:

— רייטשל, ווען איר וואָלט געוווסט, ווי איך ליב אייך! אמת, איך האָב אַ ווייב. אָבער ליבן ליב איך נאָר אייך. גלויבט מיר, רייטשל, אַז איך קאָן אָן אייך נישט לעבן. ווען איר...

זי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— אָבער אַ ווייב האָט איר דאָך, ווײַ איז צו מיר! ווייזט, אַז איר האָט מיך ליב און גט זיך מיט איר.

— אמת, אמת, איך האָב אַ ווייב. אוי, ווי איך בין אומ־גליקלעך, רייטשל! — האָט ער גערעדט און זיין טאָן איז געוואָרן

אַלץ מער און מער פּאַטעטיש. — אָבער ניין, ניין, איך וועל זיך פון מיין גליק נישט אָפּזאָגן!

(ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַ סצענע, וואָס ער האָט נישט לאַנג צוריק געזען אין דעם יידישן טעאַטער, געשפּילט פון אַן אַקטיאָר, וואָס איז זייער באַרימט געווען אין יענער צייט, און ער האָט זיך געפּלייסט יענעם איצט נאָכצושפּילן).

— איך שווער דיר, רייטשל, ביי גאָט אין הימל און ביי אַלץ־דינג, וואָס מיר איז הייליק און טייער, אַז גיכער וועל איך שטאַרבן, שטאַרבן, שטאַרבן, — האָט סעמקע זיך צעלאָזט אַזוי ווי יענער באַרימטער אַקטיאָר אין יענער סצענע, — יאָ, שטאַרבן, טויזנט מאָל שטאַרבן; אַז גיכער וועל איך זיך לאָזן אָפּשניידן מיינע ביי־דע הענט, איידער צו פאַרלירן מיין געטין, מיין שיינעם ענגעל, מיין... מיין...

ער האָט נישט געענדיקט, אַ כאַפּ געטאָן איר האַנט, געקושט זי און געקרעכצט:

— איך ווער וואַנזיניק, וואַנזיניק, וואַנזיניק!

רייטשל האָט אינגאַנצן געציטערט. זיינע ווערטער האָבן איר געצונדן און צעטומלט.

— מיסטער בלום, אוי, רעדט נישט אַזוי! מיסטער בלום, איר מאַכט מיך אויך משוגע. קומט בעסער, קומט.

— רייטשל! — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַזויפיל גע־פיל, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, אַז ממש די נשמה פאַלט ביי אים אַרויס. — איך ריר זיך נישט פון דעם אָרט, ביז איר... ביז דו זאָגסט מיר נישט, אַז דו האָסט מיך אויך ליב.

רייטשל האָט געשוויגן און אויפגעציטערט מיט די אַקסלען.

— נו, איך בעט דיך, רייטשל!

— אוי, וואָס ווילט איר פון מיר? — האָט זי אַרויסגע־קרעכצט.

— איין וואָרט נאָר, רייטשל! איין וואָרט!

זי האָט געשוויגן.

פּלוצים האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים אויף דער ברוסט און האָט זיך היליפּלאָז צעוויינט.

— אָ! — האָט ער ארויסגעלאָזט אַ געשריי און איר צוגע־דריקט צו זיך און געקושט איר און געמורמלט:

— דו ליבסט מיך! דו ליבסט מיך! דו ליבסט מיך!

זי האָט נישט געענטפערט, געדריקט איר פּנים צו זיין ברוסט און געוויינט אַזוי רחמנותדיק.

ער האָט אריינגענומען איר קאָפּ צווישן זיינע ביידע הענט און אים אָפּגעוואָרפן אַביסל אָן אַ זייט. נאָכדעם האָט ער מיט־אַמאָל איר אַ צי געטאָן צו זיך אויפן שויס.

זי האָט זיך אַ ריס געטאָן, אָבער איז גלייך ווי געלייזמט גע־וואָרן, איז געבליבן זיצן, האָט ווידער צוגעשפּאַרט איר קאָפּ צו זיין ברוסט, צוגעמאַכט די אויגן, און ווי דורך אַ חלום געהערט און געפילט, ווי זיין האַרץ האָט געקלאַפּט און ווי זיינע הענט האָבן זי געגלעטשעט...

ארום איז געווען שטיל. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס הוואַקען פון זשאַבעס און דאָס קייען און פאָרשקען פונם פערד.

זי איז נאָך אַ ווייל געזעסן ביי אים אויפן שויס, מיטן קאָפּ צוגעשפּאַרט צו זיין ברוסט, און זיך געפילט ווי אין אַ שיינעם חלום.

מיטאַמאָל האָט זי גענומען פילן דאָס אייגענע, וואָס זי האָט געפילט עטלעכע מאָל פריער, בעת זי האָט זיך שיער נישט פאַר־לוירן. זי האָט זיך מיט שרעק אַ כאַפּ געטאָן פון זיין שויס. איז ארונטערגעקראָכן אויפן גראָז און האָט שטיל ארויסגעמורמלט:

— איך בעט אייך, קומט אַהיים...

— באַלד, באַלד! — האָט ער אויך ארויסגעמורמלט מיט אַ שטאַרק אויפגערעגטן קול.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, נער־וועז גענומען פייפן און זיך צוריק ארונטערגעלאָזט אויפן גראָז נעבן איר. זי האָט געצופּט דאָס גראָז פון אונטער זיך און גע־וואָרפן אין דער פינסטערניש אריין. ער האָט גערויכערט און דאָס פייערל פון זיין סיגאַרעט האָט יעדע ווייל אויפגעפלאַקערט אין דער ארומיקער שוואַרצקייט, באַלייכטנדיק זיינע בלאָנדע וואָנ־צעלעך...

— קומט אַהיים! — האָט רייטשל ווידער אַרויסגעפּלים־טערט.

ער האָט נישט געענטפערט און איר ווידער צוגעצויגן צו זיך.

זי האָט זיך נישט געווערט, נאָר ווען ער האָט איר גראָב אַ לאַסטשע געטאָן, האָט זי אַוועקגעשטויסן פון זיך זיין האַנט און זיך אַביסעלע אָפּגערוקט פון אים.

ער האָט נאָכמער אויפגערעגט גענומען פּייפן.

זי האָט זיך אויפגעהויבן.

— מיר גייען! — האָט זי געזאָגט.

— וואַרט נאָך אַ ווייליטשקע. מיר איז אַזוי גוט דאָ נעבן דיר, — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ ציטערדיקן קול און זיך אויך אויפגעהויבן.

— איך מוז גיין שלאָפן, מיסטער בלום. איך דאַרף מאָרגן גיין פרי צו דער אַרבעט.

— אָט באַלד וועלן מיר גיין. טו מיר אַ קוש!

— אָט דאָרט... אויפן וועג...

— ניין, דאָ איצט.

— נאָכדעם וועט איר גיין?

— יאָ!

האָט זי אים אַ קוש געטאָן.

ער האָט איר אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע אָרעמס, איר אויפ־געהויבן אינדערהויך אַזוי לייכט, ווי זי וואָלט אַ קליין קינד גע־ווען און זיך מיט איר ווידער אַרונטערגעלאָזט אויפן גראָז.

— נאָך אַ ווייליטשקע, רייטשל, נאָך אַ ווייליטשקע, איך בעט דיך, — האָט ער געמורמלט.

— מיסטער בלום, טוט מיר צוליב, איך בעט אייך. קומט, קומט, — האָט רייטשל זיך געבעטן און געפילט, אַז דאָס, פאַר־וואָס זי האָט מורא געהאַט, האָט זיך גערוקט אויף איר און אַז זי איז נישט אימשטאַנד געווען זיך איצט צו ווערן קעגן דעם...

— לייג אַוועק דיין קעפּעלע צו מיר אויף די קני, — האָט ער געזאָגט.

— אָ, ניין, ניין, מען דאַרף נישט. קומט! — האָט זי צע־טומלט גערעדט.

און דאָך, ווען ער האָט זי אַ שלעפּ געטאָן צו זיך, האָט זי זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז און אַוועקגעלייגט איר קאָפּ צו אים אויף די קני.

— אַט אַזוי־אָ! — האָט ער איר געגלעט די באַקן און ווי־דער אויפגערעגט געפּייפט.

— קוואַ־קוואַ־קוואַ! — האָבן געצויגן די זשאַבעס. דאָרט ווייט איז די ריד עוועניו קאַר דורכגעלאָפן דורך דעם בולוואַר מיט אַ גערויש און קלינגעריי, און אירע פּייערלעך האָבן זיך ווי שטערנדלעך דורך דעם חושך דורכגעטראָגן.

„איך זאָל זיך נאָר נישט פאַרלירן", האָט רייטשל גע־טראַכט און געפילט, ווי זי פאַרלירט זיך אַלץ מער און מער אונ־טער זיינע לאַסקעס, ווי זיי רייבן אַוועק ביי איר דעם ווילן, דעם פאַרשטאַנד.

דערנאָך איז זי אַריינגעפאַלן אין עפּעס אַ מין פאַרשיכּורטן צושטאַנד, און ווען ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר, האָבן אירע ליפּן אונטערגעכאַפּט זיינע קושן, און ווען ער האָט זי איצט גראָב געלאַסטשעט, האָט איר האַנט נאָר שוואַך זיך געוועדט קעגן דעם. זי האָט אים שוין מער נישט געקענט צו גיין, איז געלעגן ווי פאַר־שיכּורט מיט צוגעמאַכטע אויגן און מיטן קאָפּ אָנגעלענט אויף זיינע קני.

אַזוי איז אַוועק אַ היפּשע צייט. זיי האָבן גאָרנישט באַ־מערקט, ווי די לבנה איז אויפן הימל אויפגעגאַנגען און באַשאָטן אַלצדינג מיט אַ ליכטיקן שטויב. אַלצדינג האָט פּלוצים אָנגענומען אַ פאַרכּישופטן, אַ פאַרחלומטן אויסזען: די בוימער אויפן בול־וואַר, וואָס זייערע שפּיצן זענען באַשאָטן געווען מיט אַ ווייסער, בלישטשענדיקער פּודער; די ווייסע וועגן צווישן זיי, די בערגלעך, און אַפילו דאָס שאַרע פערדל, וואָס האָט דאָרט געפּאַרשקעט אויפן בערגל, צופנדיק דאָס גראָז, האָט איצט אויך אויסגעזען אַ ווייס־באַפּודערטער, ווי פאַרכּישופט...

סעמקע איז געווען בלייך. ער האָט זיך איבערגעבויגן איבער רייטשלס פּנים און זיך איינגעגעסן אין אים מיט די אויגן.

זי איז געשלאָפן, האָט זיך געדאַכט, און אויף אירע פולע ליפּן האָט געשוועבט אַ שמייכל פון גליקזעליקייט.

זיינע אויגן האָבן גענומען בלאַנדזשען ווייטער איבער איר...
און פּלוצים האָט ער זי ווילד אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע אָרעמס.

זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, געעפנט אירע אויגן, דערזען זיינע ברענענדיקע, ווילדע אויגן און האָט אַ געשריי געטאָן:

— מיסטער בלום!

זי האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון אים און אָנשטאָט דעם האָט זי זיך אין אים איינגעקלאַמערט, געמורמלט מיט אַ הייסן, ברענענדיקן אָטעם:

— ניין, ניין, ניין!

אָבער אין דערזעלבער צייט האָט זי זיך אינגאַנצן געצויגן צו אים און אַלצדינג אין איר האָט געשריגן: „ליבער, טייערינקער!" — און דערנאָך איז זי שטיל געוואָרן און אַלצדינג אין איר איז שטיל געוואָרן, און זי האָט זיך דערפילט אַזוי ווי זי וואָלט זיך אינדערלופטן אַוועקגעטראָגן...

— — — — — — — — — — — —

ווען זי איז געקומען צו זיך, איז ער געשטאַנען נעבן איר אויף די קני און האָט געהאַלטן איר האַנט, געגלעט און געקוקט איר אין די אויגן מיט אַ מינע פון אַן אָנגעזעטיקטן הונט.

זי האָט אים אָנגעקוקט אַפּריער הילפלאָז, ווי אַ צוגעשטיקט חיהלע, דערנאָך מיט אַ פאָרוואורף.

און פּלוצים האָט זי אַ ריס געטאָן פון אים די האַנט, איז אויפגעשפּרונגען מיט דער האַסטיקייט פון אַ צעווילדעוועטער קאַץ און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים מיט אַ פאַרצווייפלטן יאָמער:

— וואָס האָט איר געטאָן? וואָס האָט איר געטאָן?...

און אַזוי ווי ער האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט אויפצושפּרינגען פון דער ערד, האָט זי זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים און גענומען אים רייסן דאָס פּנים און די האָר, האָט אַרונטערגעריסן פון אים דעם האַלזטוך מיטן קראַגן, איינגעגעסן זיך מיטביידע הענט אין זיין האַלז, געיאָמערט און אים געוואָרגן.

ער איז צעטומלט געוואָרן. אויף דעם האָט ער זיך גאָרנישט געריכט! ער האָט זיך געצאַפּלט אונטער אירע הענט, געריסן זיך פון איר, געוואָרפן מיט די פיס.

זי איז אָבער געווען שטאַרקער פון אים. זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און געוואָרגן.

צום סוף האָט ער איר אַ שטויס געטאָן מיט אַ פוס און זי איז אומגעפאַלן.

ער איז אויפגעשפּרונגען און האָט זיך געלאָזט לויפן אַ צעטומלטער מיט אַ צעקראַצטן פּנים, אָן אַ הוט, האַלזטוך און קראַגן און מיט אַ צעריסן העמד.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פון דער ערד, איז אַ פּאָר טריט אים נאָכגעלאָפן, דערנאָך האָט זי זיך ווידער אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, איז צוגעפאַלן מיטן פּנים צום גראָז, האָט געוויינט און אויפגעציטערט מיטן גאַנצן קערפּער.

שפּעטער, גייענדיק אַהיים, האָט זי געכליפּעט און געטענהט צו זיך אַליין:

— אָפּגעהיט זיך... אָפּגעהיט זיך... און נאַ דיר!...

7

שפּעטער אינדערהיים

ווען זי איז צוגעגאַנגען צו אָרעם הויז, איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. דאָס קליינע, הילצערנע הייזל מיטן גאַנעק האָט געדרימלט אונטערן מאַטאָוון לבֿנה־שיין. די פענסטער האָבן אויסגעזען ווייסלעך, און ווי מיט אַ זילבער־שטויב באַשאָטן האָט אויך אויסגעזען דאָס ליידיקע שטיק לאַנד הינטערן הויז און דאָס וועלדל דאָרט ווייטער.

נעבן טיר אויפן גאַנעק איז געלעגן אַ שכנס אַ ציג, דעם קאָפּ מיטן בערדל אָנגעלענט אויף איר רוקן, און איז געשלאָפן.

פון צייט צו צייט האָט זיך דורכגעטראָגן אין דער העלער לופט אַ פאַרחלומטער און קורצער קלאַנג פון אַ גלעקל. אַפּנים ערגעץ דאָרט נישט ווייט האָט זיך אַ פערד געפּיטערט.

רייטשל האָט דאָס אַלצדינג נישט באַמערקט און נישט געהערט. זי האָט אַפילו נישט באַמערקט, בעת זי איז אין שטוב

אַריין, אָרען, וואָס איז געזעסן אין עס־צימער אויף אַ שטול ביים פענסטער.

זי איז אַריינגעלאָפן אין איר צימער און האָט איבערגעלאָזט די טיר אָפן. דאָס צימער איז איצט באַלויכטן געווען פון לבנה־שיין.

זי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט און נישט אויסגעטאָן אַפילו די שיך.

אין קאָפּ האָט איר געמישט און געדרייט זיך. די ליפּן האָבן געברענט. זי אינגאַנצן האָט געברענט.

פּלוצים האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן אַ פאַרצווייפלט געוויין. זי האָט איינגעגראָבן דעם פּנים אין קישן און פאַרשטיקט איר געוויין. דערנאָך האָט זי דערהערט ווי דורך אַ חלום, אַז אימיצער איז אין צימער אַריין און באַלד האָט זי דערפילט אימיצנס האַנט אויף איר קאָפּ.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און דערזען אָרען. זיין ברייטע געשטאַלט מיט דעם משונהדיק־באַוואַקסענעם פּנים און לאַנגער באָרד איז באַגאָסן געווען פון לבנה־שיין, און זיין שוואַרצע, קאַראַווע האַנט איז געלעגן אויף איר ווייסן קישן.

זי האָט גלייך אויפגעהערט צו וויינען. אים אָנגעקוקט אַפריער פאַרווונדערט, מיט פרעגנדיקע אויגן, דערנאָך איז זי פּלוצים אויפגעשפּרונגען פון בעט און גענומען שרייען אויף אים:

— וואָס דאַרפסט איר דאָ? וואָס קריכט איר אַהער אינמיטן נאַכט, איר אַלטע אָבעזיאַנע? אַרויס!

אָרע איז צעטומלט געוואָרן. ער האָט אויסגעשטעלט צו איר ביידע הענט און געמורמלט:

— שאַ, שאַ, וואָס שרייסטו? מען קאָן דאָך, חלילה, מיינען גאָט ווייסט וואָס! איך הער, אַז דו וויינסט, און עטעלע האָט מיר פריער געזאָגט, אַז דער קאָפּ טוט דיר וויי, בין איך אַריין צו דיר זען, אפשר דאַרף מען אַ דאָקטאָר. כ׳ווייס? מען איז דאָך...

— מיר טוט גאָרנישט וויי און דאָס איז נישט אייער חזירשע ביזנעס. און ווי סמייעט איר צו קריכן אינמיטן נאַכט צו אַן אָרנטלעך, אָנשטענדיק מיידל אין צימער? איך בין אַן אָנשטענדיק מיידל! איר הערט? אַן אָנשטענדיקע! אַרויס! — האָט זי אַ טופּע

געטאָן מיטן פוס און זיך ווידער צעיאָמערט.

אָרע איז ארויסגעלאָפן פון איר צימער אזוי ווי אַן אָפּגעפּאַ־רעטער.

זי האָט פארקלאַפּט הינטער איִם די טיר.

„וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? איז זי פון זינען אַרונטער?" — האָט אָרע געטראַכט צעטומלט.

ער איז געשטאַנען אינמיטן עס־צימער און האָט געקוקט מיט צעמישטע אויגן אויף איר טיר.

אונטערן פענסטער האָט זיך געצויגן אַ מאַטאָווער לבנה־שטראַל.

אין דער צווייטער טיר האָט זיך באַוויזן די אַלטע פרומע, אַ קליינטשיקע, מאָגערע אַלטינקע, מיט אַ פּנים ווי אַ פויסט די גרויס און מיט צעשראָקענע אויגן, און עטל אין אַ נאַכט־העמד.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ געשריי? — האָט די אַלטע גע־פרעגט צעשראָקן.

איז אָרע נאָכמער צעטומלט געוואָרן. ער האָט ארויסגע־מורמלט:

— גאָרנישט, גאָרנישט. כ'ווייס? זי איז עפּעס קראַנק דאָרט... דער קאָפּ... כ'ווייס?...

— רייטשל האָט עס געשריגן? — האָט עטל אויך צעשראָקן געפרעגט.

— יאָ, יאָ, זי, — האָט אָרע געענטפערט, — אַפּנים דער מאָגן... צי דער קאָפּ... זי איז ערשט געקומען. זיץ איך מיר אזוי פארטראַכט, עפּעס שלאָפט זיך מיר היינט נישט. הער איך מיט־אַמאָל, אַז זי וויינט דאָרט. גיי איך אריין צו איר... כ'ווייס?... דו האָסט מיר פריער געזאָגט, אַז דער קאָפּ טוט איר ווי. טראַכט איך ביי זיך: טאָמער דאַרף מען אַ דאָקטאָר. איך קאָן דען וויסן?... נו, ווייל זי נישט קיין דאָקטאָר. ווילסט נישט, דאַרף מען נישט! גייט שלאָפן, גייט! — האָט ער צוגעלייגט אין אַ פאַרענדערטן טאָן, קו־מענדיק צו זיך. — איך גיי אויך שלאָפן. קומט. אַ מאָדנע זאַך. שוין אַ דריי נעכט, ווי איך קאָן נישט איינשלאָפן.

— פאַרוואָס? — האָט זיין אַלטע מאַמע געפרעגט.

— אָט, עס שלאָפט זיך נישט. קומט. אפשר וועל איך היינט קאָנען שלאָפן?

עטל האָט געוואָלט אריינגיין צו רייטשלען, אָבער אָרע האָט נישט געלאָזט.

— וועק איר נישט. אַ רחמנות! — האָט ער געזאָגט.

8

אָרעס זינדיק האַרץ

דערנאָך איז עטל מיט פרומען אַוועק צוריק אין זייער צימער און אָרע איז אויך אַוועק אין זיינעם. און באַלד איז ער געלעגן אויף זיין בעט.

„דאַכט זיך, אַזאַ שטיפערקע, אַזאַ ברען, אַזאַ שיקסע", — האָט ער געטראַכט וועגן רייטשלען, — „און פאַרט אַן אמת־אָרנטלעך מיידל... ווי זי איז דאָס אַביסל אַרויס פון די כּלים, ווען אַ מאַן איז אַריין צו איר אין חדר... וואָס פאַר אַ מויל! ווי זי איז דאָס מיך באַפאַלן אַביסל... אַן אָבעזיאַנע בין איך גאָר ביי איר!... דאָס אָבער באַווייזט, וואָס פאַר אַן אָרנטלעך מיידל זי איז... אוי, אוי, אוי, וואָס פאַר אַ פּסק איך וואָלט פון איר געכאַפּט!... און אַ מצוה וואָלט אויף מיר געוועזן. אַזאַ חרפּה, אַזאַ בושה..."

און בעת ער האָט אַזוי געטראַכט, האָט זי, רייטשל, אַ שוועב געטאָן פאַר אים אַזוי ווי ער האָט זי געזען דעמאָלט, בעת זי האָט זיך געוואַשן דאָרט ביי איר אינם צימער, און עס האָט אים אַ ברען געטאָן פאַר די אויגן, ווי אַ שטיק פייער, און אין מוח האָט אים היים אַ מיש געטאָן, און ער האָט אַרויסגעמורמלט:

— ס'טייטש אַ פאַרשוין, ס'טייטש אַ פאַרשוין!...

נאָכדעם האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— רבונו של עולם, וועגן וואָס טראַכט ער?! היינט, איידער ער שטעלט איין זיין גאַנצן פאַרמעגן?! זי איז אַן אמתע לילית. מען האָט זי נישט געטאָרט האַלטן אין שטוב... מען איז נישט מער ווי אַ זינדיקער מענטש מיטן יצר־הרע אינם האַרצן... די אויגן

קאָן מען דאָך נישט האַלטן צוגעמאַכט... און דער יצר־הרע רייסט זיי אויף איבערגעוואַלט!...

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און זיך געווענדט מיט תחנונים צו גאָט:

— רבונו של עולם, זיי דו מיר מוחל, באַשטראָף מיך נישט דערפאַר. דו ווייסט דאָך אודאי, אַז זייט מיין ווייב, עליה השלום, איז קראַנק געוואָרן, בין איך געווען אַלץ איינס ווי אַ בחור!...

און אין אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער ווידער געטראַכט וועגן דעם, אַז מאָרגן דאַרף ער איינשטעלן זיין גאַנץ ביסל אייגנס, עטלם גדן. און ער האָט זיך ווידער און ווידער געפרעגט: אפשר זאָל ער דאָס נישט טאָן? אפשר זאָל ער נישט איינשטעלן? איצט קאָן ער זיך נאָך העלפן, די פינף הונדערט דאָלער זענען נאָך אין באַנק. אפשר איז פיניע גערעכט?

און ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס פיניע האָט אים נאָך היינט אינדערפרי געזאָגט:

— שווער, — האָט אים פיניע געזאָגט, — לאָזט נישט אַרויס אייער געלט פון די הענט, מחמת דער אָדעסער זשוליק, סעמקע בלום, וועט אייך נאָך טייטשן דעם ריכטיקן פּסוק פון שיר השירים. זייט נישט קיין פערד, שווער, — האָט ער אים ווייטער געזאָגט, — די וועלט איז געגליכן צו אַ ראָד מיט אַ... ווי רופט מען דאָס? דאָס ראָד דרייט זיך; קומט דער... ווי רופט מען דאָס צו מיר, קוש איך אים. קומט ער צו אייך, וועט איר אים מוזן קושן, צי איר ווילט, צי איר ווילט נישט. סעמקע בלום וועט שוין אויסדרייען דעם ווי־רופט־מען־דאָס צו אייך, שווער!...

און אָרע האָט געטראַכט ווייטער: טאָמער איז פיניע גערעכט? אמת, ער איז אַ יונגאַטש, פיניע. און פאַר אַן אייגענעם שווער האָט ער געמעגט האָבן אַביסל מער דרך־ארץ און נישט רופן אים „פערד". אָבער אַ חכם איז ער דאָך פאָרט און אַ למדן... אפשר זאָל ער אים פאָלגן?

פאַרטאָג ערשט איז אָרע איינגעשלאָפן.

9

אָרעס שרעק און ד' ערשטע דריי טויזנט דאָלער

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. נעבן אים איז געשטאַנען זיין אַל־טע מאַמע און האָט אים געוועקט.

— דו שטייסט אויף, אָרעל? שוין נאָך זיבן...

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ער שוין געשטאַנען אין זיין טלית און תפילין און האָט געדאַוונט. און אין אַלע תפילות פונם דאַוונען, וואָס זיינע ליפּן האָבן געמורמלט, האָט זיך איצט גע־הערט זיין אייגענע תפילה, וועלכע האָט זיך געטראָגן פון זיין אומרואיקער נשמה: „גאָטעניו, מיין בלוטיק־פאַרהאַרעוועט געלט לאָז מיך נישט פאַרלירן, מיין עטעלעס נדן!"...

נאָכן דאַוונען איז ער אַ צעטראָגענער אריין צו זיך אין שלאָף־צימער און האָט פאַרשפּאַרט די טיר. דערנאָך האָט ער זיך געזעצט אויפן בעט און אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בוזעם אַ פּעקעלע, וואָס איז איינגעוויקלט געווען אין אַ רויטן טיכל. ער האָט געהאַלטן אַ ווײַלע דאָס טיכל אין זיינע בײדע הענט און געקוקט פאַר זיך פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק אַרויסגע־וויקלט פונם טיכל פינף גאַנצע הונדערטער, נייע אַסיגנאַציעס, וועלכע ער האָט נעכטן אַרויסגענומען פון דער באַנק, האָט זיי אַרומגעטאַפּט, באַטראַכט יעדע באַזונדער, געגלעט זיי און גע־טראַכט: „זאָל איך, אָדער זאָל איך נישט?"...

צום סוף איז ביי אים געבליבן, צו וואַרפן גורל... ווי אַזוי? עס איז אים איינגעפאַלן צו ציען אַ קניפּל. ער וועט נעמען דאָס רויטע טיכל, אין וועלכן זיין געלט איז איינגעוויקלט געווען, וועט אויף איין ברעג מאַכן אַ קניפּל און וועט עס אונטערלייגן אונטערן קישן. דאַן וועט ער ציען. וועט זיין האַנט אַרויסשלעפּן דעם ברעג מיטן קניפּל, וועט עס זיין אַ סימן, אַז... ער מעג יאָ... ניין, אַז ער טאָר נישט ריזיקירן... ניין, ניין, אַז ער מעג יאָ, יאָ, ריזיקירן זיין געלט... וועט זיין האַנט אַרויסשלעפּן אַ ברעג אָן אַ קניפּל, איז אַ סימן, אַז ער טאָר נישט איינשטעלן זיין געלט.

און ער האָט דאָס געטאָן: געמאַכט אַ קניפּל, אונטערגעלייגט

דאָס טיכל אונטערן קישן און אַרויסגעשלעפּט מיט אַ ציטערדיקער האַנט דעם ברעג מיטן קניפּל... ער האָט זיך מיט דעם דערפרייט, אַזוי ווי דאָסדאָזיקע קניפּל וואָלט אים זייער אַ גוטע בשורה אָנ־געזאָגט וועגן עפּעס, וואָס האָט אים זייער שטאַרק באַאומרואיקט. דאָך האָט ער זיך אויף דעם איינציקן מאָל נישט געוואָלט פאַרלאָזן. עס איז אים איינגעפאַלן צו לאָזן זיין מאַמען אויך ציען אַ קניפּל. און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ איז ער אַריין צו איר אין דער קיך, האַלטנדיק די צונויפגעלייגטע ברעגעס פונם טיכל אין זיין רויטער פויסט.

— צי, מאַמע! — האָט ער געזאָגט.

זי האָט דאַן אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי פאַר עטעלען און גע־האַלטן דעם טיי־קאַן אין די הענט.

— וואָס ציען? — האָט זי געפרעגט און אַוועקגעשטעלט דעם טיי־קאַן אויפן אויוון.

— צי אַרויס אַ ברעג, מאַמע... איך וויל ערגעץ היינט גיין, וווּ עס איז דאָ אַ סכנה, וויל איך וואַרפן גורל: צי זאָל איך, צי זאָל איך נישט...

— וואָס איז? דאָרטן איז דאָ אַ בייזער הונט, מיין זון? — האָט די אַלטע געפרעגט אומרואיק.

— יאָ, יאָ, — האָט ער אַרויסגעמורמלט, נישט ווויסנדיק, וואָס איר צו ענטפערן.

— טאָ גיי נישט אַהין, גאָט וועט דיר צושיקן אויף אַן אַנדער פּלאַץ, מיין זון...

— צי, מאַמע, צי! — האָט ער געמורמלט. — איך בעט דיך, צי!...

זי האָט אַרויסגעצויגן אַ ברעג אָן אַ קניפּל און ער איז צע־מישט געוואָרן.

— נו, ווי איז אויסגעפאַלן: גוט, צי שלעכט? — האָט די אַלטע געפרעגט און געקוקט נאָך אומרואיקער אויף אים.

ער האָט נישט געענטפערט און געקוקט צעטומלט אויף דעם ברעג, וואָס זיין מאַמע האָט אַרויסגעצויגן.

עטל איז אַריינגעקומען.

— גיכער די טיי, באָבע. עס ווערט שפּעט. איך וועל פאַר־שפּעטיקן צו דער אַרבעט, — האָט זי געזאָגט.

— די טענצערקע שלאָפט נאָך?

— רייטשל גייט היינט נישט אַרבעטן. זי פילט זיך נישט גוט. זי האָט מיר ערשט געזאָגט ביי איר אין רום. גיכער, באָבע, אַ גלאָז טיי!...

אָרע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— וואַרט, טאָכטערל!...

ער האָט שנעל צונויפגענומען די ברעגעס פונם טיכל אין זיין פויסט, אויסגעשטרעקט אים צו זיין טאָכטער און געזאָגט:

— ציי!...

— וואָס איז דאָס?...

— ציי! — האָט ער נאָכאַמאָל געזאָגט, און זיין האַרץ האָט ציטערנדיק געבעטן: „גאָטעניו, מאַך, זי זאָל אַרויסציען דאָס ריכטיקע!"...

זי האָט מיט אַ פאַרווונדערטער מינע אַ קוק געטאָן אויף איר טאַטנס אויסגעשטרעקטער פויסט מיט די אַרויסגעשטעקטע צענגעמענע רויטע שפּיצן פון דעם טיכל און גענומען ציען איינס פון זיי, און אַרויסגעשלעפּט... דאָס קניפּל... און ווי אַ שווערער שטיין האָט זיך אַרונטערגעקייקלט פון זיין האַרצן. ער האָט זיך דערפרייט נאָכמער, ווי פריער. באַלד אָבער איז ער ווידער צעטומלט געוואָרן: ווער האָט ריכטיק געצויגן, די מאַמע אָדער עטעלע?... אָבער ער האָט אויך אַרויסגעצויגן דאָס קניפּל... צוויי יאָ, איינס נישט... אַמאָל קאָן זיין, אַז דער מאַמעס ציען איז טאַקע ריכטיק און זייערע... היינט וואָס טוט מען פאַרט?...

זיינע געדאַנקען האָט איבערגעשלאָגן יאַכנעטשיק, וועלכער איז אַריינגעקומען אין הויז מיט אַ געפילדער און פאַרסאַפּעט.

— איר זענט פאַרטיק, ר' אָרע? גיכער! אַ נישט פאַרלירן מיר דעם „פאַרסעל". סאַמועלסאָן, דער לאָיער, האָט טאַקע אים דערשמעקט... קומט, מיסטער בלום וואַרט דאָרט ביי דער גויע אויף אונז מיט אַ לאָיער!...

און ער איז אַרויסגעגאַנגען מיט יאַכנעטשיקן פונם הויז, ווי אַ צעדולטער, האָט נישט באַמערקט די שיינע פרילינגס־זון, וואָס

האָט אַזוי פריילעך באַלויכטן די גרינע שטרעקעס לאַנד, דעם וועלדל, וואָס האָט געפּישופט פון ווייטן, די זאַמדיקע גאַסן און די קליינע הייזלעך, און נישט געהערט, וואָס יאַכנעטשיק האָט אים דערציילט וועגן סעמקע בלום, ווי נעכטן איז אים, סעמקען, באַפאַלן אַן אײַרישער גוי און אים צעקראַצט דאָס פּנים... ער, אָרע, איז געגאַנגען ווי צו אַ געפערלעכער אָפּעראַציע, אונטער וועלכער ער האָט געקאָנט שטאַרבן... נאָר איין מאָל האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— איז ווי מיינט איר, מיסטער יאַכנעטשיק, האַ?

— וואָס?

— איז... איז... איז קיין סכּנה נישטאָ, אַז... אַז מיר זאָלן חלילה פאַרלירן אונזער... אונזער געלט, האַ?

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטן, ר׳ אָרע, — האָט געענטפערט יאַכנעטשיק, און צוגעלייגט מיט פאַרווונדערונג אינם קול:

— אַ־אַך!...

זיי זענען צוגעגאַנגען צו אַן אַלט, האַלב איינגעפאַלן, הילצערן הייזל, וואָס איז אַרומגערינגלט פון אַ גאָרטן מיט בלומען און פערזייטע בייטן. אין פראָנט זענען געשטאַנען עטלעכע בוימער, באַשאָטן מיט ווייסע בליטן.

— אָט דאָס איז דאָס! — האָט יאַכנעטשיק געזאָגט און אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר.

עס האָט זיך דערהערט אַ קוויטשענדיקער בילן פון אַ הינטל. אָרע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און איז אָפּגעטראָטן פון דער טיר.

— שרעקט זיך נישט, דער גויעס קליין הינטל, ער בייסט זיך נישט, — האָט יאַכנעטשיק באַמערקט.

אַן אַלטע קריסטין מיט אַ ווייסן קאָפּ האָט זיי געעפנט די טיר. זיי זענען אַריין אין שטוב. פון אונטערן טיש האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיי אַ קליין, ווייס הינטעלע מיט אַ בילן. אָרע האָט זיך ווידער אַ כאַפּ געטאָן צוריק און גלייך איז אים אויף דער צונג אַרויף, אויס געוווינהייט, דער „פּסוק״: „איך בין יעקב, דו ביזט עשיו״... ער האָט אָבער דעם הינטישן פּסוק נישט געענדיקט, ווייל די אַלטע קריסטין האָט אָנגעשריגן אויף איר הינטל און עס איז אַנטשוויגן געוואָרן און פאַרקראָכן צוריק אונטערן טיש.

ביים טיש זענען געזעסן סעמקע מיט אַ צעקראַצטן פּנים, אַן עלטערער קריסט, דער אַלטערס לאַיער, און אַ יידישער יונגערמאַן דער לאַיער, וואָס האָט פאַרטראָטן די שותּפים.

— אַלצדינג איז שוין פאַרטיק, מען דאַרף נאָר געבן דאָס געלט און אונטערשרייבן, — האָט סעמקע זיי באַגעגנט.

יאַכנעטשיק האָט אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בוזעם אַ פּעקל געלט און איבערגעגעבן דעם לאַיער.

— ציילט איבער, דריי הונדערט, — האָט ער געזאָגט.

דאָס אייגענע האָט געטאָן סעמקע. נאָר איין אָרע האָט זיין געלט נישט אַרויסגענומען און געקוקט אַרום זיך, ווי אַ צעדולטער.

— האָט איר ביי זיך אייערע פינף הונדערט? — האָט דער יונגערמאַן, דער לאַיער, זיך צו אים געווענדט.

— האַ? — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און מיט אַ מינע, אַזוי ווי מען וואָלט אים ביים האַלז אָנגענומען און מיט געוואַלט אים געצוווּנגען געלט צו געבן, האָט ער פאַררוקט זיין האַנט אונ־טערן בוזעם און לאַנגזאַם אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט זיין פּעקעלע געלט. ער האָט אינגאַנצן געציטערט, בעת ער האָט איינציקווייז איבערגעגעבן דעם לאַיער זיינע פינף הונדערטער.

דערנאָך האָט מען אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט. די אַלטע אַפּריער, נאָך איר סעמקע בלום און יאַכנעטשיק. אָרע האָט גע־דאַרפט אונטערשרייבן. דער לאַיער האָט צוגערוקט צו אים דעם קאָנטראַקט.

— איך קאָן נישט אונטערשרייבן אויף ענגליש, — האָט אָרע אַרויסגעמורמלט.

— שרייבט אונטער אין יידיש, — האָט דער לאַיער געזאָגט.

ער האָט אונטערגעשריבן מיט אַ ציטערנדיקער האַנט.

— וואָס ציטערט איר אַזוי? — האָט דער לאַיער זיך אָנגע־רופן.

— אַך, מיסטער לאַיער, איך האָב דאָס נישט גענדאַרפט טאָן... מיין טאַכטערס נדן... בלוטיק געלט,—האָט ער געמורמלט,— נאָר גאָרנישט, וואָס גאָט וועט געבן, דאָס וועט זיין. פאַרפאַלן!

און ער האָט אַ זיפץ געטאָן.

שפּעטער, ווען ער מיט זיינע פּאַרטנערס האָבן זיך צעשיידט

מיט זייער לאַיער, אַרויסגייענדיק פון דער אַלטערס הויז, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די 12 הונדערט דאָלער, וואָס זיי האָבן איינגעצאָלט דער אַלטער, זענען געווען נאָר אַ דעפּאָזיט, אַן אויפגאָב אויף די פינף טויזנט דאָלער, וועלכע זיי וועלן איר דאַרפן באַצאָלן אין אַ חודש אַרום. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ. וואָס הייסט?... ס'טייטש, ער האָט דאָך געמיינט, אַז דער גאַנצער „פּאַרסעל'' טרעפט נישט אָן מער ווי די צוועלף הונדערט דאָלער. ווו וועלן זיי נעמען אַזויפיל אין אַ חודש אַרום? פאַרוואָס האָבן זיי דאָס אים פריער נישט געזאָגט?...

— פאַרוואָס האָט איר נישט געפרעגט? — האָט סעמקע, ביי וועמען דער קאָנטראַקט איז געלעגן אונטערן בוזעם, געענטפערט און זיך צעלאַכט: — אַ ריכטיקער ביזנעסמאַן ווייסט פריער, וואָס ער טוט...

— גזלנים, איר האָט דאָך מיך געקוילעט! — האָט אָרע אַרויסגעקרעכצט און פאַרבראָכן די הענט. — אוי וויי איז מיר, אָט האָסטו דיר!... ווו וועלן מיר נעמען אַזויפיל געלט?...

— טפוי! — האָט יאַכנעטשיק אַ שפּיי געטאָן מיט פּעס. — וואָס נודעט איר, פערד וואָס איר זענט? אַז מיר וועלן קריגן געלט אויף דעם „פּאַרסעל'', וועט איר אויך קריגן, און אַז נישט, האָבן מיר קיינער נישט „געפידלט''... מיר אַלע ליגן דאָ מיטן געלט...

— אין דר'ערד ליגן מיר, אין דר'ערד, — האָט אָרע געקרעכצט, — ס'געהערט? אַן אויפגאָב גאָר! און ווו וועלן מיר נעמען דאָס איבעריקע, אַזויפיל געלט?... גזלנים, פאַרוואָס האָט איר מיך אַריינגעשלעפּט? — האָט אָרע זיך שיער נישט צעוויינט.

— ר' אָרע, — האָט סעמקע גענומען אויף אים שרייען, — איר וועט אונז אומגליקלעך מאַכן! ווען איר וועט אַזוי טענהן, וועט מען מיינען, אַז מיר האָבן חרטה אויף אונזער „פּאַרסעל'' און דאַן ערשט וועלן מיר טאַקע פאַרלירן אונזער געלט. בעסער שרייט: אַ „באַרגיין''! אַ באַרגיין, אַ מציאה, איר הערט? אַ באַרגיין, אַ מציאה. וועלן מיר דאַן פאַרדינען געלט. איר הערט וואָס איך זאָג אייך?...

— ער איז גערעכט, — האָט יאַכנעטשיק אונטערגעכאַפּט,—

איך דאַרפֿט שרייען, אַז מיר האָבן געהאַנדלט אַ גרויסע מציאה...
שאַ, דאָרט גייט סאַמועלסאָן דער לאָיער...

— ר' אָרע, מאַכט אַ פֿריילעכע מינע און טאָמער פֿאַרפֿירט ער אַ רייד מכּה אונזער „פּאַרסעל", שרייט, אַז איר ווילט נישט פֿאַרקויפֿן אים.

— וואָס הייסט? זאָל ער נאָר מיר צוריקגעבן מיין געלט, וועל איך דאַנקען גאָט! — האָט אָרע אויסגעשריגן.

— מאַכט צו אייער פּיסק, איר אַלטער ליץ! — האָט סעמקע אויף אים אַ געשריי געטאָן. — איר שווייגט, לאָזט אונז רעדן!

אָרע האָט אַ טראַכט געטאָן: „יאָ, יאָ, דו מעגסט שוין שרייען אויף מיר, איך בין דאָך אין דיינע הענט, וויי איז מיר!".

און ער האָט דערפֿילט, אַז ער וועט באַלד אַרויספּלאַצן מיט טענות, פֿאַרוואָס זיי האָבן אים אומגליקלעך געמאַכט, איז ער אָפּגעטראָטן פֿון זיי און האָט גענומען גיין אינמיטן גאַס מיט וואַקלדיקע טריט, ווי אַ שיכּורער...

— אָט האָסטו דיר! אַ פֿיינעם תּכלית געמאַכט, אַ פֿיינעם! — האָט ער פֿאַרצווייפֿלט געמורמלט אין באָרד אַריין.

— אַ גוטן מאָרגן, ר' אָרע! — האָט ער דערהערט אַן אָנגענעמען באַריטאָן.

ער האָט זיך אומגעקערט און דערזען סאַמועלסאָנען, וועלכער איז געגאַנגען אויפֿן צווייטן טראָטואַר מיט זיין שטענדיקן שמייכל אויפֿן פּנים.

סאַמועלסאָן איז געווען איינער פֿון די עלטסטע יידישע תּושבֿים אין בראָנזוויל. אַ מערקווירדיקער מענטש, אַ געמיש פֿון אַ פּראַקטישן מענטשן און אַ טרוימער, פֿון אַ דורכגעטריבענעם געשעפֿטסמאַן און אַן אידעאַליסט פֿון העכסטן סאָרט. אין אַמעריקע איז ער געווען אַ יאָר פֿופֿצן. געקומען פֿון אַ דרום־רוסישער שטאָט, וווּ ער האָט געענדיקט אַ גימנאַזיע. אין ניו־יאָרק האָט ער זיך אַ לאַנגע צייט געפּלאָגט, געאַרבעט אין שעפּער ביי העמדער און ראַפּערס און גאָר אָפּט געהונגערט. זיין פֿרייע צייט האָט ער אָפּגעגעבן דער אַרבעטער־באַוועגונג, געהאָלפֿן גרינדן די ערשטע יוניאָנס צווישן די יידישע אַרבעטער, אַגיטירט, געלייענט לעקציעס איבער דער אַרבעטער־פֿראַגע און האָט עס געטאָן מיט אויפֿריכטי־

קער באַגייסטערונג. אַן איבערצייגטער סאָציאַל - דעמאָקראַט, אַ מאַרקסיסט, האָט ער דעמאָלט געהאָלפֿן צו באַקעמפֿן די יידי־שע און דייטשע אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן אין יענער צייט געזוכט אַריינצוקריגן די יידישע אַרבעטער אונטער זייער איינפֿלוס. אין דער אייגענער צייט האָט ער זיך פֿאַרגעבריייטעט צום קאַלעדזש. גע־ענדיקט דעם קאַלעדזש, האָט ער דערנאָך געעפֿנט אַן אָפֿיס אין בראָנזוויל און אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן „לאָא״. זיין פּראַקטיק האָט אים אָבער זייער ווייניק אַריינגעבראַכט. די באַפֿעלקערונג איז געווען צו־קליין אין בראָנזוויל און די קליענטן, וואָס זענען אַמאָל צו אים יאָ געקומען, זענען ס׳רוב געווען אָרעמע אַרבעטער־שיכטן און זיי זענען צו אים געגאַנגען, ווייל ער איז געווען זייערער אַ מענטש, וואָס, אַז מען האָט אים נישט באַצאָלט פֿאַר זיין אַר־בעט, האָט ער אויך קיין טענות נישט געהאַט. דערפֿאַר אָבער, אַז עס האָט זיך אים אַמאָל געמאַכט אַ רייכער קליענט, האָט ער, סאָ־מועלסאָן, פֿאַרשטאַנען, ווי צו מאַכן אים באַצאָלן אויך פֿאַר די אָרעמע. אָבער רייכע קליענטן זענען אין בראָנזוויל געווען פֿאַר־דאַמט ווייניק און אַפֿילו פֿון די ווייניקע האָט נישט יעדער געוואָלט גיין צום סאָציאַליסט סאַמועלסאָן, איז ער אַ לאַנגע צייט געבליבן אַן אָרעמאַן. די אָרעמקייט האָט ער פֿאַרטראָגן גוטמוטיק, מיט אַ באַזונדערן גליקלעכן שמייכל.

בכלל, האָט מען אים שטענדיק געזען מיט אַ צופֿרידענער, כּמעט גליקלעכער מינע אויפֿן פּנים. צו מענטשן האָט ער זיך פֿאַר־האַלטן זייער פֿריינטלעך און ליבנסווירדיק, אויסער ווען ער איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפֿאָרמע און האָט גערעדט צו אַרבעטער. דאַן איז ער אינגאַנצן געווען דער היפּוך פֿון דעם גוטמוטיקן, זאַנפֿטן און פֿריינטלעכן סאַמועלסאָנען. דאַן האָט ער „געפּול־ווערט״, געשאָטן ווערטער, בראַנד־פֿייער, פֿול האַס, קעגן דעם קאַ־פּיטאַליזם, און אין אַ דעבאַטע מיט אַ קעגנער וועגן דער „צו־קונפֿטיקער געזעלשאַפֿט״, איז ער אָפֿט געווען גראָב, נישט אָפּגע־שטעלט זיך פֿאַר קיין אויסדרוק, און זיינע אויגן האָבן דעמאָלט געברענט מיט פֿיינטשאַפֿט, און זיין קול האָט געקלונגען מיט פֿאַר־אַכטונג, און אינגאַנצן האָט ער, דאַכט זיך, מיט האַס דאַן גע־אָטעמט...

ער איז געווען אַ ברייטער, שטאַרק־געבויטער מאַן פון מי־טעלן וווקס, מער ענלעך צו אַן איטאַליענער, ווי צו אַ ייד, מיט דיקע, פעך־שוואַרצע וואָנסעס, אַ שיינער מאַן פון אַ יאָר פערציק מיט אַ רונדן פּנים, וואָס איז באַלויכטן געווען פון אַ פּאָר מערקווירדיק הייסע, שוואַרצע אויגן און פון אַ גליקלעכן, זוניקן שמייכל.

אָנגעטאָן איז ער געווען מעשה פּראַנט, אין אַ טייערן העלן אָנצוג, וועלכן ער האָט זיך געלאָזט מאַכן ביי אַ גוטן שניידער און אין העלע לאַקירטע שיך. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ העלע קעפּקע, אונטער וועלכער עס האָבן באַזונדערס אָפּגעשלאָגן זיינע פעך־שוואַרצע האָר, זיינע מערקווירדיקע שוואַרצע אויגן און זיינע פעך־שוואַרצע, דיקע וואָנסעס.

ערשט מיט אַ יאָר צוריק, איידער ער איז געוואָרן אַ ריעל עסטייטניק, האָט ער זיך נישט געפּוצט, איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ „פּראָלעטאַריער". נאָר זייט ער האָט אַריינגעקריגן די טוויזנטער, האָט ער אין זיך — ווי ער האָט אַליין געזאָגט — דערפילט דעם „רייכן יצר־הרע", האָט זיך גענומען פּוצן, וווילטאָג זיך אָנטאָן. האָט אָפּט געטרונקען שאַמפּאַניער און געטרוימט וועגן אַן אייגע־נעם אויטאָמאָביל. איצט האָט ער אויך אַמאָל גערעדט ביי די אַר־בעטער אויף די מאַסן־פאַרזאַמלונגען און מיט דעם אייגענעם האַס וואָס פריער קעגן דעם קאַפּיטאַליזם און האָט אָפּט באַצאָלט פאַר די לאָקאַלן, ווו די פאַרזאַמלונגען זענען פאָרגעקומען. און אין דער אייגענער צייט האָט ער אין פּריוואַט־געשפּרעכן צוגערעדט זיינע באַקאַנטע אַרבעטער, זיי זאָלן אָנהויבן צו קויפן „לאָטס", פּונקט ווי ער האָט זיי פריער צוגערעדט, זיי זאָלן אין די יוניאָנס אַריינ־טרעטן. און מאַנכע פון זיי האָבן אים טאַקע געפאָלגט, געקויפט „לאָטס", פאַר זייער לעצט געלט, ביי אים אָדער דורך אים און ער האָט דערביי נישט צוגעלייגט... ער האָט אָבער נישט געמיינט אַריינצונאַרן די אַרבעטער צוליב זיין נוצן; אמת טאַקע, ער האָט דערביי פאַרדינט געלט, אָבער ער איז אויך געווען איבערצייגט, אַז זיי, די אַרבעטער, וועלן אויך געלט פאַרדינען פון די „לאָטס", וואָס זיי קויפן. ער האָט געזען, ווי יעדן טאָג ווערן מענטשן רייך, ווי ער אַליין ווערט מיט יעדן טאָג רייכער און רייכער, ווי בראָנז־וויל וואַקסט, ווי נייע גאַסן ווערן אויסגעלייגט, ווי די אַלטע וואַקסן

דורך די נייע הייזער, וואָס ווערן אויסגעבויט, ווי נייע מענטשן קו־מען צו און באַזעצן זיך אין בראַנזוויל אין די צענדליקער, הונ־דערטער און טויזנטער, און ער האָט אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז בראַנזוויל וועט אַמאָל אויסוואַקסן גרויס, זייער גרויס. וועט זיין איינע פון די גרעסטע יידישע שטעט, וואָס יידן וועלן האָבן אויס־געבויט. און דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים אַזוי באַגייסטערט, דאָס ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער אים אויסגעדריקט און דער־ביי באַמיט זיך צו באַווייזן, פאַרוואָס בראַנזוויל מוז אויסוואַקסן אַ גרייסע שטאָט. זיינע אַרגומענטן זענען געווען פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און אָפט, ווען ער האָט זיי אַרויסגעזאָגט, האָט ער באַ־נוצט אויסדריקן, וואָס ער איז געוווינט געווען צו געברויכן אין זיינע לעקציעס.

קורץ, ער האָט אויפריכטיק געגלויבט, אַז אין בראַנזוויל וועט דער ווערט פון הייזער און לאַנד־אייגנטום נאָך העכער און העכער שטייגן און דערפאַר האָט ער מיט אַ ריינעם געוויסן געקאָנט יעדן ראַטן, אַריינצולייגן די לעצטע פאַר דאָלער אין ,,ריעל־עסטייט'', האָט געקויפט און פאַרקויפט פון האַנט צו האַנט, אַמאָל אַליין און אַמאָל מיט אַ שותּף, און דערביי האָט ער זיך אומדערוואַרטעט אַרויסגעוויזן אַלס דורכגעטריבענער געשעפטסמאַן.

האָט ער ערגעץ דערשמעקט אַ גוטן ,,פּאַרסעל'', האָט ער אים געהיט מיט ביידע אויגן און זעלטן ווען ער האָט אים נישט אַריינ־געקריגן.

אַזוי האָט ער אויך מיט אַ טאָג צוריק דערשמעקט דעם ,,פּאַר־סעל'', וואָס יאַכנעטשיק מיט זיינע פּאַרטנערס האָבן היינט גע־קויפט. ער איז אַוועק צו דער אייגנטימערין און האָט געפרעגט, צי זי וויל אים פאַרקויפן, און ווען זי האָט אים געענטפערט, אַז יאַכנעטשיק האָט אים געקויפט, אַז ער דאַרף איר ברענגען היינט דאָס געלט, האָט ער נישט געפּרוווט איר אָנבאָטן אַ העכערן פּרייז, ווי אַן אַנדערער וואָלט עס געטאָן, נאָר ער האָט באַשלאָסן אָפּצו־היטן יאַכנעטשיקן, ווען יענער וועט שוין האָבן געשלאָסן מיט איר און אָפּהאַנדלען פון אים דעמדאָזיקן ,,פּאַרסעל'' אויף סטאַן עוועניו, וועלכער איז געווען איינער פון די בעסטע אין בראַנזוויל.

ווען ער האָט דערזען יאַכנעטשיקן מיט סעמקען און אַרען,

האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז זיי אַלע זענען פּאַרטנערס פון דעמ־דאָזיקן „פּאַרסעל״, און אַ טראַכט געטאָן: „איז דאָס נישט דער בעסטער באַווייז, אַז „ריעל־עסטייט״ אין בראָנזוויל איז דער זי־כערסטער אַרטיקל, ווען אַפילו אָרע די באָרד הויבט אָן מיט אים צו האַנדלען!״ דאַן האָט ער זיך צו אָרען געווענדט:

— גוט מאָרגן, ר׳ אָרע! וווהין לויפט איר אַזוי?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אָרע איז אויך שטיין געבליבן. סעמקע און יאַכנעטשיק, וואָס זענען געגאַנגען אויפן טראָטואַר קעגנאיבער, זענען שנעל אַריבערגעלאָפן אויף דעם טראָטואַר, וווּ סאַמועלסאָן איז געשטאַנען, צוגעגאַנגען צו אים און האָבן זיך אַזוי אוועקגעשטעלט, דאָס אָרע איז געבליבן שטיין הינטער זייערע רוקנס.

— העללאָ יידן! — האָט זיי סאַמועלסאָן באַגעגנט מיט זיין אָנגענעמען, לאַסטשענדיקן באַריטאָן. — פונוואַנען קומט מען און וווהין גייט מען?

— מיר האָבן עפּעס געהאַנדלט, — האָט יאַכנעטשיק גע־ענטפערט.

— דעם „פּאַרסעל״ אויף סטאָן עווענויו, אויף וועלכן איר האָט אַרויסגעקוקט, — האָט אונטערגעכאַפּט סעמקע.

— ווער האָט עס אייך געזאָגט, אַז איך האָב אויף אים אַרויסגעקוקט? — האָט זיך אָנגערופן סאַמועלסאָן, און אַרויסגע־וויזן זיינע געזונטע, ווייסע, לאַבעדיקע ציין אונטער די דיקע, פעד־שוואַרצע וואָנסעס. — איר האָט אַ טעות, איך הער ערשט פון אייך, אַז איך האָב אויף אים אַרויסגעקוקט...

און ער האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט.

אָרען איז קאַלט געוואָרן פון דעמדאָזיקן ענטפער און געלעכ־טער. ער האָט אַ צופּ געטאָן פון הינטן יאַכנעטשיקן ביים אָרעם און אַרויסגעקרעכצט:

— נו, איר הערט, האַ?...

יאַכנעטשיק האָט אים פאַרגנבעט אַרויפגעטראָטן אויפן פוס און אַרויסגעלאָזט צווישן די ציין:

— ציין! האַלט ס׳מויל!...

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו סאַמועלסאָנען:

— די גויע אַליין האָט אונז דערציילט, אַז איר זענט נעכטן ביי איר געווען וועגן „פּאַרסעל״, און ווען מיר וואָלטן היינט נישט געקומען צו איר מיט דעם געלט אין דער באַשטימטער צייט, וואָלט זי אייך אים פאַרקויפט...

סאַמועלסאָן האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפערט; ער האָט אַרויסגענומען אַ סיגאַר, פאַררויכערט און גענומען קוקן מיט זיינע קלוגע, שוואַרצע אויגן דאָ אויף יאַכנעטשיקן און דאָ אויף סעמ־קען. דערנאָך איז ער פּלוצים צוגעגאַנגען צו אָרען, האָט אַרויפגע־לייגט אַ האַנט אים אויפן אַקסל, אויסגעשטעלט זיינע לאַכעדיקע ציין און געזאָגט:

— איר זענט אויך אַ פּאַרטנער צו זיי, ר׳ אָרע?

— אַ פּאַרטנער, יאָ! — האָט אָרע אַרויסגעמורמלט דער־שלאָגן.

— אַזוי? זייער שיין, זייער שיין. וויפל ווילט איר פאַר אייער טייל, ר׳ אָרע? — האָט ער מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן.

— האָ? — האָט זיך אָרע אַ כאַפּ געטאָן. — וואָס הייסט, וויפל איך וויל?...

— איך מיין, וויפל פּראָפיט ווילט איר? וויפל ווילט איר פאַר־דינען? הונדערט, צוויי הונדערט, פינף הונדערט?...

אָרע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר משונהדיקע אויגן. נאָר דאָ האָט זיך יאַכנעטשיק ראַפּטאָם אַ כאַפּ געטאָן, אַריינגערוקט זיך צווישן זיי און אָפּגעשטופּט מיטן רוקן אָרען, אויסגעשטעלט זיין בייכל צו סאַמועלסאָנען און גע־זאָגט:

— ר׳ אָרע וועט זיין טייל נישט פאַרקויפן. ווען איר ווילט דעם גאַנצן „פּאַרסעל״, קאָנען מיר רעדן.

סאַמועלסאָן האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט.

— קאָר־רע־עקט! — האָט ער געזאָגט, אַ קלאַפּ געטאָן יאַכ־נעטשיקן איבערן אַקסל און צוגעלייגט:

— בראַוואָ, מיסטער יאַכנעטשיק. בראַוואָ! אָט אַזוי נאָר דאַרף מען האַנדלען. אָנשטענדיק, נאָר אָנשטענדיק... מיר וועלן טאָן גרויסע ביזנעס אויף אַן אָנשטענדיקן אופן.

— און נאָר אויף אַן אָנשטענדיקן אופן! — האָט סעמקע אונטערגעכאַפּט מיט היץ.

— יעס, יעס, — האָט סאַמועלסאָן אַרויסגערעדט שטיל און זיינע אויגן האָבן פּלוצים גענומען קוקן פאַרחלומט איבער יאַכנעטשיקס קאָפּ, ווייט אויף די גרינע שטרעקעס לאַנד, וואָס האָבן זיך דאָרט געוואַרעמט אונטער דער פרילינגס־זון: —

— יעס, יעס, אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער וועט מען בראָנזוויל נישט דערקענען. מיר וועלן האָבן אַ גרויסע, בליענדע שטאָט און מאַנכע פון אונז וועלן דאַן אפשר זיין ראָקפעלערס...

אָרע האָט געקוקט אויף אים, געהערט, וואָס ער רעדט און אים נישט פאַרשטאַנען. אין זיינע אויערן האָבן נאָך אַלץ געהילכט סאַמועלסאָנס ווערטער: „הונדערט, צוויי הונדערט, פינף הונדערט...” האָט ער געלאַכט פון אים?...

סעמקע האָט דערוויל איינגערוימט יאַכנעטשיקן אויפן אויער: „לאָמיר אָפּקויפן ביי אָרען זיין טייל”. יאַכנעטשיק האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, נישט געוואָלט אים מער הערן און זיך ווידער געווענדט צו סאַמועלסאָנען:

— אַלזאָ, מיסטער סאַמועלסאָן, גוד באַי! מיר גייען צו דאָקטאָר זילבערשטיין.

סאַמועלסאָן האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— וואַרט, האָט אביסעלע געדולד. אפשר וועל איך ביי אייך צונעמען דעם „פּאַרסעל”. וויפל האָט איר באַצאָלט פאַר אים?

— פינף טויזנט. צוועלף הונדערט האָבן מיר געגעבן דעפּאָזיט, — האָט יאַכנעטשיק געענטפערט.

— נו, וויפל ווילט איר פּראָפיט?

סעמקע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— צו דריי טויזנט אויף אַ טייל...

סאַמועלסאָן האָט ווידער אויסגעשטעלט זיינע ווייסע, לאַכעדיקע ציין.

— דריי טויזנט אויף אַ טייל? — האָט ער אַרויסגערעדט גוטמוטיק. — דריי טויזנט? האָט איר באַרעכנט, יונגערמאַן, וויפל געלט דאָס איז? האָט איר שוין אַמאָל געזען אַזויפיל געלט?

—וויל איך טאַקע זען! — האָט סעמקע געזאָגט און צוגע־

ליינט. — ווען איר וועט נישט געבן, וועט דער דאָקטאָר זילבער־שטיין געבן.

— פאַרגעסט נישט, אַז דער „פּאַרסעל" איז אויף סטאַן עוועניו, — האָט זיך אַריינגעמישט יאַכנעטשיק.

סאַמועלסאָן האָט זיך ווידער גוטמוטיק צעלאַכט:

— און אַז אויף סטאַן עוועניו? אוי, איר האָט נאָך נישט דעם מינדסטן באַגריף וועגן אַזוינע זאַכן. אין פינף יאָר שפּעטער וועט דערדאָזיקער „פּאַרסעל" אפשר ווערט זיין זייער אַ סך געלט, היינט אָבער, היינט... דריי טויזנט דאָלער אויף אַ טייל... כאַ! כאַ! כאַ! — האָט ער זיך נאָך העכער צעלאַכט.

אָרע איז געשטאַנען און האָט געקוקט אַרום זיך מיט אויסגע־שטאַרצטע אויגן. זענען זיי משוגע, אָדער זיי רעדן אַזוי, ווייל זיי ווילן אַביסל טרייבן קאַטאָוועס פון אים, אָרען?...

ער איז צוגעגאַנגען צו סעמקען און האָט שטיל אַרויסגע־רעדט:

— זאָגט מיר נאָר...

נאָר יענער האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך, אַ צופּ געטאָן יאַכנעטשיקן ביים אַרבל און געזאָגט:

— קומט, צום דאָקטאָר זילבערשטיין.

— וואַרט, לויפט נישט! — האָט סאַמועלסאָן אים רואיק אָפּגעהאַלטן. — איר הייסט, דאַכט זיך, בלום, האַ? אַן אַגענט פון זינגער־מאַשינען? וואָס וועט איר טאָן מיט אַזויפיל געלט?

— און וואָס טוט איר מיט אַזויפיל געלט? — האָט סעמקע זיך אָנגערופן. — איר, מיסטער סאַמועלסאָן, שיינט מיר, האָט לעצטן יאָר אויך נישט פאַרמאָגט קיין סך טויזנטער?...

— קיין פּעני נישט, — האָט סאַמועלסאָן געזאָגט גוטמוטיק, — מילא, עפּעס וועט איר דאָך אַרונטערלאָזן...

— קיין פּעני נישט! — האָט סעמקע געענטפערט מיט היץ.

— איר האַנדלט אַ מציאה, — האָט יאַכנעטשיק געזאָגט מיט אַ ציטערדיקן קול, פּילנדיק, ווי אַלצדינג אין אים צאַפּלט זיך פאַר אויפרעגונג.

— עפּעס וועט איר מוזן אַרונטערלאָזן, — האָט סאַמועלסאָן ווידער געזאָגט, — נו, אויף אַ פּאָר פלעשער שאַמפּאַניער...

— דאָס יאָ! — האָט סעמקע אויסגעשריגן.

— אָל־רייט, איך נעם צו אייער „פּאַרסעל״, — האָט סאַמוּ־עלסאָן אים אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל, — קומט, איר ווילט דאָך מסתּמא מזומנים?...

— מזומנים... — האָט אַרויסגעשטאַמלט סעמקע מיט בליי־כע ליפּן.

— קומט צו דער סטייט באַנק..

סעמקע איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך. יאַכנעטשיק רויט, ווי אַ בוריק, און אָרע איז גאָר אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן. זיינע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט ווילד און צעטומלט פון יאַכנעטשיקן אויף סעמקען, פון סעמקען אויף סאַמועלסאָנען און צוריק. אינם מוח האָט זיך אים געמישט און ער איז נישט אימשטאַנד געווען אַ וואָרט אַרויסצובריינגען אויף די ליפּן. און ווען יענע זענען אוועק אין דער ריכטונג פון דער באַנק, איז ער זיי נאָכגעגאַנגען ווי אַ גולם, האָט גאָרנישט געזען פאַר זיך, אויסער זייערע רוקנס, און אויפן מוח האָט אים אַזאַ משא געדריקט, דאָס די קני האָבן זיך אים אונטערגעבויגן.

ער האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי ער איז אַריין נאָך די אַנ־דערע אין דער באַנק און זיך דאָרט געזעצט נעבן יאַכנעטשיקן און סעמקען אין אַ באַזונדערן צימער ביי אַ טיש. דערנאָך איז סאַ־מועלסאָן ערגעץ פאַרשוווּנדן. אָרע מיט די אַנדערע זענען געבליבן זיצן. קיינער פון זיי האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, נאָר סעמקע האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל און נערוועז געגומען פייפן. דאַן האָט זיך סאַמועלסאָן ווידער באַוויזן, און דאָס מאָל מיט אַ פּאַק געלט, איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט מיט אַ שטראַלנדן פּנים, ווי ביי אַן אמת־פרומען יידן, בעת ער טוט אַ גרויסע מצוה, פאַר יעדן אויסגעצאָלט זיין געלט. אָרע האָט באַקומען פינף און דרייסיק נייאינקע הונדערטער... סאַמועלסאָן האָט אים געהייסן איבערציילן. ער האָט גענומען ציילן און די הענט האָבן זיך ביי אים געטרייסלט, און ער האָט בשום־אופן נישט געקאָנט איבער־ציילן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע מעשה איז נישט מער ווי אַ חלום. און ער האָט געפּרוּווט זיך אַ קניפּ טאָן אין דער קני, געוואָלט זיך איבערצייגן, צי דאָס איז נישט אַ חלום,

און נישט געפילט דעם קניפּ. ער האָט זיך אַ צופּ געטאָן די באָרד און נישט געפילט קיין ווייטאָק. „דאָס איז אַ חלום!" — האָט ער געטראַכט. דערנאָך האָט ער געזען, ווי יאַכנעטשיק און סעמקע שרייבן אונטער אַ פּאַפּיר. באַלד האָט מען אים אויך געהייסן אונטערשרייבן און ער האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט אונטערגע־שריבן. דערנאָך האָט ער געזען, ווי יאַכנעטשיק און סעמקע האָבן באַהאַלטן דאָס געלט אונטערן בוזעם. און ער האָט זיין געלט אויך באַהאַלטן אונטערן בוזעם. דערנאָך האָבן זיי זיך אַלע אויפגעהויבן פון די ערטער און זיך געדריקט איינער דעם אַנדערן די הענט, און ער האָט זיך אויך אויפגעהויבן און זיי האָבן זיין האַנט אויך געדריקט. דאַן האָבן זיינע צעטומלטע אויגן זיך אָפּגעשטעלט אויף יאַכנעטשיקס בייכל. און פּלוצים איז אים איינגעפאַלן, ער וועט פּרוּוון אַ טורקע טאָן יענעם אין בויך, כּדי צו זען, צי דאָס איז אַ חלום. און ער האָט אויסגעשטרעקט צו יאַכנעטשיקן צוויי פינגער און מיט זייער אַן ערנסטער מינע אויפן פּנים האָט ער אים מיט זיי אַזאַ פּורקע געטאָן אין בויך אַריין, אַז יאַכנעטשיק איז אונטערגעשפּרונגען מיט אַ געשריי און האָט אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן. סאַמועלסאָן און סעמקע האָבן זיך הויך צעלאַכט. ערע האָט אַ דריק געטאָן די אַקסלען: אפשר איז דאָס נישט קיין חלום!...

דערנאָך האָט אים סאַמועלסאָן גערופן טרינקען שאַמפּאַניער. און ער איז אַוועק נאָך זיי אַלץ צעטומלט, מיט אַ ליימענעם אויס־דרוק פון אַ גולם אויפן פּנים.

זיי זענען אַריין אין דעם רעסטאָראַן, וועלכער איז געווען די בערזע פון די ריעל־עסטייטניקעס. דאָרט איז געווען טומלדיק און אָנגערויכערט. פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן פאַרשידענע אויפגערעגטע שטימען, אַ קלאַפּ פון טעלער, אַ קלינגען פון מע־סערס און גאָפּלען. עס האָט דאָ געשמעקט מיט געקעכטס, גע־בראָטנס, רויך פון סיגאַרן און סיגאַרעטן.

ערע האָט באַמערקט, ווי דורך אַ נעפּל, באַקאַנטע פּנימער. פון אַלע זייטן האָבן באַגריסט סאַמועלסאָנען פאַרשידענע שטי־מען. דידאָזיקע אַלע שטימען האָבן זיך אין ערעס אויערן צונויפ־געגאָסן אין אַן אומבאַשטימטן טומל.

ער האָט זיך געזעצט בײַ אַ טישל מיט יאַכנעטשיקן, סעמקען און סאַמועלסאָנען.

אַ קעלנער איז צוגעגאַנגען.

— צווײ פלעשער שאַמפּאַניער! — האָט סאַמועלסאָן געזאָגט.

„טאַקע שאַמפּאַניער", האָט אָרע אַ קלער געטאָן פאַרוווּנדערט, — „וואָס איז דאָס? וואָס טוט זיך דאָ?"

ער האָט קײן שאַמפּאַניער ביז הײַנט נאָך קײנמאָל נישט פאַרזוכט. האָט אַפילו נישט געוווּסט, ווי דאָס זעט אויס. אײן זאַך אָבער האָט ער יאָ געוווּסט, אַז נאָר די גרויסע „מיליאָנטשיקעס" טרינקען אַמאָל שאַמפּאַניער, ווען זײ ווילן זיך וווילטאָג אָנטאָן.

מען האָט געבראַכט דעם שאַמפּאַניער, אָנגעגאָסן די באָקאַלן.

— טרינקט, ר' אָרע!

— ווי מאַכט מען אַ ברכה אויף דעם? — האָט אָרע אַ פרעג געטאָן, ווי פאַרשלאָפן.

— ווי איבער ווײַן, — האָט יאַכנעטשיק געענטפערט.

אָרע האָט געמאַכט אַ ברכה און אַ זופּ געטאָן. ער האָט פאַרקרימט דאָס פּנים.

— דאָס איז דאָך קוואַס! — האָט ער געזאָגט, און אַ טראַכט געטאָן: „אַ חלום!"...

— טײַערער „קוואַס", — האָט זיך אָנגערופן סאַמועלסאָן מיט זײַן ברײטן שמײכל, — טרינקט מען אויס אַ פלעשל, זעט מען דערנאָך גוטע חלומות. טרינקט, ר' אָרע, האָט אויך הנאה פון עולם־הזה...

— עס זידט ווי אַ הײמישער „קיסלאָשצעי", — האָט אָרע אַרויסגעמורמלט, געמאַכט אַן אַנדער ברכה, די ברכה ווי איבער קוואַס, און אויסגעטרונקען זײַן באָקאַל.

סאַמועלסאָן האָט אים אָנגעגאָסן אַ צווײטן. ער האָט דעם צווײטן אויסגעטרונקען.

און באַלד האָט אָרע אָנגעהויבן שפּירן אַן אָנגענעמע וואַרעמקײט אין אַלע זײַנע גלידער. דער קאָפּ האָט אים גענומען זיך דרײען און אויף דער נשמה איז אים מיטאַמאָל אַזוי לײַכט און פרײלעך געוואָרן...

— אוי, מאַמעלעך מײַנע, איך בין, דאַכט זיך, שיכּור! —

האָט ער אַרויסגעמורמלט, אַרויסגעלאָזט אַ קורצן, אָפּגעהאַקטן לאַך און זיך אַ גלעט געטאָן זיין משונהדיקע באָרד: — אַקוראַט ווי אינדערהיים שמחת־תּורה, אַקור־ראַ־ראַט!...

ער האָט ווידער אַ לאַך געטאָן. זיינע אויגן האָבן פריילעך גע־גומען בלישטשען און זיינע ביידע באַקן, וואָס זענען געווען פון ביידע זייטן ווי פאַרשטעלט פון אַ געדיכטן, טונקעלן קוסט, האָבן זיך אָנגעצונדן און גענומען רויט גלאַנצן.

— טרינקט נאָך אַביסעלע, ר' אָרע! — האָט סאַמועלסאָן גע־זאָגט און אים אָנגעגאָסן אַ דריטן באָקאַל.

— זאָגט מיר, מיסטער סאַמועלסאָן, — האָט ער זיך אָנגע־רופן שוין גאָר פריילעך, — וואָס איז היינט?

— דאָנערשטאָג, דער פופצנטער מאַי, 1903...

— און וואָס טו איך דאָ?...

— איר טרינקט שאַמפּאַניער...

— נישט קוואַס?...

סעמקע און יאַכנעטשיק האָבן זיך צעלאַכט.

— ער איז משוגע געוואָרן פאַר פרייד! — האָט סעמקע אויסגעשריגן.

— ווען האָט זיך אים געחלומט אַזויפיל געלט! — האָט יאַכנעטשיק אויסגעשריגן און זיך געווענדט צו אָרען: — נו, אַלט פערד, איר וואָלט אונז כאָטש באַדאַנקט!...

— ער וועט נאָך אַמאָל לאַכן פון דער גאַנצער וועלט! — האָט סאַמועלסאָן זיך אָנגערופן. — אַ יאָ, ר' אָרע?... איר וועט נאָר דאַרפן אַרונטערנעמען אייער באָרד... אויס אָרע די באָרד, פון היינט אָן וועט איר הייסן אָרע ראָקפעלער!...

— אָרע כירוג! — האָט אונטערגעכאַפּט יאַכנעטשיק. — אַזוי איז, דאַכט זיך, אייער פאַמיליע, ר' אָרע, האַ?...

— יאָ, כירוג! — האָט אָרע אויסגעשטאַמלט און אויף זיין פּנים איז צעגאָסן געווען אַ געמישטער אויסדרוק פון פרייד און צעטומלטקייט. אים האָט זיך נאָך אַלץ אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ חלום, אַ פריילעכער חלום...

— זאָגט מיר, מיסטער סאַמועלסאָן, — האָט ער זיך ווידער אָנגערופן, — ווו זיץ איך?

— אויף אַ שטול, — האָט סעמקע אונטערגעכאַפּט.

— וואָס טוט דאָ סעמקע? וואָס טוט דאָ מיסטער יאַכנע־טשיק? און וואָס טוט איר דאָ און וואָס טו איך דאָ? מיסטער סאַמועלסאָן, זאָגט, איז דאָס נישט אַ חלום, זאָגט, טאַטקעלע, האַ? — האָט אָרע גערעדט ווייטער מיט געבעט אינם קול.

סאַמועלסאָן האָט זיך הארציק צעלאַכט.

— ער קאָן נישט קומען צו זיך, — האָט ער געזאָגט, — עס גלויבט זיך אים נישט. אָבער ער איז נישט קיין אויסנאַם. די מייס־טע פון אונז, פריערדיקע קבצנים, וואָס האָבן מיטאַמאָל אַריינגע־קריגן צו עסלעכע טויזנט, די ערשטע טויזנטער, זענען דערנאָך אַ היפּשע צייט אַרומגעגאַנגען ווי צעדרייטע. שמערל פינקעלשטיין איז געפאַלן אין חלשות, ווען ער האָט באַקומען די ערשטע צוועלף הונדערט דאָלער פּראָפיט פון דאָקטאָר זילבערשטיין. אָבער, ניש־קשה, דער מענטש געוווינט זיך צו צו אַלצדינג מיט דער צייט, אפילו צו רייכטום אויך. אָט זיצן זיי אַלע, די צוקונפטיקע אַסטאָרס און ראָקפעלערס... יעדער פון זיי איז ערשט נעכטן, מיט איין וואָך צו־ריק, מיט איין מאָנאַט צוריק געווען אַ קבצן בן דלפן, געאַרבעט אין אַ שאַפּ, געפּעדלט, געזעסן אין אַן אָרעמען קרעמל און ווען ער איז געווען אפילו אַ דאָקטאָר, צי אַ דענטיסט, צי אַ לאָיער, האָט ער אויך נאָר פאַרמאָגט וואַסער אויף קאַשע, היינט אָבער, היינט... ווי דורך אַ כּישוף... דאָס קאָן נאָר זיין אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און אויך נאָר אין אַזאַ לאַנד, ווי אַמעריקע, וווהין דער גרויסער עמיגראַציע־שטראָם טראָגט זיך...

— צוויי פלעשער שאַמפּאַניער! — האָט סעמקע אויסגע־שריגן. — אויף מיין רעכענונג!... דערנאָך וועט מיסטער אָרע מכבד זיין. אַ יאָ, ר׳ אָרע?

אָרע האָט אַ קער געטאָן צו אים דעם קאָפּ און אַ קאַרטשע געטאָן מיט די ליפּן. סעמקעס קול, ווי דער גאַנצער אַרומיקער טומל, האָט אָפּגעהילכט אין זיינע אויערן, ווי עס וואָלט זיך פונ־ווייטן געטראָגן. דער שאַמפּאַניער האָט גענומען ווירקן אויף אים שטאַרקער. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען אויפן שטול, גע־קאַרטשעט מיט די ליפּן און געשמייכלט.

„איך בין אָבער פּאָרט שיכּור‟, — האָט ער געטראַכט, — „איז דאָס אַ חלום צי ניין?‟

ער האָט זיך צוגעבויגן צו יאַכנעטשיקן, וועלכער איז געזעסן לינקס פון אים.

— מיסטער יאַכנעטשיק, — האָט ער אַרויסגעמורמלט, — זאָגט מיר, איך בעט אייך, איז דאָס טאַקע אויפן וואָר, צי אין חלום?...

— איר זענט אַ פערד! — האָט יאַכנעטשיק אים געענטפערט און זיך צעלאַכט.

אָרע האָט אויסגעשטעלט אויף אים זיינע בלישטשענדיקע אויגן, באַמערקט זיין רויטע נאָז און אַ טראַכט געטאָן: „דאָס מוז פּאָרט זיין אַ חלום. אויפן וואָר איז ביי אים די נאָז קיינמאָל נישט אַזוי רויט‟.

דער קעלנער האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש צוויי אַנדערע פלעשער שאַמפּאַניער. זיי האָבן ווידער גענומען טרינקען. סעמקע איז געוואָרן גאָר פריילעך און האָט אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן זיין קאָכעדיקע נאַטור. ער האָט שוין מער נישט געקאָנט איינזיצן אויף איין אָרט, זיך געהויבן יעדע מינוט פון זיין שטול, געפּאַטשט יאַכנעטשיקן איבער דער קני, געקלאַפּט אָרען איבערן אַקסל און געשריגן, אַז אין אַ יאָר אַרום וועט ער האָבן נישט ווייניקער ווי אַ מיליאָן. יאַכנעטשיק, מיט אַ פּנים, רויט ווי אַ צונטער, האָט צו־געשאָקלט מיטן קאָפּ און געלאַכט הייזעריקלעך. געלאַכט האָט איצט אָרע אויך אויפן קול אָן אַ פאַרוואָס. ער האָט איצט מער וועגן קיין זאַך נישט געטראַכט, קיין שום פראַגן זיך נישט געשטעלט, נישט געהערט, וואָס מ'רעדט אַרום אים, האָט נאָר פאַרנומען דאָס גע־לעכטער פון זיינע מיט־טרינקער און געפילט פון צייט צו צייט סעמקעס קלאַפּ אויפן אַקסל, און ער האָט זיך געשאָקלט אויפן שטול מיט זיין מאַסיוון, שווערן קערפּער און געלאַכט מיט אַזאַ גוטן גע־לעכטער, וואָס האָט זיך אַליין געריסן פון זיין צעוואַרעמטער נשמה, ווי ביי אַ גליקלעך קינד... נאָר איין סאַמועלסאָן איז איצט געזעסן ערנסט און פאַרטראַכט. וואָס מער ער האָט געטרונקען, אַלץ מער פאַרחלומט האָבן זיינע גרויסע אויגן געקוקט. פּלוצים האָט ער אַרויסגערעדט פאַרטראַכט, ווי צו זיך אַליין:

— ווי אין אַ מעשה פון „טויזנט און איין נאַכט”... אין איין טאָג ווערן אָרעמע מענטשן רייך, אומגליקלעכע—גליקלעך. מענטשן, וואָס האָבן נעכטן נישט געוואַגט צו חלומען וועגן אַ פאַרמעגן פון טויזנט דאָלער, טרוימען היינט פון אַ מיליאָן. האָט זיך אָרען די נאַכט געחלומט, אַז ער וועט היינט זיצן מיט אַ פאַרמעגן פון דריי טויזנט פינף הונדערט דאָלער אונטערן בוזעם און טרינקען שאַמ־פּאַניער?...

— קוואַס! קוואַס! — האָט סעמקע אונטערגעכאַפּט. — נישט אמת, ר' אָרע?...

און דערביי האָט ער אים אַזאַ האַק געטאָן איבערן אַקסל, דאָס אָרע האָט מיטן צווייטן אַקסל זיך אָנגעשטויסן אָן יאַכנע־טשיקן און איז זיך אַזש פאַרגאַנגען פון געלעכטער.

סאַמועלסאָן האָט געוויזן זיינע ווייסע, לאַכעדיקע ציין און ווידער אָנגעהויבן:

— נישקשה, ער וועט שוין שפּעטער קאָנען אונטערשיידן צווישן קוואַס און שאַמפּאַניער. אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. וויכ־טיק איז, וואָס עס קומט פאָר ביי אונז אין בראָנזוויל. און גע־דענקט מיינע ווערטער, קינדער, — האָט ער פּלוצים געזאָגט מיט באַגייסטערונג, און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן היים אַ שיין געטאָן— אַז עס וועלן נישט אַוועקגיין קיין גאַנצע פינף יאָר און בראָנזוויל וועט זיין אַ גרויסע אינדוסטריעלע שטאָט מיט פאַבריקן און גרוי־סע געשעפטן. דאָס וועט זיין די ערשטע גרויסע יידישע שטאָט, וואָס יידן אַליין האָבן באַשאַפן. בראָנזוויל וועט נאָך אפשר אַמאָל ווערן אַ פּאָרט־שטאָט, מיר וועלן נאָך אפשר אַמאָל האָבן אַ פּאָרט אין קאַנאַרסי, מיין איך...

— מיסטער סאַמו־על־ל־סאָן, — האָט זיך פּלוצים יאַכנעטשיק אָנגערופן שיכור און פּלאָנטערנדיק מיט דער צונג: — ווי דענקט איר... וועט אָט דער... דער „ב־בום!” נאָך לאַנג... נאָך לאַנג — ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן מיט דערדאָזיקער באַוועגונג אַרויסהעלפן זיין צונג, און געלאַכט:— געדויערן, מיין איך?... פאַרשטייט איר מיך, מיסטער סאַמועלסאָן, פאַרשטייט איר מיך, — ער האָט אַ שלוקערץ געטאָן, — איר זענט אפילו, איר זענט... איך קען דאָך אייך! אַ סאָציאַליסט זענט איר!

אָבער קיין גרויסער נאַר זענט איר נישט... אַ מענטש מיט... אַ קאָפּ... מיט... מיט... מיט... — ע... איר פאַר־ר־שטיי־ט? פריער איז ביי אונז אין בראָנזוויל געווען אַמאָל אַ „ב־בום" און מיטאַמאָל איז געוואָרן אויס „ב־בום־ם!"... איר פאַר־ששטיי־ט?...

ער האָט אָנגעשטעלט אויף סאַמועלסאָנען זיינע מוטנע אויגן, צוגעבויגן זיך צו אים נאָענט און אים אַריינגעקוקט אין פּנים.

— איך פאַרשטיי, וואָס איר מיינט, — האָט סאַמועלסאָן געענטפערט, — דער אַמאָליקער „בום" האָט קיין ווערט נישט געהאַט, ער האָט נישט געהאַט קיין באָדן און דערפאַר האָט ער באַלד געפּלאַצט. דער היינטיקער אָבער האָט אַ פעסטן באָדן. די באַפעלקערונג אין ניו־יאָרק וואַקסט פון טאָג צו טאָג, באַזונדערס די יידישע באַפעלקערונג. די יידישע קוואַרטאַלן זענען איבערפולט. זייט דעם קישינעווער פּאָגראָם און די קלאַנגען וועגן דער מלחמה מיט יאַפּאַן, קומען אין ניו־יאָרק אָן פון רוסלאַנד יעדן טאָג נייע טויזנטער מענטשן. זיי אַלע דאַרפן האָבן וווינונגען. איז געשאַפן געוואָרן אַ נאָכפראַגע אויף נייע וווינונגען און דער רענט אויף די אַלטע הייזער האָט מחמת דעם אויך דאָרט הויך געשטיגן. באַזעצן זיך דערפאַר מענטשן אין געגנטן אַרום ניו־יאָרק, וווּ רענט איז ביליקער און וווּ עס איז נישט אַזוי געדיכט באַפעלקערט. לעבן אויף יענע געגנטן, וואַקסט דאָרט דער ווערט פון לאַנד־אייגנטום און הייזער. הויבט זיך אָן דאָרט אַ בומען פון „ריעל־עסטייט". אַזוי איז אויך אַנטשטאַנען דער היינטיקער „בום", ער איז נישט קיין קינסטלעכער „בום", נאָר אַ נאַטירלעכער, אַרויסגערופן נויטווענדיקערהייט פון דער נאָכפראַגע אויף דעם אַרטיקל „וווינונג", „ביליקערע רענט". דערפאַר דאַרפן מיר נישט מורא האָבן, ער זאָל פּלאַצן. פאַרקערט, איך מיין, אַז דער ריכטיקער „בום" פון „ריעל־עסטייט" וועט זיך ביי אונז ערשט אָנהויבן אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען בראָנזוויל וועט זיין היפּש באַפעלקערט. דאַן — געדענקט מיינע ווערטער — וועט אַ „לאָט", פאַר וועלכן מיר צאָלן היינט צוויי הונדערט דאָלאַר ערגעץ אַרום קאַנאַרסי, ווערט זיין צוויי־דריי טויזנט דאָלער.

— ר־ר־יב־ט־טיק־ק! — האָט געמורמלט יאַבנעטשיק מיט

אַ שוואַרער צונג און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — ר־ר־ריב־טיק־ק! נ־נישט אַ־אמת, אָרררעע?

— האַ, — האָט אָרע אַרויסגעמורמלט און געלאַכט, ווי אַ גליקלעך קינד.

— וואָס „ריכטיק”? — האָט זיך סעמקע אַ כאַפּ געטאָן און זיך שיכּורלעך צעלאַכט. — וואָס האָט ער געזאָגט? אַנו, איך טריט אייך מיט נאָך צוויי פלעשער שאַמפּאַניער, אויב איר, אָדער ר׳ אָרע זאָגן מיר איבער, וואָס מיסטער סאַמועלסאָן האָט דאָ געזאָגט. און איך וועל אייך איבערזאָגן! איר ווילט זיך וועטן? ווייל נאָר אַן אינטעליגענטער מענטש קאָן פאַרשטיין, וואָס אַ צווייטער אינטעליגענטער מענטש רעדט!... העי, וועיטער, — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — אַ סיגאַר! דעם בעסטן, וואָס איר האָט!...

יאַכנעטשיק האָט אַ קוק געטאָן מיט זיינע מוטנע אויגן אויף אים און דערנאָך אויף סאַמועלסאָנען און אַרויסגעמורמלט:

— ער האָט אַ גוטן קאָ־אָפּ, דער ס־מ־מ־ז־זרר!... אַ צונג, ווי אויף שרויפן, אַ ר־רוח אין זיין האַרצן אַ־ריין! און צו מיידן האָט ער אויך מ־מ־ז־זל, דער שגץ! זיי פּ־פּ־ע־ררר־ן אַלע אַוועק נאָך אי־ם!...

ער האָט זיך שטיל צעלאַכט. סאַמועלסאָן האָט מיט זיין ברייטן שמייכל אַ קוק געטאָן אויף סעמקען און זיך אָנגערופן:

— אַזוי גאָר? אַזאַ ביטערער יונג זענט איר?

— אַ ביטערער גאָר, אַ זיסער בין איך! — האָט סעמקע געענטפערט מיט אַ מינע פון אַ ווילן יונג. — דאָס וואָלטן אייך געקאָנט באַשטעטיקן אַ סך פרויען, אָבער גאָר אַ סך...

ער האָט זיך צעלאַכט, און פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט אָן רייטשלען און אָן דעם, וואָס עס איז צווישן זיי פאָרגעקומען די פאַריקע נאַכט, און ער האָט גלייך אונטערבראָכן זיין געלעכ־טער און גענומען קוקן און שמייכלען ווי צעמישט.

— אַזוי? — האָט סאַמועלסאָן געזאָגט און אַרויסגעשטעלט זיינע ווייסע, לאַבעדיקע ציין.

— אמת, אמת, — האָט געמורמלט יאַכנעטשיק און צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ, — ער פרעסט — די ווייבער מיט די אויגן,

איך וויים דאָס. אַ שאַ־לאַ־לאַ־פּאַי, געמזיקט זאָל ער ווער־ר־ן... ג־נישט אַ־אמת, אָררעע?...

— כע! כע! — האָט אָרע געלאַכט.

מיטאַמאָל האָט סעמקע זיך צוגערוקט אויף זיין שטול נעג־טער צו סאַמועלסאָנען, צוגעבויגן זיך צו אים און איינגערוימט אים אויפן אויער:

— האָב איך נעכטן געהאַט אַ מויד... אַ געטין, אַ װענערא אַ ריכטיקע...

און ער האָט צוגעטראָגן די האַנט צו די ליפּן און אַ שמאָטש־קע געטאָן די שפּיצן פון זיינע פינגער.

סאַמועלסאָן האָט זיך צעלאַכט הויך אויפן קול. סעמקע האָט אים פאַמיליאַר אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל און פרייליך געזאָגט:

— איר ווייסט, מיסטער סאַמועלסאָן, איר זענט מיר גע־פעלן. איך רעד מיט אייך היינט דאָס ערשטע מאָל און איך האָב אייך ליב באַקומען. איר מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ ריכ־טיקן דזשענטעלמאַן און פון אַ לעבע־מאַן. אַזוינע האָב איך ליב. לאָזט מיך פריינטלעך דריקן אייער האַנט.

און נישט וואַרטנדיק ביז סאַמועלסאָן אַליין וועט אים די האַנט געבן, האָט ער אַ שלעפּ געטאָן זיין אָרעם צו זיך, געכאַפּט זיין האַנט, אַריינגענומען זי צווישן זיינעביידע הענט, געשאָקלט זי און גערעדט:

— איך דריק אייך די האַנט מיט ליבע, מיט פריינטשאַפט, מיט דאַנקבאַרקייט, ווייל איר זענט אַ דזשענטעלמאַן, אַן אינטע־ליגענטער מענטש, אַ בראַווער מאַן. איך האָף, אַז אייער געלט וועט מיר ברענגען מיין גליק...

— סאַמועל־ס־סאָן איז דער בעס־סטער מענטש, — האָט פלוצים יאַבנעטשיק זיך אַ כאַפּ געטאָן, — אַ סאָציאַליסט און פונדעסטוועגן נישט קיין חז־זירר! בררררוד־דערר סאַמועל־ל־ס־סאָן, לאָמיר זיך צעקוש־ש־ן!...

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול, אָנגעשפּאַרט זיך מיט ביידע הענט אָן טיש און זיך גענומען ציען מיטן פּנים צו סאַמועלסאָנען. דערביי האָט ער אַרויפגעטראָטן אָרען אויפן פוס.

אַרע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, אויפגעהויבן זיך און צוריק זיך אַרונטערגעלאָזן שווער אויף דער שטול.

— איך בין שיכּור! — האָט ער אַרויסגעמורמלט, אַ מאַך געטאָן מיט ביידע הענט און זיך ווידער צעלאַכט מיט זיין גליקלעכן געלעכטער.

און יאַכנעטשיק ציענדיק זיך צו סאַמועלסאָנען מיט דעם גרוי, שפּיציק בערדל, וואָס איז געווען פייכט און פאַרריסן אַרויף, האָט גערעדט ווייטער:

— בררוד־דערר סאַמועל־ס־סאָן, דריי טויז־זנט דאָל־לער האָב איך דורך אייך ה־היינט פאַרדינ־נט, לאָמיר זיך צעקוש־שן!...

פון די אַנדערע טישלעך זענען צוגעגאַנגען צו זיי באַקאַנטע יידן און האָבן געקוקט אויף זיי, אַנדערע פאַרוונדערט און אַנדערע מיט אַ שמייכל.

— צעקושט זיך מיט אייער וויב, מיסטער יאַכנעטשיק, — האָט סאַמועלסאָן זיך אָנגערופן און זיך אָפּגערוקט אויף זיין שטול פונם טיש אַביסעלע ווייטער: — זי וועט זיך אודאי דערפרייען מיט אייערע דריי טויזנט דאָלער...

— איר וויל־לט נ־נישט? — האָט יאַכנעטשיק אַרויסגעמורמלט. — דאַרף מען נ־ניש־ט! — האָט ער נאָכאַמאָל געזאָגט שטאַרקער, זיך צוריק אָוועקגעזעצט אויף זיין אָרט און זיך געווענדט צו אָרען:

— ער וויל־ל נ־נישט, דאַרף מען נ־נישט. נ־נישט. אַ־אַזוי?... דאַרף מען נ־נישט!...

און פּלוצים האָט ער זיך צוגעבויגן צו אָרען און אים אַ קוש געטאָן אין דער באָרד.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. אָרע אויך.

— דאָס איז מיין מ־מזלדיקער שות־תּף... — האָט יאַכנעטשיק דערקלערט. — היינט איז ער אַ ייד אַ נ־נ־ג־גיד. דריי טויזנט פאַרר־דינ־נט. פאַרליר נ־נישט דיין געלט, דו אַלט פּפעררדד! — האָט ער צוגעלייגט, אַ קער טוענדיק זיך צו אָרען און אים אַ שטויס געטאָן אין פּלייצע.

דידאָזיקע ווערטער האָבן מאָדנע געווירקט אויף אָרען. זיי האָבן אים פון זיין צעטומלטן און פערשיכּורטן צושטאַנד אויפ־

געוועקט. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו זיין בוזעם און דאָרט אָנ־
געטאַפּט דאָס פּעקעלע געלט. אין דער אייגענער צייט האָט ער
אָנגעשטרענגט זיין גאַנצן דענקונגס־אַפּאַראַט, כּדי זיך קלאָר צו
מאַכן, וואָס עס טוט זיך מיט אים. און, ווי דורך אַ נעפּל, האָט
ביסלעכווייז אַרויסגעטראָטן פאַר אים אַלצדינג, וואָס אים האָט
געטראָפן, זינט ער איז אַרויס היינט אינדערפרי מיט יאַכנעטשיקן
פון הויז. [illegible]אַלדינג איז אים מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן... עפּעס האָט
אין אים פר[illegible] אַ קוויטש געטאָן און [illegible] האָט זיך דערמאָנט
אָן זיין אַלטער מאַמען, און גערעדט צו איר אין זיינע געדאַנקען:
„מאַמע, גאָט איז אַ גוטער פאָטער; ער האָט רחמנות געהאַט אי־
בער אונז!”...

ער האָט זיך אויפגעהויבן.

— ווו־ה־הין? — האָט יאַכנעטשיק געפרעגט.

— אַהיים. איך וויל אָנזאָגן מיין מאַמען, — האָט אָרע גע־
ענטפערט.

יאַכנעטשיק האָט אים אַ שלעפּ געטאָן ביים רעקל:

— ז־זיץ־ץ אין קרענ־נק! ל־לויף נ־נישט! איך גיי אויך
באַל־לד־ד!

אָרע האָט זיך צוריק אַרונטערגעלאָזט אויף זיין שטול און
ווידער אַ טאַפּ געטאָן דאָס געלט צווישן בוזעם.

אין דער אייגענער צייט איז סעמקע געשטאַנען נעבן סאַ־
מועלסאָנען מיט אַ קעסטעלע סיגאַרן, וואָס דער קעלנער האָט אים
צוגעטראָגן, און האָט געשריגן צו די מענטשן אַרום אים:

— ווער נעמט אַ סיגאַר? נעמט! נעמט! איך באַצאָל!...

און יעדער איז צוגעגאַנגען צו אים און גענומען אַ סיגאַר,
און סאַמועלסאָנען האָט ער אַליין אַריינגעשפּאַרט עטלעכע סי־
גאַרן אין קעשענע מיט די ווערטער: „איר, מיין פריינט, נעמט
עטלעכע!”...

אין רעסטאָראַן איז אַריינגעקומען דאָקטאָר זילבערשטיין,
אַ בלאָנדער יונגערמאַן מיט בלאָנדע, געקרייזלטע האָר, לענגלעכן,
מאָגערן פּנים און אין ברילן. פון אַלע זייטן האָט מען גענומען
צו אים שרייען:

— דאָקטאָר, דאָקטאָר, גיבער, מען טיילט דאָ סיגאַרן!

— איך רויכער נישט, — האָט ער געזאָגט מיט עטוואָס א קאַרטאַוועער שטימע, זיך אַוועקגעזעצט גאַנץ אַליין נעבן א טישל און זיך וואָזשנע אָנגעבלאָזן, מעשה זייער וויכטיקער מענטש.

ער האָט פון זיך זייער שטאַרק געהאַלטן, דערדאָזיקער דאָקטאָר זילבערשטיין. ער איז אויך געווען א ראַדיקאַל, א רעוואָלוציאָנער, ווי סאָמועלסאָן, כמעט אַן אַנאַרכיסט, און איז אַמאָל אויף די פאַרזאַמלונגען אַרויסגעטראָטן קעגן סאָמועלסאָנען, באַזונדערס ווען דער לעצטער האָט גערעדט וועגן דער „צוקונפטיקער געזעלשאַפט". ער, ד"ר זילבערשטיין, האָט געהאַלטן, אַז סאַמועלסאָנס „צוקונפטיקע געזעלשאַפט" איז נישט גענוג פריי. ער האָט אויך געטענהט, אַז די „מאַסן" זענען שוין היינט רייף צו לעבן אין א פרייער געזעלשאַפט און אין דער אייגענער צייט האָט ער דיזעלביקע „מאַסן" אין זיין פריוואַט לעבן פאַראַכטעט און זיי עקספּלואַטירט וויפל ער האָט נאָר געקאָנט. צו זיינע פּאַציענטן פון דער „מאַסע" האָט ער נאָר גערעדט אויף א מין טאָטערישן דייטש און זיי באַהאַנדלט, ווי א בייזער פּריץ אין רוסלאַנד זיינע פּויערים. ער האָט זיך געבייזערט אויף זיי און אַמאָל געטופּעט מיט די פיס אויך. אַזוי, האָט ער געדענקט, וועלן זיי האָבן פאַר אים מער דרך־ארץ. און אין דעם האָט ער טאַקע קיין טעות נישט געהאַט: די אייגענע פּאַציענטן פון די „מאַסן", וואָס זענען רייף געווען צו לעבן אין א „פרייער געזעלשאַפט" — ווי ער האָט געטענהט, בעת ער האָט דעבאַטירט מיט סאַמועלסאָנען — זיי האָבן טאַקע פאַר אים גרויס דרך־ארץ געהאַט, ווייל ער האָט גערעדט צו זיי אויך „דייטש" און זיי באַהאַנדלט נישט ווי מענטשן... סאַמועלסאָן האָט אים נישט געהאַלטן פאַר א גרויסן חכם, נאָר פאַר א ביטרען קערל. זייט דער „בום" האָט זיך אָנגעהויבן, איז ער אָפּט אַריינגעקומען צו אים אין הויז. דאָרט האָט סאַמועלסאָן באַמערקט, ווי ער באַהאַנדלט זיינע פּאַציענטן און האָט זיך געוווּנדערט. נאָכמער האָט ער זיך געוווּנדערט, ווען האַנדלענדיק מיט אים אין ריעל־עסטייט, האָט דאָקטאָר זילבערשטיין זיך א סך מאָל אַרויסגעוויזן אין זייער א מיאוסן ליכט, ממש ווי א פּשוטער נישט־אָנשטענדיקער „בורזשוא"... און איינמאָל, ווען ער האָט דאָס אים

פֿאַרגעוואָרפֿן, האָט דאָקטאָר זילבערשטיין איבּ געענטפֿערט מיט א שמייכל:

— דערווייל לעבּט מען אין דער פֿאַרדאַמטער קאַפּיטאַליסטי־שער געזעלשאַפֿט... איר ווייסט דאָך, ווי מען זאָגט: „ווען מען לעבּט צווישן וועלף, מוז מען וואָיען ווי א וואָלף״...

ער איז געווען איינער פֿון די ערשטע, וואָס האָבּן זיך גענו־מען צו האַנדלען מיט ריעל־עסטייט, בעת דער „בּום״ האָט זיך אָנגעהויבּן, איבּעריקנס איז ער געווען איינער פֿון די הויפּט־„בּומער״, און האָט בּיז איצט אַריינגעכאַפּט א סך טויזנטער. ער האָט אויך געגלויבּט, ווי סאַמועלסאָן, אַז בּראָנזוויל וועט ווערן א גרויסע שטאָט און די לעצטע צייט האָט ער גענומען טראַכטן וועגן אויפגעבּן זיין מעדיצין און איינגאַנצן זיך אָפּגעבּן דעם האַנדל מיט „ריעל־עסטייט״.

איצט איז ער געקומען אַהער, ווייל ער האָט זיך דערוווסט אין דער בּאַנק, אַז סאַמועלסאָן האָט געקויפט א „פּאַרסעל״ אויף סטאָן עוועניו, איז ער געקומען, צו זען זיך מיט סאַמועל־סאָנען וועגן דעם.

ער איז אָבּער נישט צוגעגאַנגען צו זיין טישל, ווייל ער האָט געהאַלטן אונטער זיין ווירדע, צו פֿאַרבּרענגען מיט די אַלע קליי־נינקע מענטשעלעך, וואָס זענען ערשט נעכטן געווען פּעדלער, אַר־בּעטער און אָרעמע קרעמער, און דערפֿאַר האָט ער זיך אַזוי וואַזש־נע אָנגעבּלאָזן, בעת זיי האָבּן אים גענומען רופֿן, ווען סעמקע האָט געטיילט זיינע סיגאַרן.

ער האָט בּאַשטעלט א גלאָז טיי און דערנאָך א רוף געטאָן:

— סאַמועלסאָן!...

— קומט אַהער, דאָקטאָר. וואָס זיצט איר דאָרט אַליין? — האָט סאַמועלסאָן פֿון זיין זייט אים גערופֿן. — קומט, עס איז נאָך דאָ אַבּיסל שאַמפּאַניער.

— קומט אַהער צו מיר, סאַמועלסאָן, איך דאַרף אייך זייער נויטיק, — האָט דאָקטאָר זילבּערשטיין געזאָגט.

סאַמועלסאָן האָט זיך אויפגעהויבּן און איז אַוועק צו יע־נעמס טישל.

— אַט ער האָט געכאַפּט א מאַ־טניא אין „ריעל־עסטייט״,

דער דאָקטאָררר! — האָט יאַכנעטשיק זיך געווענדט צו אָרען. — אָבער מיר וועלן נאָך אויך־ך... נ־נישט א־אמת, אָררעע?...

— קומט אהיים, — האָט אָרע געענטפערט, — איך וויל זען מיין מאמען.

סעמקע איז איצט געשטאַנען, ארומגערינגלט פון עטלעכע ריעל־סטייטניקעס, און האָט אויפן קול געשריגן, אז בראָנזוויל וועט מיט דער צייט זיין אַזוי גרויס, ווי ניו־יאָרק, אז אַלע יידן פון רוסלאַנד וועלן זיך אַריבערקלייבן נאָך בראָנזוויל. דערביי האָט ער אָנגעכאַפּט אַן אומבאַקאַנטן יידן, וואָס איז געשטאַנען נעבנטער צו אים און האָט געשמייכלט, ביי די לאַצן, האָט אים צוגעשלעפּט צו זיך און גענומען מיט היץ זיך שווערן:

— מיין ווייב זאָל אַזוי לעבן מיט אייער ווייב צוזאַמען, ווי צען טויזנט יידן פון מיין שטאָט אָדעם קומען אָן דעם נאָנטסטן חודש אהער אין בראָנזוויל. זאָל איך אַזוי לעבן, זאָלט איר אַזוי לעבן, ווי דאָס איז אמת!...

— פון מיין שטאָט קומען אויך אָן יידן, — האָט יאַכנעטשיק אונטערגעכאַפּט, — זיי וועלן אַלע קומען אין בראָנז־זוויל־ל. אַל־לע... נ־נישט א־אמת, אָררעע?...

אָרע האָט זיך אויפגעהויבן:

— איך גיי אהיים, — האָט ער שטיל געזאָגט, טאַפּנדיק זיך ביים בוזעם.

אין דער אייגענער צייט האָט דאָקטאָר זילבערשטיין זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, איבערגעלאָזט זיין גלאָז טיי כמעט אינגאַנצן, אַ וואָרף געטאָן אַ זילבערנע מטבע אויפן טיש און איז ארויס פונם רעסטאָראַן. סאַמועלסאָן איז צוריק צוגעגאַנגען צו זיין פריערדיקן אָרט מיט אַ ברייטן שמייכל און געזאָגט:

— נו, יידן, איך האָב שוין פאַרהאַנדלט אייער „פאַרסעל״ צו דאָקטאָר זילבערשטיין. געכאַפּט אַ פינף טויזנט. אָט דאָס הייסט היינט „ריעל־עסטייט״ אין בראָנזוויל. מען פאַרקויפט פון האַנט צו האַנט... און דאָקטאָר זילבערשטיין וועט נאָכמער פאַרדינען אָן דעמדאָזיקן „פאַרסעל״...

— הוררראַ פאַר בראָנזוויל! — האָט סעמקע אויסגעשריגן.

— הוררראַ! — האָט יאַכנעטשיק אונטערגעכאַפּט און גע־

נומען צופן אָרען בײ דער פּאָלע. — שרײַ הוררראַ, אַלט פ־פערררד!

— איכ׳ל גײן אַהײם, — האָט אָרע אַרױסגעמורמלט, אָנגע־שטרענגט זיך, צו טרעטן גלײַך, און איז אַרױס פֿונם רעסטאָראַן.

10

אָרע.און זײַן אײדעס, דער יחסן

װען ער איז צוגעגאַנגען צו זײַן הױז, איז די אַלטע פּרומע דאַן געשטאַנען אינדרױסן אױפֿן גאַנעק מיט אַ הײמישן געבלומטן טיכל אױפֿן קאָפּ און האָט זיך אײַנגעקוקט אױף דער גאַס. זי איז געװען אומרואיק װעגן איר זון. ער האָט איר אינדערפֿרי געזאָגט, אַז ער דאַרף הײַנט ערגעץ גײן, װו עס איז דאָ אַ סכּנה... ער איז אַװעק אָן זײַן פּאַק סחורה מיט יאַכנעטשיקן און איז נאָך נישטאָ צוריק... צי האָט חלילה מיט אים עפּעס נישט געטראָפֿן?... די אַל־טע האָט נישט געקאָנט אײַנרוען, איז יעדע װײַלע אַרױסגעלאָפֿן אױפֿן גאַנעק און געקוקט, צי גײט ער נישט, צי קומט ער נישט... זי האָט אים דערזען, האָט זי אױסגעשריגן: „אױ, װײ איז מיר!‟ אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט און איז געבליבן שטײן מיט די אױגן צעשראָקן אױסגעגלאָצט אױף אים. ער איז געװען רױט, װי ערשט פֿון אַ שװיץ־באָד אַרױס, האָט זיך קוים געשלעפּט, געשאָקלט זיך אַביסעלע אױף די פֿיס און איבער זײַן פּנים איז צעגאָסן גע־װען אַזאַ אױסדרוק, װאָס זי האָט נאָך בײַ אים קײנמאָל נישט געזען.

אַרױפֿגעגאַנגען אױפֿן גאַנעק, האָט ער אַ מאַך געטאָן צו איר מיטן קאָפּ און גענומען שמײכלען.

— אָרע, װאָס איז דאָס מיט דיר? — האָט זי אַרױסגע־שטאַמלט.

ער האָט זיך צעלאַכט מיט זײַן גליקלעכן געלעכטער. דער־נאָך האָט ער זיך מיטאַמאָל צוגעבױגן צו איר און זי אַ קוש גע־טאָן. זי האָט זיך אָפּגערוקט פֿון אים און אױסגעשריגן:

— אָרע, װאָס איז דאָס? דו ביזט שיכּור?...

— אַביסעלע, מאַמע, אַביסעלע... געהאַט אַ שטיקעלע שׂמחה, — האָט ער געענטפערט און גליקלעך געשמייכלט.

— דו ביזט געווען ביי וועמען אויף אַ ברית? — האָט זי שוין געפרעגט רואיקער.

— איך האָב געטרונקען שאַמפּאַניער. שמעקט ווי אונזער קוואַס, אָבער מען ווערט פון דעם שיכּור...

— וואָס?

— שאַמפּאַניער, שאַמפּאַניער,—האָט ער געזאָגט העכער, — כאַ! כאַ! דו ווייסט נישט, וואָס דאָס איז? נו, יאָ, פונוואַנען זאָלסטו דאָס וויסן? איך האָב ביז היינט אויך נישט געוווסט. גאָר די גרויסע מיליאָנטשיקעס טרינקען דאָס: ראָטשילד, אין רוסלאַנד פּאָליאַקאָוו... זידט ווי קיסלאָשצעי, אָבער אַ טעם האָט דאָס, ווייס איך!... איין גלעזעלע ראָזשינקעס־וויין וועל איך נישט פאַרבייטן אויף צען פלעשער פון דערדאָזיקער משקה. אָבער שיכּור ווערט מען פון דעם, וואָס אמת, איז אמת...

און ער האָט זיך ווידער צעלאַכט מיט זיין גליקלעכן געלעכטער.

די אַלטע איז פאַרציטערט געוואָרן. עס איז איר איינגעפאַלן, אַז ער האָט זיך פונם זינען גערירט. זי האָט גענומען קוקן אַרום זיך צעטומלט און פּלוצים האָט זי אַ געשריי געטאָן אין שרעק:

— רייטשל!...

— וואָס דאַרפסטו רייטשלען, וואָס רופסטו זי? קום אין שטוב אַריין. איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן. קום, מאַמע, אַ גוטע בשׂורה! — האָט ער אַרויסגערעדט און איז אַריין אין שטוב, שאָקלענדיק זיך אַביסעלע אויף די פיס.

פרומע האָט אָפּגעוואַרט ביז די טיר האָט זיך הינטער אים פאַרמאַכט. דאַן איז זי מיט מורא צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענ־סטער און אַריינגעקוקט, וואָס ער טוט דאָרט אינם הויז. ער איז געשטאַנען אינמיטן שטוב מיטן פּנים צום פענסטער, האָט גע־האַלטן איין האַנט אונטערן בוזעם און מיט דער אַנדערער גע־מאַכט צו איר, פרומען, אַז זי זאָל אַריינגיין.

„גאָטעניו, האַרציקער, וואָס איז דאָס מיט אים?״ — האָט זי מיט שרעק געטראַכט.

און פּלוצים איז ער צוגעגאַנגען צום פענסטער, מיט דער האַנט אַליין פאַרלייגט אונטערן בוזעם, האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס בּעקל געלט און שטיל, מיט אַ געהיימער מינע אויפן פּנים, אַרויס־געשעפּטשעט:

— אַן אוצר, מאַמע!...

זי האָט ברייט פאַנאַנדערגעעפענט דאָס מויל.

„ער האָט אַן אוצר געפונען!" — האָט איר אַ מיש געטאָן אינם מוח.

רייטשל איז אַרויסגעגאַנגען פון איר צימער מיט אַ פאַרשלאָפן פּנים און אין אַ ראַפּער:

— ווער האָט דאָס מיך גערופן?

אָרע האָט דערהערט איר קול האָט ער זיך אומגעדרייט, דער־זען זי און שנעל פאַררוקט די האַנט מיטן געלט ווידער אונטערן בּוזעם.

און מיטאַמאָל האָט זיך די אַלטע פרומע ראַפּטאָם אַ כאַפּ געטאָן און איז אַריינגעלאָפן אין שטוב.

— קום אַהער, אָרע! — האָט זי אים גענומען שלעפּן ביי אַן אָרעם צו דער טיר, וואָס האָט געפירט צו אים אין שלאָף־צימער אריין. — קום אַהער, איך וויל דיר עפּעס זאָגן.

ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך איר, שאָקלענדיק זיך אויף די פיס, נישט אַרויסנעמענדיק די האַנט מיט דעם געלט פון אונטערן בו־זעם, און האָט געלאַכט מיט זיין גליקלעכן געלעכטער. רייטשל האָט געקוקט אויף זיי פאַרוואונדערט. דאַן האָט זי אַ דריק געטאָן מיט די אַקסלען און איז אַוועק צוריק צו זיך אין צימער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ געלט? — האָט פרומע געשעפּ־טשעט, ווען ער איז שוין געזעסן אין זיין שלאָף־צימער אויפן בעט: — וואָס פאַר אַן אוצר?...

ער האָט ווידער אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בוזעם די האַנט מיטן פּעקל געלט, אַרומגעקוקט זיך און אַרויסגעשעפּטשעט:

— מאַך צו, מאַמע, די טיר...

זי האָט דאָס געטאָן. דאַן האָט ער אַוועקגעזעצט די אַלטע נעבן זיך אויפן בעט און האָט איינציקווייז אויסגעלייגט די נייאינ־קע אַסיגנאַציעס ביי איר אויפן שויס...

— הונדערטער, מאַמע, נייאינקע, לאַפּעדיקע... צייל... העלף ציילן... נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי, — האָט ער געציילט זיינע הונדערטער, אַזוי ווי איינער ציילט לעבעדיקע נפשות, וועלכע זענען אים זייער טייער, גיט צו צו דער צאָל דאָס וואָרט „נישט״, גלויבנדיק, אַז מיט דעם וועט ער זיי פאַרהיטן פון אַן עין־הרע: — נישט פיר, נישט פינף...

דאָ האָט ער זיך אונטערבראָכן, אָפּגעלייגט די אָפּגעציילטע פינף הונדערטער אַן אַ זייט און געזאָגט:

— דאָס האָב איך פאַרמאָגט, מיין אָפּגעשפּאָרט געלט, און דאָס האָט מיר גאָט היינט צוגעשיקט.

און ער האָט ווידער גענומען ציילן: נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי, געלייגט די הונדערטער פרומען אויפן שויס, און וואָס מער ער האָט געציילט, אַלץ מער האָבן זיינע הענט געציטערט. ער האָט אַרויסגערעדט „נישט דרייסיק״ מיט אַ מין קוויטש, וואָס איז געווען אַ געמיש פון געלעכטער און געוויין, און זיינעביידע הענט זענען געבליבן ליגן ווי פאַרחלשט ביי זיין מאַמען אויפן שויס נעבן דעם געלט, און זיין פאַרוואַקסן, רויט פּנים מיט דער לאַנגער, משונהדיקער באָרד האָט אינגאַנצן געשמייכלט.

די אַלטע פרומע איז געזעסן און האָט אירע אויגן נישט געגלויבט. זי האָט געקוקט אויף דעם געלט, וואָס איז געלעגן ביי איר אויפן שויס, און געפינטלט מיט די אַלטע אויגן.

דערנאָך האָט זי קוים אַרויסגערעדט:

— און וויפל איז דאָ?...

— דריי טויזנט... און יענע פינף הונדערט, דאָס איז אינאיינעם... דריי טויזנט און פינף הונדערט דאָלער... מאַמע, איך בין איצט אַן עושר! איך וועל נישט דאַרפן מער פּעדלען! — האָט ער אויסגעשריגן, איז צוגעפאַלן צו איר און האָט זי געכאַפּט קושן.

זי האָט זיך שטיל צעוויינט, אויפגעהויבן ביידע הענט איבערן קאָפּ און אַרויסגעשעפּטשעט מיט געוויין:

— געלויבט און געדאַנקט זאָל זיין דיין נאָמען, גוטינקער גאָט! דו האָסט דאָך צום סוף רחמנות געהאַט איבער מיין אָרען!...

און דערנאָך האָט זי מיט ציטערנדיקע הענט צונויפגענומען

דאָס געלט פונם שויס און צעמישט זיך ארומגעקוקט.

— ווו וועסטו אזא אײגנס האַלטן?... מען קאָן נאָך חלילה...

— מאָרגן טראָג איך דאָס אריין אין באַנק. נו, מאַמע, האַ? גאָט איז פאָרט א גוטער טאַטע! עטעלע וועט איצט האָבן נדן... ווו באַהאַלט מען דאָס געלט דערוויילע?...

ער האָט זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטן.

— אפשר אונטערן בעט?... דאָרט איז אין דער פּאָדלאָגע דאָ א לאָך...

— ביזטו משוגע? מייז קאָנען נאָך, חלילה, אוועקשלעפּן!... וואָס דיר קאָן איינפאַלן, אָרע!...

— דו ביזט גערעכט, מאַמע. מיר איז דאָס גאָרנישט איינגעפאַלן. איכ'ל דאָס געלט אונטערלייגן אונטערן קישן. אַגב וויל איך טאַקע שלאָפן אויך. איך האָב עטלעכע נעכט נישט געשלאָפן. און שיכּורלעך בין איך אויך אַביסעלע.

— וואָס הייסט שיכּור? ווו האָסטו געטרונקען?

— מיט מיינע שותּפים, מיט יאַכנעטשיקן און סעמקען. זיי האָבן אויך געכאַפּט צו דריי טויזנט...

— אַזוי? איר אַלע זאַלבע־דריט האָבן דעם אוצר געפונען?...

— וואָס אוצר־שמויצער? מיר האָבן דאָך היינט א „פּאַר־סעל" געקויפט און גלייך פאַרקויפט צו סאַמועלסאָן דעם לאָיער...

און ער האָט איר דערציילט, ווי אַלצדינג איז פאָרגעקומען, ווי דאָס האַרץ האָט אים די גאַנצע צייט געצויגן צו פּרוּוון מזל מיט ריעל־עסטייט, נאָר ער האָט מורא געהאַט, ווייל זי און פיניע האָבן אים אָפּגעשלאָגן פון דעם; ווי יאַכנעטשיק האָט אים מיט געוואַלט אוועקגעשלעפּט און ווי ער האָט שוין געמיינט, אַז ער האָט פאַרלוירן ביז א פּעני.

— נו, א דאַנק גאָט, אַבי עס האָט זיך אויסגעלאָזן גוט, מיין זון, — האָט זי געזאָגט, — וואַרט, קום אַראָפּ פון בעט. איך וועל באַהאַלטן דאָס געלט אינם מאַטראַץ. דאָס זיכערסטע אָרט...

זיי האָבן אַרונטערגעשלעפּט דאָס ליילעך פונם בעט, איבערגעקערט דעם מאַטראַץ, וועלכער האָט געהאַט א לאָך אינמיטן, און אַריינגעשפּאַרט אַהין דאָס געלט. דערביי האָבן זיי ביידע געשטופּט

זייערע הענט אהין אין לאָך אריין, כּדי דאָס געלט צו פאַרשטופּן וואָס ווייטער...

— דאָ וועט דאָס ליגן ביז מאָרגן. קיינעם וועט נישט איינ־פאַלן, זאָל ער אויסהיטן, — האָט די אַלטע געזאָגט.

אָרע האָט צוריק אַוועקגעלייגט דעם מאַטראַץ אויף זיין אָרט, איבערגעדעקט אים מיטן ליילעך און זיך אַוועקגעזעצט אויף אים. דערנאָך האָט ער זיך צעלאַכט מיט זיין גוטן, גליקלעכן געלעכטער, וואָס האָט געקלונגען אַזוי ניי, אַזוי אומגעוויינלעך אין זיין מאַמעס אויערן, און געזאָגט:

— איך וואָלט וועלן הערן, וואָס אונזער חכם פּיניע וועט איצט זאָגן!... ער האָט מיך אַזוי אָנגעשראָקן, איך זאָל אפילו נישט טראַכטן וועגן „ריעל־עסטייט"...

פרומע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— דערציייל אים נישט קיין מעשיות, אָרע. דו קענסט דאָך אים. ער וועט ביי דיר נעמען קליאַנטשען געלט, גמילת־חסדים, און דאָס איז אַזוי ווי אין וואַסער פאַרפאַלן... עס וועט זיין מער מצוה, ווען עטעלע זאָל נישט דאַרפן גיין אין שאַפּ, אַן אויסגע־מוטשעטע פייגעלע, נעבעך...

— עטעלע וועט מער אין שאַפּ נישט גיין. און אויף נדן פאַר איר איז, דאַנקען גאָט, אויך איצט פאַראַן. און פּיניע וועט ביי מיר קיינמאָל גאָרנישט קריגן, ווען איך זאָל אפילו האָבן ראָטשילדס אוצרות. ער האָט פאַר מיר קיין דרך־ארץ נישט. איך בין דאָך זיין שווער! — האָט ער פּלוצים גענומען רעדן מיט פאַר־דרוס אינם קול. — מיין טאָכטער איז דאָך זיין ווייב, מיין שרהקע, ניין? האָט ער דאָך נישט געדאַרפט לאַכן פון מיר...

ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט און גערעדט ווייטער מיט שטייגנדיקן פאַרדרוס אינם קול:

— וואָס לאַכסטו פון מיר, שגץ? האָב דרך־ארץ פאַר דיין שווער, דו הולטאַי! אמת, דו ביזט אַ למדן, אַ „קענער", אַ גע־בילדעטער, אַן אידעלער יונגערמאַן און איך אַ פּשוטער מענטש, פונדעסטוועגן אַ שווער איז פאָרט אַ שווער, דרך־ארץ פאַר מיר פונדעסטוועגן דאַרפסטו האָבן. נישט אַזוי, מאַמע?...

— וואָס וועלן העלפן דיינע רייד, מיין זון? — האָט זי גע־

ענטפערט. — פיניע האָט פאַר קיינעם קיין דרך־ארץ נישט. ווייס איך, זאָל ער לאַכן פון דיר, פון מיר... וואָס קאָן מען זיך העלפן?...

— מיר לאַכן איצט פון אים, מאַמע. און איך וועל דאָס אים זאָגן אויך.

— זאָג אים גאָרנישט, מיין זון. וואָס דאַרפסטו זיך מיט אים אָנהויבן? מער פעלט דיר נישט, ווי אַריינצופאַלן צו פיניען אין מויל...

— ערשט אייערנעכטן האָט ער מיך אָנגערופן „אַלט פערד”,

— האָט אָרע גערעדט ווייטער, — איך בין געוואָרן אין כּעס, עס האָט מיך פאַרדראָסן: ס'טייטש, דו שגץ, איך בין דאָך דיין שווער, און איך האָב אים געוואָלט אויסזידלען איינמאָל פאַר אַלעמאָל, נאָר דאָ האָט ער גענומען וואַרפן מיט פסוקים פון דער תּורה הקדושה און איך האָב קיין העזה נישט געהאַט אים אויסצו־זידלען. איך האָב געטראַכט: „אַ שגץ איז ער, אַן עזות־פּנים, אָבער ער איז פאָרט אַ למדן און איך בין, ברוך־השם, אַן עם־הארץ...”

אין דערזעלבער צייט האָט זיך פון הינטער דער טיר דערהערט אַ קול פון אַ מאַן:

— באָבע, ווו זענט איר?

— אָט איז ער דאָך! — האָט פרומע זיך אַ כאַפּ געטאָן. — שלאָף, אָרע, און געדענק: דערצייל נישט קיין מעשיות...

— באָבע! — האָט זיך דאָס קול דערהערט נענטער.

— ער גייט אַהער.

אָרע האָט זיך שנעל אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און צוגעמאַכט די אויגן.

די טיר פון שלאָף־צימער האָט זיך האַסטיק אָן עפן געטאָן און אַ יונגערמאַן האָט דעם קאָפּ אַריינגעשטעקט.

— זע, אָט איז ער דאָך, דער שווער! — האָט דער יונגער־מאַן אויסגעשריגן, און איז מיט אימפּעט אַריין אין שלאָף־צימער.

ער איז געווען פון מיטעלן וווקס, מאָגער און טונקל, מיט קליינע, כיטרע, פלינקע, שוואַרצע אויגן און מיט דינע שוואַרצע וואָנסעס, וואָס זייערע שפּיצן זענען אַרונטערגעהאָנגען האַלב־רונד, ווי ביי אַ יאַפּאַנעזער. האָט אויסגעזען אַ יאָר צוויי־דריי און דריי־

סיק אַלט, געטראָגן אַן אַלטן טונקעלן, פאַרשטויבטן הוט, פון אונ־טער וועלכן די קליינטשיקע, כיטרע אויגעלעך האָבן אַרומגעטאַנצט אויף אַלע זייטן, אַן אַלטן, טונקעלן רעקל, גרויע הויזן און אַלטע פאַרשטויבטע, צעקרימטע שיך.

— קום, קום פונדאַנען, לאָז אים שלאָפן, — האָט זי גע־זאָגט, — ער האָט זיך ערשט צוגעלייגט.

— וואָס שלאָפט ער עפּעס אינמיטן טאָג? ער איז גאָר היינט נישט אַרויס פּעדלען? — האָט פּיניע געפרעגט.

— קום, קום פונדאַנען, — האָט פרומע אים שטיל געענט־פערט, און אָנגענומען אים ביי אַן אַרבל.

— שלעפט מיך נישט, באָבע! — האָט ער געזאָגט. — איך וועל אַליין טרעפן דעם וועג אַן אייך, ווען איך וועל וועלן אַרויס־גיין. איז דאָס אמת, וואָס איך האָב ערשט געהערט, אַז דער שווער איז היינט געוואָרן אַ ראָטשילד?... ווײַל דעם טאַקע בין איך איצט געקומען... אפשר איז דאָס אמת און דערפאַר טאַקע פאַרגינט ער זיך היינט צו שלאָפן אינמיטן העלן טאָג, האַ, באָבע?...

— איך פאַרשטיי נישט... וואָס ראָטשילד, ווו ראָטשילד? — האָט די אַלטע אַרויסגעמורמלט צעמישט און אַ טראַכט געטאָן: „אָט, ער האָט שוין דערשמעקט!”

אָרע האָט מיט אַ געפיל פון נצחון אַ טראַכט געטאָן: „אהא, ווער איז אַ חכם? און איצט לאַך איך פון דיר, פּיניע־לעבן!”

— איך האָב ערשט געהערט, אַז דער שווער האָט היינט גע־קויפט אַ „פּאַרסעל” און פאַרדינט פון האַנט צו האַנט עטלעכע טויזנט דאָלער... עס איז אַפילו שווער צו גלויבן אַזאַ גוזמא, אָבער אַמאָל קאָן פּאַסירן אַ נס. אָט האָט דאָך מיט בלעמס אייזל — דערציילט דער חומש — אויך אַמאָל אַ נס געטראָפן, האָט געקאָנט טרעפן אַ נס מיט דעם שווער אויך.

„דו ביזט אַליין אַן אייזל, פאַרך איינער!” — האָט זיך אָרע אַ בייזער געטאָן אויף אים אין די געדאַנקען און צוגעלייגט מיט נצחון: — „אהא, ווער איז אַ חכם, האַ?”

און ער האָט אַרויסגעשטעקט די צונג קעגן דער וואַנט.

די אַלטע האָט אַ דריק געטאָן די אַקסלען.

— דו ביזט דאָך, דאַכט זיך, אַזאַ בר־דעת, פּיניע, און דו

גלויבסט אויך, אַז דיין שוועד האָט פאַרדינט עטלעכע טויזנט דאָ־לער? — האָט זי געזאָגט און זיך שטיל צעלאַכט.

איר געלעכטער האָט אָנגעשטעקט אָרען און ער האָט אויך אַ לאַך געטאָן אין זיך, אַ קאָרטשע־טוענדיק זיך מיטן גאַנצן קערפּער.

— איך גלויב נישט, — האָט פּיניע געענטפערט, — איך וואָלט גיכער געגלויבט, דער שוועד זאָל פאַרלירן אין דעמדאָזיקן מסחר זיינע גאַנצע פינף הונדערט דאָלער. און אויב ער האָט היינט נישט פאַרלוירן, וועט ער מאָרגן פאַרלירן. איך האָב מער שכל פון אים, און איך וואָרן אים, ער זאָל נישט קריכן, דאַרף ער נישט קריכן...

— איך לאַך פון דיין היטלעך! — האָט זיך מיטאַמאָל דער־הערט אָרעס קול און גלייך נאָכדעם האָט ער זיך אומגעדרייט מיטן פּנים צו פּיניען און צוגעלייגט:

— נו, ווער איז אַ חכם — איך צי דו?

פּיניע איז אויף אַ רגע געבליבן שטיין פאַרוואונדערט. פרומע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אָרען:

— שלאָף, שלאָף! וואָס אַרט דיך, וואָס ער רעדט? נו, אודאי קיין טויזנטער האָסטו נישט פאַרדינט, פאַר הונדערט דאָלער איז אויך געלויבט און געדאַנקט זאָל זיין גאָט.

— קיינעמס דאגה, וויפל איך האָב פאַרדינט. דאָס האָט גאָט מיר צוגעשיקט! — האָט אָרע געשריגן. — ער פאַרגלייכט מיך צו בלעמס אייזל, אַזאַ שגץ... פּיניע! — האָט ער פּלוצים אים גע־נומען סטראַשען מיט אַ פינגער, ליגנדיק אויפן בעט: — געדענק, פּיניע, איך האָב גענוג דיר פאַרשוויגן. זינט דו ביזט מיין איידעם, האָסטו זיך איבער מיר איזדעקעוועט, גערופן מיך „אָקס", „אייזל", „פערד". איך האָב דיר פאַרשוויגן, ווייל איך האָב מורא געהאַט פאַר דיין גרוים מויל. פון היינט אָן אָבער... געדענק, פּיניע, געדענק!...

פּיניע האָט געקוקט אויף אים פאַרוואונדערט און געדריקט די שמאָלע אַקסלען. ער האָט נישט געגלויבט זיינע אויערן. ביז אַהער האָט זיין שוועד קיינמאָל צו אים נישט גערעדט אין אַזאַ טאָן. ער איז געוווינט געווען, אָרע זאָל רעדן צו אים מיט דרך־ארץ, זאָל

זיך יחסן מיט אים, אז ער זאָל אים אַלע גראַבקייטן פאַרשווייגן. ער איז געווען זייער אַ כיטרער קערל, האָט ליב געהאַט צו ווייצלען זיך און שפּאַסן פון מענטשן און האָט אַנדערע געחנפהט, ווען דאָס האָט אים געקאָנט נוצן ברענגען. ער האָט געהאַט אַ קליין קרעמל און די קונדן זיינע, וואָס האָבן ביי אים געקויפט צייטונגען און סיגאַרעטן, האָט ער זייער געחנפהט און פאַר יעדן פון זיי האָט ער אַ שמייכל און אַ גוט וואָרט געהאַט. אין דער אייגענער צייט האָט ער זייער געהאַלטן פון זיך. ער האָט אַמאָל, אינדער־היים אין רוסלאַנד, געלערנט אין אַ ישיבה, האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַ למדן. האָט אַמאָל איבערגעלעזן עטלעכע העברעאישע ביכלעך, האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַן אויפגעקלערטן. און ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער אַרויסגעוויזן, וואָס פאַר אַ גרויסער קע־נער ער איז. זיין דיק ווייב שרהקע האָט ער ליב געהאַט, נאָכ־מער זיין בן־יחידל שלמהלען. קעגן זיין שווער האָט ער זיך גע־האַלטן גראָב, חוצפּהדיק און קיינמאָל זיין כּבוד נישט געשאַנעוועט מיט ווערטער. דער שטילער, דערשלאָגענער אָרע האָט אים אַלע־מאָל פאַרשוויגן, הגם אָפט, ווען פּיניע האָט אים אָנגערופן „פערד״, „אָקס״, אָדער ווען ער האָט זיך געווויצלט איבער אים, האָט אים, אָרען, דאָס ווי געטאָן, נאָר ער האָט אים פאַרשוויגן, ווייל, ערשטנס, האָט ער זייער פיל געהאַלטן פון פּיניעס למדנות און ער האָט גערעכנט, אַז עס וועט זיין גלייכער פאַר אים, דעם עם־הארץ, ער זאָל אים פאַרשווייגן און, צווייטנס, האָט ער זיך אָפט באַרעכנט: ער טראָגט אַריבער פון פרעמדע שקצים, פון הינט, מעג ער פון אַן אייגענעם אייִדעם אויך אַריבערטראָגן, בפרט נאָך פון אַן אייִדעם, אַזאַ קענער!...

נאָר די אַלטע פרומע האָט זיך אָפט אָנגענומען פאַר איר זון און זי האָט זיך מיט פּיניען אַרומגעקריגט פאַר אים.

היינט אָבער אונטער דעם איינפלוס פון שאַמפּאַניער, וואָס ער, אָרע, האָט אויסגעטרונקען, און דעם גליק, וואָס האָט אים אינגאַנצן אויפגעטרייסלט און אויפגעלעבט, האָט זיך ביי אים צום ערשטן מאָל אַרויסגעריסן אַ פּראָטעסט קעגן זיין אייִדעמס גראָבקייטן.

פּיניע האָט נישט געגלויבט זיינע אויערן.

— זע נאָר, ווער רעדט דאָס אַזוי, — דער שווער אָדער עפּעס אַ בייזער פּריץ? — האָט ער אַרויסגערעדט.

און מיטאַמאָל איז אים איינגעפאַלן: אפשר האָט ער טאַקע היינט פאַרדינט טויזנטער? אַנישט, וואָס זעט ער אויס עפּעס אַזוי און וואָס רעדט ער עפּעס אַזוי?...

און ער האָט זיך ווידער אָנגערופן אין אַ גאַנץ אַנדער טאָן:

— שווער לעבן, איר האָט טאַקע היינט געכאַפּט אַ שיינע אַפּותיקא?...

— הונדערט דאָלער האָט ער היינט פאַרדינט, — האָט זיך פּרומע אַ כאַפּ געטאָן, — קום, פּיניע, לאָז אים שלאָפן.

— און אַז אַ צען מאָל הונדערט? — האָט אָרע זיך גע־היצט. — נו, איז וואָס? אפשר דעם חכם אַוועקגעבן, האַ? שאַמ־פּאַניער האָב איך היינט אויך געטרונקען, חכם מיינער! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פונם בעט און איז אַרויסגעשפּרונגען. — זאָג נאָר: האָסטו שוין אַמאָל געטרונקען שאַמפּאַניער, האַ?

— איר האָט געטרונקען שאַמפּאַניער?

— ריכטיקן שאַמפּאַניער, פון פלעשער. קאָכט ווי קיסלאָש־צעי. זאָג נאָר, דו ווייסט כאָטש, ווער עס טרינקט שאַמפּאַניער? ראָטשילד, פּאָליאַקאָוו אין רוסלאַנד, און איך האָב היינט אויך גע־טרונקען. פאַרשטייסט? און געלט האָב איך אויך פאַרדינט אַ סך. און דו, חכם מיינער, רופט מיך „פערד", „אָקס", „בלעמס אייזל"— איך לאַך פון דיין היטעלע!...

— שווער, — האָט פּיניע געזאָגט מיט אַ שמייכל, — עפּעס שמעקט טאַקע פון אייך מיט... גביר... נו, אַ דאַנק גאָט. איך לויף אַרום היינט דעם גאַנצן טאָג נאָך אַ גמילת־חסד... ווען איך זאָל פריער וויסן, וואָלט איך גלייך צו אייך געגאַנגען... שווער, לייהט מיר אַ פינף און צוואַנציקער.

— גיי צו בלעמס אייזל לייהען! — האָט אָרע אַ געשריי געטאָן.

— אָ, ער איז שוין פאַרטיק! — האָט די אַלטע פּרומע אויסגעשריגן. — פּיניע, נאָר, וואָס האָסטו זיך איינגערעדט? דער שווער דיינער האָט פאַרדינט הונדערט דאָלער, דאַרף ער ערשט

קריגן. ער האָט זיך אָנגעשיכּורט, רעדט ער פֿאַר פֿייער און פֿאַר וואַסער, און ער, דער נאַר, גלויבט אים.

— באָבע, איך האָב אַ לאַנגע נאָז, אַ גוטן שמעקער, — האָט פּיניע געזאָגט, — איך האָב דערשמעקט, באָבע!...

— אָרע, דו לייג זיך שלאָפֿן, — האָט פֿרומע זיך געווענדט צו אים, — גיי, ניכטער זיך אויס, וועסטו דעמאָלט וויסן, וואָס דו רעדסט. דיין מוח איז נישט געוווינט צו שיכּרות. גיי!

זי האָט אים גענומען שטופּן צום בעט. ער האָט זיך ווידער צעלאַכט מיט זיין פֿריערדיקן גליקלעכן געלעכטער און גערעדט:

— איך וועל אים איין מאָל פֿאַרגעבן אַ גאָב, וועט ער דרך־ארץ האָבן פֿאַר זיין שווער. איצט דאַרף ער האָבן פֿאַר מיר דרך־ארץ, נישט אַזוי, מאַמע? כאַ! כאַ! כאַ!

ער האָט זיך ווידער אַוועקגעלייגט אויפֿן בעט און צוגעלייגט:

— גיי, גיי, חכם מיינער, גיי, שגץ איינער, לאָז דיין שווער שלאָפֿן!

— קום, פּיניע! — האָט פֿרומע אים אַ ציִ געטאָן ביים אַרבל.

— אָט איך גיי גלייך, — האָט פּיניע געזאָגט און זיך גע־ווענדט צו אָרען:

— שווער, אויב איר האָט טאַקע היינט געהאַנדלט ריעל־עסטייט און נאָך פֿאַרדינט דערביי עפּעס געלט, קאָן מען וועגן אייך זאָגן: „שומר פּתאים ה׳״, — אַז גאָט היט אָפּ די נאַראָנים. ווייטער זאָלט איר זיך נישט פֿאַרלאָזן אויף גאָטס נסים. אויב איר האָט פֿאַרדינט עפּעס געלט, באַהאַלט עס און קריכט נישט מער. איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב מער שכל פֿון אייך.

— אָט דאָס האָסטו מער שכל פֿון מיר, אָט דאָס, — האָט אָרע אים געענטפֿערט, ליגנדיק אויפֿן בעט, און געוויזן אים אַ פֿייג.

— שיכּור! — האָט פּיניע אַרויסגעמורמלט, אַ דריק געטאָן די אַקסלען און איז אַרויס מיט פֿרומען פֿונם שלאָף־צימער.

זי האָט אים באַגלייט ביז דער גאַס־טיר, וואָס האָט געפֿירט צום גאַנעק. ביי דער טיר זענען זיי שטיין געבליבן.

— באָבע, — האָט פּיניע זיך ווידער אָפּגערופֿן, — איר זענט אַ קלוגע ייִדענע, איך בין אָבער נישט קיין נאַר. איר וועט מיך

נישט נאַרן. בעסער זאָגט מיר דעם אמת: וויפל האָט דער שווער פאַרדינט?

— איך האָב דיר געזאָגט: הונדערט דאָלער, דערווייל האָט ער נאָך קיין דאָלער נישט געקריגן...

— נישט מער?

— איך זאָג דאָך דיר...

— מילא, באָבע, וויפל ער האָט נישט פאַרדינט, אָבער מער זאָלט איר אים נישט לאָזן קויפן קיין „ריעל־עסטייט", אַ רחמנות אויף זיין ביסל געלט.

— גוט, פּיניע, גוט. גריס דיין ווייב און קינד.

ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַנעק. דאָרט איז געזעסן רייטשל, איינגעוויקלט אין אַ היימישן טוך, און האָט אומעטיק און צעטראָגן געקוקט פאַר זיך אויף דעם וייטן וועלדל, איבער וועלכן אַ טיף־שוואַרצער וואָלקן האָט שווער געפּויזעט ווי אַ גרויסע, מגושמדיקע חיה, און געשלונגען אַרום זיך דעם בלויען הימל.

— העללאָ, רייטשל! — האָט ער זיך אָנגערופן.

זי האָט אַ ציטער געטאָן און זיך אומגעקוקט אויף אים.

— וואָס איז דער מער, איר אַרבעט נישט היינט?

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

פּיניע האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— רייטשל, וואָס איז דער מער? איר זיצט עפּעס גאַרנישט ווי רייטשל!...

זי האָט געצוואונגען אַ שמייכל געטאָן און שטיל אַרויסגע־רעדט:

— איך בין קראַנק, פּיניע...

— קראַנק? וואָס פעלט אייך?

— דאָס האַרץ טוט מיר וויי.

— עפּעס אַ ליובזשע?...

— אוי, גייט שוין!...

— וואָס דען? קיין שווינדזוכט האָט איר דאָך נישט...

— אויב איך האָב נישט, וועל איך קריגן...

— אַ חתן אפשר...

— זאָלן גיין די חתנים אין דער ערד אַריין.

— אין דר'ערד אריין?... די חתנים?... אַ סימן...

— אוי, לאָזט מיך צופרידן. איך בין נישט אויפגעלייגט, — האָט זי אים אונטערגעבראָכן און זיך אומגעדרייט צו אים מיטן רוקן.

— רייטשל, איר זענט פאַרליבט, — האָט פיניע ווידער געזאָגט.

זי האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים מיט אַ פלאַמענדיקן פּנים און מיט ברענענדיקע אויגן.

— וואָס ווילט איר? וואָס האַקט איר אַ טשייניק?

— ווען איר זענט אין כּעס, איז אַ סימן, אַז איך האָב געטראָפן, — האָט ער געזאָגט און זיך צעלאַכט, — גוד־באַי. באַלד וועט גיין אַ רעגן.

און ער איז אַוועק מיט האַסטיקע טריט.

פון ווייט, הינטערן וואַלד, האָט זיך אַ דונער דערהערט.

רייטשל איז געבליבן זיצן אויף איר שטול.

זי האָט זיך געפילט אומגליקלעך. זינט נעכטן האָט איר פאַר־פאַלגט איין געדאַנק: וואָס וועט איצט זיין? פון קיין אַנדער זאַך האָט זי איצט נישט געטראַכט, נישט געקאָנט טראַכטן. זי האָט געפּרוווט לעזן און נישט געקאָנט. געפּרוווט עפּעס אַרבעטן און די אַרבעט איז געפאַלן פון אירע הענט. און, מערקווירדיק, אויף סעמ־קען אַליין איז זי נישט געווען באַזונדערס אין כּעס; פאַרקערט, צייטנווייז האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ווען ער זאָל איצט קומען, וואָלט זי פאַר אים איר שווער האַרץ אויסגערעדט, ווי פאַר אַן אײנציקן פריינט, און אַן עצה ביי אים געפרעגט. נאָר ווען־נישט־ווען האָט זי אים אין האַרץ געשאָלטן און דאַן האָט זי אים אין אירע געדאַנקען געסטראַשעט: וואַרט, וואַרט, זי וועט נאָר אָפּ־וואַרטן, און זאָל נאָר עפּעס פּאַסירן, דאַן איז איר לעבן נישט ווערט אַ פּעני, אָבער זיין לעבן אויך נישט...

עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער דונער, אַזש דאָס הויז האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. רייטשל איז אויפגעשפּרונגען און ביז זי איז צוגעלאָפן צו דער הויז־טיר, האָט אַ וואַרעמער פרילינגס־רעגן אַ גאָס געטאָן מיט אַ רוישן און געפילדער, און קרומע וואַ־

פערדיקע זיילן האָבן זיך געשלאָגן אָן דעם גאַנעק און באַנעצט אים ביז דער אַריינגאַנגס־טיר.

רייטשל איז אַריינגעלאָפן צו זיך אין צימער און פאַרקלאַפּט דאָס פענסטער. און פאַרביי דעם פענסטער האָבן זיך אויך גע־טראָגן קרומע וואַסערדיקע זיילן און פון צייט צו צייט האָבן זיך צווישן זיי געשלענגלט פייערדיקע שלאַנגען און איבער זיי האָט געפּילדערט און געקראַכט...

דאַן איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. דער רעגן האָט פּלוצים אויפגעהערט. אינדרויסן איז העלער געוואָרן. די פרילינגס־זון האָט ווידער אַרויסגעקוקט...

11

דער גאָלדענער מבול

אויף מאָרגן איז אָרע אויפגעשטאַנען נאָך פריער ווי געוויינ־לעך. און באַלד ווי ער איז אַרונטער פונם בעט, האָט ער די ער־שטע זאַך איבערגעקערט דעם מאַטראַץ, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט דאָס געלט, איבערגעציילט מיט ציטערנדיקע הענט און אַרויסגע־מורמלט מיט ציטערנדיקע ליפּן:

— ריכטיק, נישט קיין חלום!...

דערנאָך האָט ער דאָס געלט באַהאַלטן אונטערן בוזעם, זיך איינגעוואַשן און זיך געשטעלט דאַווענען. ער האָט זיך באַמיט צו דאַווענען מיט כּוונה, צו לויבן און דאַנקען גאָט, וואָס האָט אים גע־וויזן אַזאַ חסד, מיט אַלע אברים, מיט אַלע זיינע מחשבות, צוגע־מאַכט די אויגן, כּדי זיך מער אַריינצוטאָן אין דעם דאַווענען, ער האָט אָבער נישט געקאָנט. פאַרשידענע געדאַנקען האָבן זיך גע־דרייט און געמישט אין זיין קאָפּ. ער האָט זיי געטריבן פון זיך, געדאַוונט אַלץ העכער אויפן קול, אַזוי ווי ער וואָלט מיט זיין שטי־מע זיי געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך; זיי זענען אָבער פון דאָרט נישט אָפּגעטראָטן, האָבן געזשומעט און געזשומעט אין זיין מוח, ווי איינגעגעסענע פליגן. וואָס זאָל ער איצט טאָן?... ווייטער

האַנדלען מיט „ריעל־עסטייט", צי איצט מער נישט קריכן?... גע־דאַרפט בעסער קויפן עפּעס אַ ביזנעס... מיט 35 הונדערט דאָלער מזומן... אַ שיינע ביזנעס קאָן מען קויפן... טעלע וואָלט געקאָנט העלפן... און ער אַליין וואָלט, אפשר, איצט אויך געקאָנט חתונה האָבן מיט עפּעס אַ יונג, לייטיש ווייבל, וואָס וועט קאָנען פירן אַ ביזנעס...

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און פאַרקרימט דאָס פּנים. גע־וואלט, וועגן וואָס טראַכט ער אינמיטן דאַווענען! און ער האָט פעסטער פאַרמאַכט די אויגן, צונויפגעדריקט דעם שטערן, צע־שאָקלט זיך מיטן גאַנצן קערפּער און אָנגעהויבן אַרויסצוזינגען די ווערטער פונם דאַווענען מיט געפיל, הויך אויפן קול. באַלד אָבער איז ער ווידער געשטאַנען און די ווערטער פונם דאַווענען האָבן ווידער גענומען קלינגען שלעפעריק און פאַרטראַכט. זיין מוח האָט ווידער געאַרבעט: אַ צוואַנציק דאָלער קומט אים ביי זיינע קונדן... אַ חוב ביי דעם אַלטן פאַרמער... פינף דאָלער... גוט געלט... אָבער זיין הונט... ניין, ער איז אים איצט מוחל די פינף דאָלער, אַבי דעם הונט נישט אָנצוקוקן... דאַנקען גאָט, ער וועט שוין איצט פּטור ווערן פון די הינט, פון די שקצים, פון דעם שווערן פּאַק סחורה, פון דעם שווערן פּאַק צרות... דאַנקען גאָט... דאַנקען גאָט...

און ער האָט זיך ווידער אַ כאַפּ געטאָן, צעשאָקלט זיך מיטן גאַנצן קערפּער, אַרויסגעזונגען די ווערטער פונם דאַווענען און זיין קול האָט געקלונגען פול פרייד.

אָפּגעדאַווענט, איז ער אַריין אין עס־צימער; קיינער איז דאָרטן נישט געווען. דער זייגער אויף דער וואַנט האָט געוויזן אויף נאָך פינף.

אין אַ ווינקל איז געלעגן זיין פּאַק סחורה, איבערגעבונדן מיט רימענס. ער איז באַשטאַנען פון שלייקעס, ביליקע טיכלעך, זאָקן, שפּילקעס, נאָדלען, שפּולקעס פאָדעם, קנעפּלעך און נאָך אַזוינע קליינִיקייטן. אָרע האָט גענומען דעם פּאַק, אַריינגעטראָגן אים צו זיך אין שלאָף־צימער און אים אַ וואָרף געטאָן אונטערן בעט.

דערנאָך איז ער אַרויס אויפן גאַנעק. דאָרט איז געלעגן דעם

בעל־הביתס ציג אויפן בויך און האָט מעלה־גרה געווען. ווען זי האָט אים דערזען, האָט זי אויף אַ רגע אויפגעהערט צו אַרבעטן מיטן מויל און אָנגעקוקט אים מיט אירע תּמעוואַטע אויגן. דער־נאָך האָט זי אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון אים, אַ קראַץ געטאָן דאָס בערדל אָן איר רוקן און גענומען ווידער אַרבעטן מיטן מויל.

ער איז אַרונטער פונם גאַנעק און איז לאַנגזאַם אַוועק איבער דער גרינער, ברייטער שטרעקע לאַנד, וואָס האָט זיך געצויגן ביזן וועלדל.

אין דעמדראָזיקן פרימאָרגן איז אין דער לופט צעגאָסן געווען אַ גאָלדענע ליכטיקייט און דער הימל איז געווען קלאָר און בלוי. אויפן גראָז האָבן געפינקלט טוי־טראָפּנס און עס האָט געשמעקט מיט פרישער ערד און בליענדן וואַלד. הימל און ערד האָבן מיט פריילינג זיך אָנגעטרונקען. פונם וועלדל האָט זיך געטראָגן אַ טשי־ריקען פון פייגעלעך. פריילעך, הילכיק און ליכטיק האָט געהילכט פון דעמדראָזיקן געזאַנג. עס האָט זיך געדאַכט, אַז יעדער טוי־טראָפּן זינגט מיט, אַז יעדעס גרעזעלע און בוימעלע לאָזט אַרויס אַ פריילעכן קלאַנג.

אָרע האָט אָבער נישט געהערט דאָסדאָזיקע פריילינגס־געזאַנג, גאָרנישט באַמערקט אַרום זיך, האָט זיך גאָרנישט אַרומגעקוקט; ער איז אינגאַנצן געווען פאַרטאָן אין זיך, האָט אַרומגעטראַכט, וואָס ער זאָל איצט טאָן: צי זאָל ער ווייטער האַנדלען מיט „ריעל־עסטייט", צי זאָל ער זיך קויפן פאַר דעם געלט אַ ביזנעס. אַזוי איז ער געגאַנגען פאַרטראַכט, טריט ביי טריט, איבער אַן אויסגעטראָטענעם פייכטן וועג אינם וועלדל, די הענט פאַרלייגט הינטן אויפן רוקן, ווי אויף אַ שפּאַציר, און האָט גאָרנישט באַ־מערקט, ווי ווייט און וווהין ער גייט.

פּלוצים האָט אַ הונט ערגעץ אַ האַווקע געטאָן. אָרע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און איז שטיין געבליבן.

— וווהין בין איך פאַרקראָכן? — האָט ער אַרויסגעמורמלט און זיך אומרואיק אַרומגעקוקט.

דערנאָך האָט ער ווידער דערהערט דאָס בילן, איצט, דאַכט זיך, גאָר נאָענט, און באַלד אימיצנס טריט איבערן פייכטן גראָז.

און דאָ האָט אָרען אַ האַק געטאָן אין האַרצן. ער האָט מיט

זיך דאָס גאַנצע געלט. טאָמער, חלילה וחס... מאַלע וועד...

און ער האָט אַ צעטומלטער זיך געלאָזט לויפן פונם וועלדל. ערשט, ווען ער האָט דערזען פונדערווייטנס דאָס הויז, ווו ער האָט געוווינט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אומגעקוקט זיך אויף צו־ריק. קיינער איז אים נישט נאָכגעלאָפן. ער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם, אַ טאַפּ געטאָן דאָס געלט אונטערן בוזעם און איז ווידער אוועק טריט ביי טריט, סאָפּענדיק שווער...

די אַלטע פרומע איז שוין אויף געווען און האָט צוגעגרייט דעם פרישטיק. אויפן טיש זענען שוין געשטאַנען די גלעזער פאַר טיי.

ווען זי האָט אים דערזען, האָט זי זיך אָפּגערופן:

— זע נאָר, און איך האָב געמיינט, אַז דו שלאָפסט נאָך.

— איך האָב שוין אָפּגעדאַוונט אויך, — האָט ער געזאָגט און זיך אָפּגעווישט מיט דער לענג פונם אַרבל דעם שוויים פונם שטערן.

— וואָס האָסטו זיך געאיילט, מיין זון? הײַנט האָסטו דאָך, דאַנקען גאָט, זיך געקאָנט פאַרגינען צו שלאָפן אַביסעלע שפּעטער?

— איך האָב גענוג געשלאָפן. נעכטן האָב איך אַ פּאָר שעה ביז מנחה געשלאָפן און נאָך מעריב האָב איך זיך באַלד געלייגט...

— נו, צו געזונט זאָל דיר זיין, מיין זון... ווו ביזטו געווען?

— איך בין זיך אַביסל דורכגעגאַנגען... איך טראַכט אַלץ, מאַמע, וואָס טוט מען איצט?...

— וואָס מיינסטו, מיין זון?

— איך מיין, צי זאָל איך ווייטער האַנדלען מיט „ריעל־עסטייט“, צי זאָל איך זיך גאָר אַ ביזנעס קויפן, וואָס איז דיין עצה, מאַמע?

— מיין עצה איז, דו זאָלסט זיך בעסער קויפן אַ ביזנעס, מיין זון. פיניע איז אַפילו אַ הולטאַי, אָבער שכל האָט ער. ער זאָגט, אַז איך זאָל דיך מער נישט לאָזן קריכן מיט געלט אין „ריעל־עסטייט“.

אָרע האָט אַ דריק געטאָן די אַקסלען.

— כ׳וויים? — האָט ער אַרויסגערעדט פאַרטראַכט. — אפשר איז פיניע גערעכט. אפשר האָט מיר איינמאָל אָפּגעגליקט און

אַ צווייטן מאָל, חלילה... אַ ביזנעס איז די זיכערסטע זאַך און עטע־לע וואָלט מיר געקאָנט העלפן...

— אודאי וואָלט זי דיר געקאָנט העלפן. דו הערסט, אָרע?— האָט זי צוגעלייגט מיט אַ ווייכן טאָן. — גאָט האָט דיר געהאָלפן, דאַרפסטו זי נישט לאָזן מער גיין אין שאַפּ, קנים וואָס זי זשיפּעט געבעך...

— איך האָב דאָך איר נעכטן ביינאַכט געזאָגט, אַז זי זאָל מער אין שאַפּ נישט גיין, — האָט אָרע זיך אָנגערופן.

— נו, אַ דאַנק גאָט. קום, אָרע, צום טיש.

— דערווייל וועל איך היינט דאָס געלט אַריינלייגן אין דער באַנק, ביז איך וועל עפּעס אַ ביזנעס געפינען.

זי האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז טיי און געפרעגט:

— וועסטו עסן אַן איי, אָרע? איך האָב זיך נעכטן ביינאַכט פאַרגונען צו נעמען אַ האַלב טוץ אייער אויף היינט. אַז גאָט האָט דיר געהאָלפן, מעגסטו זיך פאַרגינען אויפצועסן אַן איי... ווי זאָל איך דיר עס מאַכן, — אַ האַרטס, אָדער אַ שמאַטקע?...

— איך וויל נישט, מאַמע, עס אַליין, גיב עטעלען.

עטל איז אַריינגעקומען, קעמענדיק זיך די האָר. זי איז גע־ווען בלייך און פאַרשלאָפן. די גאַנצע נאַכט האָט זי ביזן גרויסן טאָג געלייענט אַ ראָמאַן.

— גיכער, באָבע, אַ גלאָז טיי. איך וועל פאַרשפּעטיקן אין שאַפּ, — האָט זי געזאָגט.

— זאָלן מיינע שונאים גיין אין שאַפּ, — האָט די אַלטע גע־זאָגט מיט אַ גליקלעכן שמייכל, — דו וועסט מער אין שאַפּ נישט גיין, עטעלע.

עטעלע איז געבליבן שטיין פאַרוווּנדערט און געקוקט דאָ אויף איר טאַטן, דאָ אויף איר באָבען. די אויפגעהויבענע האַנט מיט דעם קאַם איז געבליבן ווי פאַרגליווערט אין אירע האָר.

— טאַקע? — האָט זי צום סוף אַרויסגערעדט.

— יאָ, יאָ, עטעלע, איך האָב דיר נעכטן געזאָגט, — האָט אָרע זיך צו איר אָנגערופן.

עטעלעס פּנים האָט זיך מיט פרייד באַגאָסן.

— טאַקע? — האָט זי ווידער אַרויסגערעדט. — און איך

האָב געמיינט, אַז דו האָסט נעכטן געשפּאַסט... טאַטע, דו האָסט עפּעס אַ סך געלט געמאַכט?

— אַז דו ווײסט דאָס נישט ווײסן, — האָט די אַלטע זיך אַ כאַפּ געטאָן, — מאַכט אויך נישט אויס, מײן קינד. אַבי דו זאָלסט אין שאַפּ נישט דאַרפן גײן אַרבעטן.

— פון מײנעטוועגן מעג ער מאַכן הונדערט מיליאָן מיליאַסן. איך פאַרגין דאָס אים אודאי, — האָט עטל געזאָגט מיט אַ שטראַלנ־דיקן פּנים און האָט אַ טאַנץ געטאָן, — אוי, איך וועל הײנט קאָ־נען שלאָפן! איך בין שלעפעריק. און דעם ראָמאַן וועל איך נאָך אויך קאָנען ענדיקן!... דערפאַר, טאַטע...

זי איז צוגעגאַנגען צו אָרען און אים אַ קוש געטאָן. דער־נאָך איז זי צוגעלאָפן צו רײטשלס צימער, האָט מיט התפּעלות אין דער טיר אַרײנגעשריגן: „רײטשל, גוד־באַי, שאַפּ!" און איז אַוועקגעלאָפן צו זיך אין צימער מיט די ווערטער: „אויב אַזוי, גײ איך שלאָפן!"

די אַלטע פרומע האָט זי באַגלײט מיט די אויגן און איר גאַנץ פּנים האָט געלויכטן און געשטראַלט. דאַן האָט זי אויפגע־הויבן די הענט איבערן קאָפּ און אַרויסגערעדט מיט געפיל:

— געלויבט און געדאַנקט זאָלסטו זײן דערפאַר, גאָט!...

אָרע האָט אויך צעטראָגן געשמײכלט.

רײטשל איז אַרײנגעקומען און האָט זיך געזעצט בײם טיש. זי האָט אויסגעזען אומעטיק און דערשלאָגן.

— וואָס מאַכט דײן קאָפּ, רײטשל? — האָט פרומע אַ פרעג געטאָן.

— אָל־ראַיט, — האָט רײטשל אַרויסגעמורמלט, — איר האָט אַ גלאָז טײ?

פרומע האָט איר דערלאַנגט אַ גלאָז טײ.

— דו גײסט הײנט אין שאַפּ?

— יעס.

אָרע האָט זיך אויפגעהויבן און אַרײנגעגאַנגען אין קיך און האָט מיט אַ געהײמען קול אַ רוף געטאָן זײן מאַמען.

און ווען זי איז אַרײנגעקומען, האָט ער זיך געווענדט צו איר מיט אַ שטילן קול:

— זי מוז זיין אפּנים גוט קראַנק. שוין דער צווייטער טאָג ווי זי זיצט, ווי אַן איינגעגראָבענע...

— מען הערט גאָרנישט פון איר איצט קיין פּאָרע. גאָר זי נישט צו דערקענען, — האָט די אַלטע געזאָגט.

— גיב איר, מאַמע, אַן איי...

— וואָס נאָך? — האָט די אַלטע אויסגעשריגן.

— אַ רחמנות, מאַמע, זי איז נישט געזונט...

— דערפאַר איז דאָך אַזוי שטיל אין הויז...

— מאַמע, מען דאַרף נישט זיין שלעכט.

— וואָס שלעכט? מיר וועלן איצט אינגאַנצן אויסקומען אָן איר.

— מאַמע, גאָט האָט אונז געהאָלפן, עטלע האָט אויפגע־הערט צו גיין אין שאַפּ און זי איז דאָך אויך... אַ מיידל... אַ... טאַטנס אַ קינד, — האָט ער געזוכט ווערטער, — איז אויף איר אויך אַ רחמנות. גיב איר, גיב איר אַן איי...

— מילא, זאָל זיין ווי דו זאָגסט, — האָט פרומע צום סוף אַרויסגערעדט, — אפשר ביזטו טאַקע גערעכט, אפשר איז טאַקע אַ רחמנות אויף איר. גוט, איך וועל איר געבן.

זיי זענען אַריין צוריק אין עס־צימער. רייטשל האָט שוין גע־האַט אויסגעטרונקען איר גלאָז טיי און זיך געקליבן אין שאַפּ צו גיין.

— וועסט עסן אַן איי, רייטשל? — האָט פרומע געזאָגט, ווען זי איז אַריינגעקומען.

רייטשל האָט אויף איר אויסגעגלאָצט אירע גרויסע, שוואַר־צע אויגן.

— עס אַן איי, דו ביזט נישט געזונט...

— וואָס זענט איר מיטאַמאָל אַזוי גוט? — האָט רייטשל אַרויסגעמורמלט.

— אַן איי, רייטשל, קאָן נישט שאַדן, — האָט אָרע זיך אַריינגעמישט.

— טהענק יו, — האָט רייטשל שטיל געזאָגט מיט אַן אָנ־מעטיקן שמייכל און איז אַרויס פון הויז.

— זי וויל נישט, דאַרף מען נישט, — האָט פרומע זיך אָנגערופן.

— אַ רחמנות, זי איז נעבעך קראַנק און דאַרף גיין אַרבעטן, — האָט אָרע געזאָגט.

— פאַרוואָס האָט זי נישט חתונה, אַזאַ מויד? דעמאָלט וואָלט זי נישט געדאַרפט גיין אַרבעטן, — האָט פרומע פּלוצים זיך ווידער אָנגערופן.

— האַ? — האָט אָרע אַרויסגעמורמלט. — טאַקע אַ וווּנדער...

און אים איז מיטאַמאָל עפּעס אַזוי שווער געוואָרן אויפן האַרצן, ער האָט אַליין נישט געוווּסט, פאַרוואָס?

שפּעטער איז ער אַרויס פון הויז מיטן פעסטן באַשלוס אַריינצוטראָגן דאָס געלט אין דער באַנק און אָנהויבן צו זוכן אַ ביזנעס.

עס איז געווען נאָך צו־פרי, און כאָטש די באַנק איז נאָכנישט געווען אָפן, זענען אַרום איר שוין געשטאַנען יידן אין באַזונדערע קופּקעלעך, אין קלענערע און אין גרעסערע, האָבן נערוועז געמאַכט מיט די הענט, געשריגן, געליאַרעמט און געהיצט זיך. די היט זענען פאַרדרייט געווען אויף די קעפּ, די אויגן אויסגעפּוטשעט, הענט און אַקסלען האָבן זיך באַוועגט און אין דער פרילינגס־לופט האָט זיך געטראָגן אַ געמורמל, ווי ביי אַ פּאַניק. זיי אַלע האָבן גערעדט וועגן „לאָטס", „פּאַרסעלס", אַלץ וועגן „ריעל־עסטייט" און וועגן דער צוקונפט פון בראָנזוויל...

אָרע איז צוגעגאַנגען צו איין קופּקע, דאָרט איז געשטאַנען סעמקע מיט אַ נייער קעפּקע אויף אַ זייט קאָפּ, אַ קעפּקע, פּונקט ווי ביי סאַמועלסאָנען, האָט זיך געדרייט אויף די פּיס דאָ אַהין און דאָ אַהער, דאָ צו איינעם און דאָ צו אַן אַנדערן און געקאָכט זיך, און געשריגן, און די יידן אַרום אים האָבן זיך אויך אַזוי געקאָכט און געליאַרעמט ווי ער.

— גיט מיר הונדערט „לאָטס" אויף פּיטקין עוועניו און איך צאָל גלייך צו צוויי טויזנט דאָלער אַ „לאָט"! — האָט געשריגן סעמקע.

— און איך צאָל דריי! — האָט געשריגן אַ צווייטער.

— א „לאַט" אויף פּיטקין עוועניו איז ווערט פיר טויזנט! — האָט געשריגן אַ דריטער.

— פיר טויזנט! — האָט זיך סעמקע אַ כאַפּ געטאָן צו יענעם. — און פאַרוואָס נישט פינף? און פאַרוואָס נישט זעקס? איך צאָל גלייך פינף טויזנט, גיט מיר כאָטש הונדערט לאַטס אויף פּיטקין עוועניו...

דערביי איז געשטאַנען חיים זיסע פליוך, אַ נידעריק ברייט יידל מיט אַ געל, שפּיציק בערדל און רויטע, „פּאָדשליאַפּעטע" אויגן, וועלכער האָט ביז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק פאַרקויפט פּיש אויף אַ וועגעלע אין בעלמאָנט עוועניו. ער איז איצט אויך געוועזן איינער פון די „ריעל־עסטייטניקעס". „פליוך" האָט מען אים גערופן אויס העפלעכקייט. אז מען איז אין כעס געוואָרן אויף אים, האָט מען אים גערופן פּשוטער, מחמת דעם גרויסן גלאַנציקן פּליך אויף זיין קאָפּ. אז ער האָט דערהערט, וואָס פאַר אַ פּרייז סעמקע באַט אָן פאַר אַ „לאַט" אויף פּיטקין עוועניו, איז ער צוגעגאַנגען צו אים און אים אָנגענומען ביי אַן אַרבל:

— סעי, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב דריי „לאַטס" אויף פּיטקין עוועניו, דריי. צו פינף טויזנט פאַרקויף איך, צו פינף...

— האַ? — האָט זיך סעמקע אַ דריי געטאָן און אים אָנגעקוקט.

— צו פינף טויזנט, צו פינף. דריי לאַטס, דריי, — האָט חיים זוסע ווידער געזאָגט.

— דריי? — האָט סעמקע אַרויסגעמורמלט עטוואָס צעמישט. באַלד אָבער האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און געזאָגט מיט זיכערקייט אין זיין קול:

— דריי איז גאָרנישט. גיט מיר פופציק, הונדערט „לאַטס", מיט קלייניקייטן לוינט זיך מיר נישט צו פאַרנעמען.

און ער האָט זיך אָוועקגעדרייט פון אים און איז שנעל אַריבער צו אַ צווייטער קופּקע, צווישן וועלכע יאַכנעטשיק איז אויך געשטאַנען, און באַלד האָט זיך ווידער דערהערט זיין קול...

צווישן אַ דריטער קופּקע איז געשטאַנען סאַמועלסאָן און אויך גערעדט. דער קלאַנג פון זיין אָנגענעמען באַריטאָן האָט זיך

דורכגעריסן דורך דעם אָרומיקן טומל. אָרע איז צוגעגאַנגען נענ־טער. סאַמועלסאָן האָט גערעדט:

— מיר וועלן עס אויסריייניקן פון מאָסקיטאָס, פון זומפּן. מיר וועלן פאַרשיטן די גריבער, מיר וועלן אַרונטערשאָבן די בערג־לעך, אויסלייגן נייע געאַספאַלטעטע סטריטן. די אַלע דאָזיקע וויסטע געגנטן ביז קאַנארסי וועלן באַלעבט ווערן מיט שיינע סטריטן, שיינע הייזער. מענטשן וועלן נישט פעלן. נייע קארס וועלן לויפן. די קאר־קאָמפּאַניע טראַכט שוין וועגן דעם...

און הערנדיק אים, האָבן זיך פאַר אָרעס אויגן געטראָגן די אַלע וויסטע געגנטן, וועלכע ער האָט געקענט, מיט זייערע טאָלן, גריבער און זומפּן, מיט זייערע מאָסקיטאָס, בייזע הינט און שלעכ־טע שקצים. און ער האָט געזען, ווי דאָס אַלעס ווערט פאַרשאָטן און פאַרטריבן, פאַרבויט מיט שיינע הייזער און באַפעלקערט מיט רואיקע, ערלעכע מענטשן, אָן הינט און אָן שלעכטע שקצים. ער האָט געגלויבט אין דעם, וואָס סאַמועלסאָן האָט גערעדט. סאַ־מועלסאָן איז געווען אַ לאָיער, און אַ לאָיער ווייסט, מסתּמא, וואָס ער רעדט. ווידער, ווען נישט סאַמועלסאָן, וואָלט ער דען איצט געהאַט אַזאַ פאַרמעגן?...

ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „טאָמער וואָלט איך פאָרט ווייִ־טער געהאַנדלט מיט „ריעל־עסטייט”?...”

די באַנק האָט זיך געעפנט, און אַלע האָבן זיך האַסטיק אַ וואָרף געטאָן צו דער אַריינגאַנגס־טיר. אָרע האָט זיך אויך אַ לאָז געטאָן אַהין.

פּלוצים האָט אים אימיצער אַ שלעפּ געטאָן פון הינטן. ער האָט זיך אומגעקוקט, — ערשט, יאַכנעטשיק.

— ר' אָרע, איך דאַרף אייך, — האָט יאַכנעטשיק געזאָגט,— איך האָב געוואָלט גיין צו אייך מיט חיים־זוסע פּליוך. אַ שטיקעלע ביזנעס...

ער איז מיט אים אָפּגעגאַנגען אָן אַ זייט און האָט אַ רוף גע־טאָן חיים־זוסען, וועלכער האָט זיך דאָרט געשטופּט הינטער די אַנדערע ביי דער טיר פון דער באַנק.

חיים־זוסע איז צוגעגאַנגען צו זיי.

— אַט, ר׳ חיים־זוסע, איך דערצייל ר׳ אָרעז וועגן דעם „פּאַרסעל״, — האָט אים יאַכנעטשיק דערקלערט.

— נו, וויל ער?

— ער וועט שוין וועלן. היינט איז ער שוין קליגער ווי נעכטן. נישט אַזוי, ר׳ אָרע?...

אין אָרעס נשמה, וועלכע איז נאָך געווען אונטער דעם איינדרוק פון סאַמועלסאָנס ווערטער, האָט זיך איצט אַ ריר געטאָן אַ געפיל, וואָס ער האָט נאָך ביז אַהער נישט געקענט, דאָס געפיל, וואָס איז אַזוי גוט באַקאַנט קאָרטן־שפּילער און שפּעקולאַנטן. ער האָט שטיל געפרעגט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ „פּאַרסעל״?

— איך האָב אים נעכטן דערשמעקט, האָב איך, — האָט חיים־זוסע זיך אַ כאַפּ געטאָן, — עס שטייט אין אים גאָלד צו מאַכן, שטייט אין אים. אַ גרויסער „פּאַרסעל״, אַ גרויסער. איך דאַרף נאָר זאָגן סאַמועלסאָנען אָדער דאָקטאָר זילבערשטיינען, דאַרף איך נאָר, כאַפּט מען אים אויס, כאַפּט מען...

— נו, זאָלן מיר אים קויפן, — האָט אָרע זיך אָנגערופן, — וויפל געלט דאַרף מען?

— אַ צוואַנציק טויזנט דאָלער. גלייך נאָר זעקס, — האָט יאַכנעטשיק זיך אַריינגעמישט, — יעדער פון אונז צוויי טויזנט.

אָרע האָט אַ טראַכט געטאָן: „צוויי טויזנט. וועלן זיך ביי מיר נאָך אַלץ אָפּשטעלן פופצן הונדערט... זאָל איך?״

דערנאָך האָט אָרע אַ פרעג געטאָן:

— ווו איז דער „פּאַרסעל״?

— אַ פאַרם, — האָט יאַכנעטשיק געענטפערט.

— אַ פאַרם גאָר? ווו?

— דאָ, דערביי, מיר וועלן אייך נישט זאָגן, ווו דאָס איז...

— אָבער וואָס טויג אונז אַ פאַרם? — האָט אָרע אַרויסגערעדט פאַרוואונדערט.

— באַלד וועט דאָרט קיין פאַרם נישט זיין, באַלד, — האָט זיך חיים־זוסע מיטאַמאָל צעהיצט, — איר פאַרשטייט נישט קיין ביזנעס, פאַרשטייט איר נישט, זאָלט איר מיר מוחל זיין, זאָלט איר. מיר וועלן די פאַרם צעשניידן אויף „לאָטס״, וועלן מיר. יעדן

„לאט" וועט מען פארצוקערן, יעדן „לאט", ווייל די פארם איז דא דערביי, די פארם...

ארע האט זיך פארטראכט. ער האט ארויסגערופן אין זיין געדעכעניש די אלע נאנטע פארמס, וועלכע ער האט געקענט, און זיך באמיט צו טרעפן, וועלכע פארם זיי מיינען.

אין דערזעלבער צייט איז צו דער באנק צוגעפארן דאקטאר זילבערשטיין אויף א וועגל. ער איז אריין אין באנק און באלד צוריק ארוים מיט א פארהאוועטער מינע. צוגייענדיק צו זיין וועגל, האט ער זיך פלוצים אומגעדרייט צו חיים־זוסען, אזוי ווי ער וואלט אים ערשט באמערקט, און זיך אנגערופן מיט זיין קארטאוון קול:

— העללא, מיסטער חיים־זוסע! ווי גייט עס?

— פיין, דאקטאר, פיין! — האט חיים־זוסע געענטפערט און אויף זיין פנים האט זיך צעגאסן א מינע פון דרך־ארץ.

— האט איר נאך אייערע „לאטס" אויף פיטקין עוועניו?

— יא, דאקטאר, — האט חיים־זוסע געענטפערט און איז צוגעגאנגען צו אים.

— פארוואס ווילט איר מיט מיר נישט האנדלען, מיסטער חיים־זוסע?

— איך וויל דען נישט, איך?...

— נעמט דריי טויזנט. קיינער וועט אייך מער נישט געבן.

— נישט ווייניקער פון פיר, דאקטאר, נישט ווייניקער... אין א וואך ארום וועלן זיי ווערט זיין פינף, אין א וואך ארום...

דאקטאר זילבערשטיין האט כיטרע א שמייכל געטאן און פלוצים ארויסגערעדט אויף דייטש:

— זי זינד דום, ווי איין שעפס, מיין העררו!

ער איז ארויפגעקראכן אויפן וועגל און האט צוגעלייגט מיט פאראכטונג אין זיין קול:

— וואס ווייסן זיי פאן ריעל־עסטייט. זיי ברויכן האנדלען מיט פיש!

חיים־זוסע האט געקוקט אויף אים און צעמישט געשמייכלט.

— אבער, דאקטאר, — האט ער געמורמלט, — זיי ברויכן נישט זיין אין צארן, אבער...

— אַל־רײַט! — האָט דאָקטאָר זילבערשטײן װידער געזאָגט אין מאַמע־לשון. — איך װעל אײַך געבן פינף און דרײַסיק, ליגט מיר אין דער אדמה!

— פיר, דאָקטאָר, פיר, — האָט חיים־זוסע געשמײכלט.

— איר האָט דאָך באַצאָלט פופצן הונדערט דאָלער אַ „לאָט". איז אײַך נאָך װײניק פאַרדינסט?

— אַך, ליבער דאָקטאָר, ליבער, װאָס פאַרגינט איר מיר נישט, װאָס?...

— גײען זײ צום טײַפל! — האָט דאָקטאָר זילבערשטײן אַ געשרײ געטאָן, און האָט אַ טרײַב געטאָן דאָס פערד.

חיים־זוסע האָט אַ ציטער געטאָן פון זײַן געשרײ און אים נאָכגעקוקט מיט אַ צעמישטער מינע אױפן פּנים. באַלד אָבער האָט דאָקטאָר זילבערשטײן װידער אָפּגעשטעלט זײַן פערד און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו חיים־זוסען. חיים־זוסע איז צו אים צוגעלאָפן.

— אַל־רײַט, איך נעם צו אײַערע „לאָטס", — האָט דאָקטאָר זילבערשטײן געזאָגט, — קומט שפּעטער צו מיר אין אָפיס, איר װעט קריגן אַ טשעק.

און ער איז אַװעקגעפאָרן.

חיים־זוסע האָט זיך צוריקגעקערט צו אָרען און יאַכנעטשיקן מיט אַ שטראַלנדן פּנים.

— פאָרט אים פאַרקױפט, פאָרט, — האָט ער געזאָגט, — בײזערט זיך, אָבער ער האָט באַצאָלט, אָבער...

— מיט די חולאים איז ער אױך אַזױ, — האָט זיך יאַכנעטשיק אָנגערופן, — שרײַט אױף זײ װי אַ משוגענער, אָבער אַ גוטער דאָקטאָר איז ער, װאָס אמת איז אמת...

— יעדער גוטער דאָקטאָר איז אַ משוגענער, — האָט אָרע באַמערקט.

— הקיצור, װאָס בלײַבט? — האָט דערנאָך זיך אָנגערופן יאַכנעטשיק. — װילט איר זײַן אַ פאַרטנער צום „פאַרסעל", ר' אָרע? אַנישט װעלן מיר אַרײַננעמען סעמקען.

אָרע האָט אַ װײַלע געשװיגן. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— מילא, איר שטעלט דאָך אױך אײַן. גוט...

דעם אייגענעם אויפדערנאַכט, ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער דערציילט זיין מאַמען, אַז ער האָט אָפּגעקויפט מיט שותּפים אַ פאַרם ביי אַ באַקאַנטן גוי און מען באָט זיי שוין צען טויזנט דאָלער פאַרדינסט. ער האָט געוואָלט פאַרקויפן, אָבער די שותּפים זיינען ווילן דווקא צוואַנציק טויזנט דאָלער פאַרדינסט. ביי דער אַלטער פרוי האָט זיך אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט, ווען זי האָט דערהערט, וויפל פאַרדינסט מען באָט אים.

— פאַרקויף, מיין זון, פאַרקויף, — האָט זי קוים אַרויסגעשטאַמלט, — מען קאָן נאָך חרטה האָבן. דאַנק גאָט דערפאַר... אַי! אַי! — האָט זי געמורמלט, — מען זאָל נאָר נישט חרטה האָבן... ס'טייטש, אַזויפיל געלד. אַי! אַי! אַי!... מיין מוח קאָן דאָס גאָרנישט פאַרנעמען!...

און אין אַ וואָך שפּעטער איז ער איינמאָל געקומען אַהיים און האָט קוים געקאָנט רעדן פאַר אויפרעגונג. זיי האָבן פאַרקויפט זייער „פאַרסעל״ צו אַ ריעל־עסטייט־קאָמפּאַניע מיט אַ פאַרדינסט נישט פון צוואַנציק טויזנט, נאָר פון דרייסיק...

יענעם פאַרנאַכט האָט ער געלאָזט רופן צו זיך אַ שניידער און באַשטעלט ביי אים אַ גוטן אָנצוג פאַר זיך, דעם ערשטן גוטן אָנצוג כּמעט אין זיין גאַנצן לעבן. און זיין מאַמען און עטלען האָט ער אויך געלט געגעבן אויף נייע קליידער. און צו רייטשלען איז ער דאַן צוגעגאַנגען, וועלכע איז נאָך אַלץ צו זיך נישט געקומען, און איז די גאַנצע צייט געזעסן ביי זיך אינם צימער שטיל, ווי אַ טויב, גאָר נישט ווי רייטשל, — איז ער דאַן צו איר צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— רייטשל, טאָמער ביזטו נישט געזונט, גיי נישט אַרבעטן, רו זיך אויס. איך וועל דיר נישט רעכענען קיין געלט.

זי האָט אים נאָר געענטפערט:

— אַך, לאָזט מיך צורו!... — האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון אים און זיך שטיל צעוויינט...

12

די איבערקערעניש ביי אָרעמע אין הויז

צוויי חדשים זענען אַוועק, אין אָרעם לעבן, ווי אין דעם לעבן פון זיין הויזגעזינט איז פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש, ווי דורך אַ כּישוף.

עטל האָט פּלוצים געקריגן אַ „פּריצישן יצר־הרע'', ווי פּיניע האָט זיך אויסגעדריקט. זי האָט געשלאָפן שפּעט, געניית זיך יעדע וואָך אַ ניי קלייד, איז כּמעט יעדן טאָג געפאָרן אין קוני איילאַנד זיך באָדן, האָט גערעדט וועגן אַריינציען אין אַ נייע, שיינע וווינונג, אַריינגענומען אַ פּיאַנאָ אין הויז און האָט געצימבלט אַליין, אי מיט אַ פּיאַנאָ־לערערין. מיט אירע פריערדיקע אָרעמע פריינדינס, מיט וועלכע זי האָט אינם שאַפּ געאַרבעט, האָט זי זיך איצט מער נישט געוואָלט טרעפן. עס איז איר נישט אָנגעשטאַנען צו חברן זיך מיט זיי. זי האָט זאָגאַר אויסגעמיטן די גאַס, ווו דער שאַפּ איז געשטאַנען, ווייל עס האָט זיך איר גערוכט, אַז ווי נאָר זי וועט זיך דאָרט באַווייזן, אַזוי גלייך וועלן אַלע אירע באַקאַנטע אַרבעטער און אַרבעטערינס אַרויסלויפן פונם שאַפּ מיט אַ געשריי: „העללאָו, עטל!'' זי האָט אויך איצט אויסגעמיטן די יונגעלייט, מיט וועלכע זי פלעגט פריער גערן אַמאָל אַרויסגיין, אַפילו אַזוינע, וואָס זענען איר פריער שטאַרק געפעלן געווען, ווייל זיי אַלע זענען געווען אָרעמע אַרבעטער און נישט וועגן אַזוינע האָט זי איצט געחלומט... זי האָט געוווסט, אַז איר טאַטע וועט איר איצט קאָנען געבן אַ סך נדן. רייטשל אַליין איז פאַרבליבן פון אַלע אירע פריערדיקע פריינדינס, מיט וועמען זי האָט איצט אַמאָל גערעדט, מיט וועמען זי האָט זיך איצט אַמאָל מיישב געווען וועגן אַ ניי קלייד, הוט און נאָך אַזעלכע זאַכן. זי, רייטשל, האָט שוין איצט נישט געוווינט ביי זיי. נאָך מיט אַ מאָנאַט צוריק, באַלד ווי זי האָט זיך באַרואיקט, האָט זי זיך אַרויסגעצויגן צוריק צו איר שוועסטער. ערשטענס, ווייל זי האָט איינגעזען, אַז זי איז

איצט אַן איבעריקע אין דעם פּלוצים רייך־געוואָרענעם הויז און אויב זי וועט אַליין זיך נישט אַרויסציען, וועט מען איר הייסן זיך אַרויסציען; און, צווייטנס, ווייל די לעצטע צייט האָט זיך סעמקע ווידער גענומען ווייזן ביי אָרען אין הויז, און ווי ליב זי האָט אים נישט געהאַט, איצט, נאָך יענער נאַכט, אפשר נאָכמער ווי פריער, ווייל גאַנץ אָפּט האָט די דערינערונג אָן יענער נאַכט איר בלוט אָנגעצונדן און איר מוח פאַרשיכּורט, — האָט זי דאָך ביי זיך אָפּגעמאַכט, אויסצומיידן אים, אַנטלויפן פון אים. אָבער אַזוי גיך, ווי זי האָט אַריינגעצויגן צו איר שוועסטער, האָט זי אָנגעהויבן צו בענקען נאָך אָרעם הויז און גענומען גיין אַהין. זי האָט זיך געזוכט איינצורעדן, אַז דאָס ציט זי אַזוי אַהין דאָס בענקעניש נאָך עטלען; אין דער אמתן אָבער, האָט זי אַהין געצויגן אַ געהיימער, פאַרבאָרגענער ווונטש, וואָס האָט זיך געצאַפּלט טיף אין אַ ווינקעלע פון איר נשמה, אים דאָרט צו טרעפן, סעמקען, אים צו זען, זיין קול צו הערן; און יעדעס מאָל, ווען זי איז פון דאָרט אַוועק און אים נישט געזען, האָט זי געפילט אַזאַ בענקעניש, אַזאַ אומעט... צוליב עטלען אַליין וואָלט זי אַהין איצט גיכער נישט געגאַנגען. זינט זי איז געוואָרן אַן אַנדער עטל, זינט איר טאַטע איז רייך געוואָרן און זינט זי, עטל, האָט אָנגעהויבן אַרויסצווייזן איר גדלות, האָט רייטשל זי פיינט באַקומען. זי האָט עטלען מקנא געווען די שיינע קליידער, דעם רייכן טאַטן, די שיינע טרוימען, וועלכע זי האָט זיך איצט געקאָנט פאַרגינען. זי האָט אינסטינקטיוו גענומען פילן ווי אַן אָפּגרונט האָט זיך פּלוצים צווישן זיי געעפנט, וואָס איז מיט יעדן טאָג אַלץ ברייטער און טיפער געוואָרן, וועלכער האָט זיי מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער דערווייטערט איינע פון דער אַנדערער — דאָס אָרעמע שאַפּ־מיידל פון דעם רייכן מיידל... דאָס האָט זי געגריזשעט. דאָס האָט זי אָנגעפילט מיט קנאה און פאַרבאָרגענער פיינטשאַפט צו עטלען. זי האָט אָבער די דאָזיקע פיינטשאַפט עטלען אָפן נישט אַרויסגעוויזן. פאַרקערט, וואָס מער די קנאה האָט איר האַרץ גע־גריזשעט, אַלץ פריינטלעכער האָבן אירע ליפּן געשמייכלט צו עטלען, אַלץ מער פרייד האָט זי אויסגעדריקט מיט עטלס נייע קליידער און אַלץ מער אויפמערקזאַמקייט האָט זי בּלומרשט

אַרויסגעוויזן אַלצדינג, וואָס יענע האָט גערעדט און געטאָן. נאָר פון צייט צו צייט האָט זי נישט אויסגעהאַלטן און אירע אמתע געפילן יענער אַרויסגעוויזן, אַמאָל מיט אַ שטעכווערטל, אַמאָל מיט אַ בייזן קוק פון אירע פייערדיקע אויגן און אַמאָל מיט אַ שמייכל פון גאַל. זי האָט זיך דאָן אָבער גלייך פאַרכאַפּט און דאָס געזוכט צו פאַרגלעטן מיט אַ חניפהלע, מיט אַ קוש... אַ סך מאָל האָט זי פאַרלאָזן עטלען מיט דעם געדאַנק, נישט צו גיין מער צו איר. עס זענען אָבער אַוועק אַ פּאָר טעג, סעמקעס געשטאַלט פלעגט אַ שוועבן פאַר איר, יענע נאַכט פלעגט אויפלעבן פאַר איר, און דאָן איז זי ווידער געגאַנגען צו עטלען און ווידער האָט זי זיך געזוכט איינצורעדן, אַז זי בענקט נאָך עטלען, אַז זי האָט זי באמת ליב, נאָר קאָן אַמאָל נישט פאַרטראָגן די פליגן, וואָס יענע האָט אין דער נאָז געקריגן...

זי האָט זיך אַזוי עפּעס ווי באַמיט, נישט צו פילן יענעם געהיימען, פאַרבאָרגענעם ווונטש אין איר נשמה, צו טרעפן דאָרט סעמקען, צו זען אים כאָטש פונוויטן. און פאַר דעם אומעט און די שווערקייט, וואָס זי האָט געפילט, בעת זי האָט אים דאָרט נישט געטראָפן, האָט זי איינגאַנצן באַשולדיקט עטלס „פליגן אין נאָז". נאָר אַ פּאָר מאָל האָט זי אים דאָרט געזען: איינמאָל, בעת זי איז געזעסן מיט עטלען אויפן גאַנעק, איז ער דאָן צוגעפאָרן אויף אַ וועגל צום הויז — ער איז שוין צופוס מער נישט געגאַנגען, האָט געהאַט זיין אייגן שיין וועגל און פערד — דאָן האָט דאָס בלוט איר אין פּנים אַ זעץ געטאָן, זי האָט זיך אָנגעצונדן פּלאָמפּייער און דעם קאָפּ פון אים אַוועקגעדרייט. ער האָט זי דערזען, איז ער ווי צעמישט געוואָרן, און פונם וועגל נישט אַרונטערגעקראָכן, האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד און איז שנעל אַוועקגעפאָרן. און אַ צווייטן מאָל האָט זי אים באַגעגנט, ווען ער איז אַרוים פון אָרעם הויז. זיי האָבן זיך דאָן געטראָפן פּנים צו פּנים און ביידע זענען דאָן אויף אַ רגע שטיין געבליבן ווי איינגעגראָבענע, און ביידע האָבן זיך דאָן אַ כאַפּ געטאָן צוריק ווי פון איין שטויס געטראָפן, און ער איז אַרונטערגעלאָפן פונם גאַנעק, און זי האָט נאָך אַ היפּשע

צייט נישט געקאָנט קומען צו זיך. קענטיק געווען, אַז ער האָט זי אויך אויסגעמיטן.

די אַלטע פרומע האָט שוין אויך אַזוי שווער נישט געאַר־בעט. צו דער שטוב־אַרבעט האָט מען אַריינגענומען אַ פּוילישע שיקסע פאַר צוועלף דאָלער אַ חודש. די אַלטע האָט נאָר געקאָכט און אכטונג געגעבן, אַז די שיקסע זאָל עפּעס נישט טריף מאַכן און אַז עס זאָל צופיל נישט אַוועק אין גיוועץ. די זאַקן האָט זי נאָך אַלץ, ווי פריער, געצירעוועט אויף אַ גלאָז און די אַלטע העמ־דער געלאַטעט, נאָר די שווערע אַרבעט אין הויז, ווי שייערן, וואַשן און סקראָבען, האָט זי מער נישט געטאָן. זי האָט איצט געקריגן גענוג געלט אויף דער הוצאה, האָט זי פונדעסטוועגן גע־קאַרגט און געשפּאָרט, וויפל זי האָט נאָר געקאָנט. אמת, זי האָט יעדן טאָג געקאָכט שבתדיקע מאכלים און דאַן האָט זי ביים טיש זיך געווענדט צו אָרעמע און עטלען מיט אַ שטראַלנדיקן פּנים: „עסט, קינדערלעך, עסט, האָט הנאה, איר האָט גענוג געהונגערט אויף אייער לעבן. דאַנקען גאָט, ביי אונז עסט מען היינט ווי ביי אַלע גבירים!" — נאָר ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען איינקויפן עסנוואַרג פאַרן הויז, האָט זי איצט אויך געדונגען זיך ווי פריער מיט דעם קרעמער, און אָפּדינגען אַ פּעני איז ביי איר איצט אויך געווען אַ קרן... דערפאַר אָבער האָט זי איצט מיט אַ באַזונדערער שמחה געגעבן אַ נדבה אַן אָרעמאַן, און שוין אַ פּאָר מאָל אַוועק־געשיקט עטלעכע רובל צו אירע אַן אָרעמען ברודער אין רוסלאַנד. עס האָט איר אויך הנאה געטאָן, וואָס עטל קליידט זיך און פּוצט זיך. אַ כּלה־מויד דאַרף אויסזען שיין. בכלל, האָט זי געהאַלטן, ווען נישט עטלס מזל, וואָלט איר טאַטע אָרע געבליבן נאָך עד־היום אַן אָרעמאַן. עטלען איז אָנגעשריבן — האָט זי געטענהט— צו נעמען אַ לייטישן חתן, האָט גאָט געמאַכט דעם „בום" און איר טאַטן געהאָלפן...

און איר טאַטן האָט טאַקע גאָט געהאָלפן מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער. ער איז געבליבן אַ „ריעל־עסטייטניק", גע־וואָרן אַ שרייפל פון דער גרויסער בום־מאַשין און האָט געשאַרט געלד, פּונקט ווי די אַנדערע... וואָס פאַר אַ „פּאַרסעל" ער האָט נישט געקויפט, צי אַליין, צי מיט אַ פּאַרטנער, און וויפל ער האָט

נישט געצאָלט — איז אַלץ געווען אַ „באַרגען״, אַ מציאה. מען האָט דאָס באַלד פון אים אָפּגעקויפט, צי סאַמועלסאָן, צי דאָק־טאָר זילבערשטיין, צי יאַכנעטשיק, צי סעמקע, צי חיים־זוסע פּליוך, צי גאָר איינע פון די נייע קאָמפּאַניעס, וואָס האָבן זיך יעדן טאָג געגרינדעט, און דאָס האָט אים אַריינגעבראַכט נייע טויזנטער... קיין געלט האָט די „בומערס״ נישט געפעלט: די באַנקן האָבן גענוג געלט געהאַט און זיי, די באַנקן, הייסט עס, זענען געווען די הויפּט־קראַפט, וואָס האָט געטריבן די רעדער פון דער בום־מאַשין אַלץ האַסטיקער און ווייטער... די פּרייזן אויף לאַנד־אייגנטום האָבן זיך געהויבן און געשטיגן אַלץ העכער און העכער. פּלעצער, פאַר וועלכע מען האָט געצאָלט צו פינף הונדערט דאָלער, האָט מען אין אַ טאָג שפּעטער פאַרקויפט צו טויזנט און אין אַ וואָך שפּעטער — צו צוויי טויזנט דאָלער...

די נייע טויזנטער האָבן שוין נישט געמאַכט אַזאַ איינדרוק אויף אָרען, ווי די ערשטע. אמת, ער האָט זיך געפרייט מיט זיי, אָבער איבעראַשט און צעטומלט ווי די ערשטע האָבן זיי שוין אים מער נישט. ער האָט זיי אַריינגעקריגן צו אָפט און צו לייכט, דאָס זיי זאָלן אים איבעראַשן. אגב, האָט ער נאָך ריכטיק גאָר־נישט אַ טראַכט געטאָן וועגן זיין נייער לאַגע, נישט אָפּגעגעבן זיך קיין קלאָרן רעכענונג אין דעם, איז אינגאַנצן אַריינגעטאָן געווען אין דעם קויפן און פאַרקויפן די „פּאַרסעלס״, און האָט זיך פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט אַרומגעפירט מיט די אַנדערע ריעל־עסטייטניקעס, ווי אַ פאַרבישופטער, אָדער נאָך ריכטיקער, ווי איינער, וואָס איז מיטגעריסן אין קאָרטן־שפּיל, אין וועלכן אים „גייט״.

נאָר אַמאָל, בעת ער האָט אויף דער גאַס אַ יידישן פּעדלער באַגעגנט, האָט ער זיך ווי פון אַ טיפן שלאָף אַ כאַפּ געטאָן. דאַן האָט ער געטראַכט: „גאָטעניו הארציקער, איז דאָס טאַקע אמת?״ און ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אייגענעם פּאַק סחורה, וואָס איז נאָך דאָרט געלעגן ביי אים אונטערן בעט, און זיין האַרץ איז איבערפילט געוואָרן מיט פרייד און דאַנקבאַרקייט צו גאָט, און זיינע אויגן זענען פאַרצויגן געוואָרן מיט טרערן. אין אַזאַ צייט האָט ער אַלעמאָל געוואָלט צוגיין צום פּעדלער,

קויפן בײ אים עפּעס און באַצאָלן אים צען מאָל אַזויפיל, וויפל ער וועט בעטן. נאָר עפּעס האָט אים דאָן צוריקגעהאַלטן דאָס צו טאָן, אַ מין שעמונגס־געפיל...

מען האָט זיך איצט פאַרהאַלטן צו אים גאַנץ אַנדערש, ווי פריער — מאַנכע פון זיינע נייע באַקאַנטע מיט דרך־ארץ, און אַנ־דערע פון זיינע אַלטע באַקאַנטע, וואָס האָבן אים נישט פאַרגו־נען, מיט פאַרבאָרגענער שנאה. אין גאַס האָבן אים מענטשן געגריסט. אין זיין שול, וו ער האָט איצט אָפּט נדבות געגעבן, האָט מען אים מיט שיינע עליות מכבד געווען, הגם אָפּט האָט ער דאָרט אינסטינקטיוו געפילט שפּאָטישע בליקן הינטער זיין רוקן, און זאָגאר געהערט באַמערקונגען, פון וועלכע עס איז אים נישט אָנ־גענעם געווען. אין דער באַנק האָט מען אים כּבוד אָפּגעגעבן, און זיין איידעם פיניע, וועלכער האָט בײ אים גאַנץ אָפּט איצטער אַ גמילת־חסד געבאָפּט, האָט אים געחנפעט. קיין אויפמערקזאַמ־קייט אָבער האָט ער צו דעם אַלעם נישט געשענקט: אַ רגע האָט אים דער כּבוד אָנגענעם אַ קיצל געטאָן, אַ רגע איז אים אומאָנ־גענעם געווען פון אַ שפּאָטישן בליק, פון אַ פיינטלעכער באַמער־קונג, באַלד אָבער האָט ער אָן דעם פאַרגעסן און געטראַכט ווי־דער וועגן זיין ריעל־עסטייט. וו ער איז נישט געווען און וואָס ער האָט נישט געטאָן, בײ יעדער געלעגנהייט, צי בײ אַן אָנגע־נעמער, צי בײ אַן אומאָנגענעמער, איז שטענדיק זיין מוח איצט פול געווען מיט געדאַנקען וועגן „ריעל־עסטייט", ווי דער מוח פון אַ קאָרטן־שפּילער מיט געדאַנקען וועגן אַ גוטער קאָרט...

13

אַ דאָקטאָר אַ חתן

פרייטאָג איז ער געקומען פאַר־פרי אַהיים, ווי באַשעפטיקט ער איז נישט געווען. אַזוי האָט ער זיך געפירט, בעת ער האָט גע־פעדלט און אַזוי האָט ער זיך איצט אויך געפירט. דעם שבת האָט ער באַגעגנט, ווי ער איז געוווינט געווען אים צו באַגעגענען נאָך

אין זיין געבורטס־שטעטל. נאָר אין זיין שטעטל איז ער יעדן פרייטאָג אין באָד געגאַנגען, און דאָ נישט. קומענדיק אַהיים, האָט ער פריער, בעת ער האָט געפּעדלט, זיך באַפרייט פון אַלע וואָ־כעדיקע זאָרגן און מחשבות, צוגעגרייט זיך צום שבת מיט אַ שבתדיקן גוף און נשמה, אויסגעוואַשן זיך הענט און פּנים, די נעגל פון די פינגער זיך אַרונטערגעשניטן, איבערגעטאָן זיך אינגאַנצן און „שיר־השירים" מיט אַ ניגון געלייענט. און אַזוי האָט ער דערפילט אין זיך און אַרום זיך דעם שבת־קודש. היינט אָבער, זינט ער איז געוואָרן אַ „ריעל־עסטייטניק", הגם ער האָט זיך צוגעגרייט צום שבת פּונקט ווי פריער, האָט ער זיין מוח נישט געקאָנט באַפרייען פון די וואָכעדיקע מחשבות, און דער שבת קודש, ביז ער איז צוגעקומען צו אָרעם נשמה, האָט געמוזט שפּרייזן איבער „לאָטס" און גאַנצע „פּאַרסעלס" און ערשט דאַן האָט ער דאָרט קיין רו נישט געפונען... ער האָט זיך איינגעוואַשן און געטראַכט: „אפשר האָט מען געדאַרפט צונעמען דעם „פּאַרסעל"? „וווהין איז יאַכנעטשיק געלאָפן?" „וואָס האָט זיך סעמקע מיט חיים־זוסע פליוך געסודעט?" ער האָט זיך געשניטן די נעגל און געטראַכט וועגן דעם. האָט זיך איבערגעטאָן און גע־טראַכט וועגן דעם. האָט געלייענט דעם „שיר־השירים" און גע־טראַכט וועגן דעם. געטרונקען דערנאָך טיי און געטראַכט וועגן דעם. האָט זיך געזעצט אויפן גאַנעק און געטראַכט וועגן דעם.

מאַנכעס מאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן: ס'טייטש, אַז ער איז אָן אביון געווען, האָט ער זיך צום שבת קודש יאָ צוגעגרייט, די וואָכעדיקע דאגות און זאָרגן פאַרגעסן, און היינט, אַז גאָט האָט אויף אים רחמנות געהאַט... וואָס טוט זיך דאָס מיט אים?— האָט ער דאַן געטראַכט מיט ווייטאָק און אַ ווילע זיך באַמיט אַרויסצורופן אין זיך די פריערדיקע שטימונג פון רו און הייליַ־קייט... אָבער טאַקע נאָר אַ ווילע. באַלד האָט ער אָן דעם פאַר־געסן און ווידער האָט זיין מוח געאַרבעט: „לאָטס", „פּאַרסעלס", סעמקע, יאַכנעטשיק, חיים־זוסע פליוך, סאַמועלסאָן, דאָקטאָר זיל־בערשטיין, און פאַר זיינע אויגן האָבן זיך געצויגן שטרעקעס לאַנד, ווו טאָלן וועלן פאַרשאָטן, בערגלעך אַרונטערגעגראָבן און וועלדלעך אויסגעהאַקט, ווו נייע גאַסן, פריש באַדעקט מיט אַס־

פאַלט, טריקענען זיך אונטער דער זון און ווי נייאינקע ליכטיקע הייזלעך ווערן מיט לעבן אָנגעפילט...

ווען דעם נאָר האָט ער איצט געטראַכט, דאָס נאָר האָט ער איצט פאַר זיך שטענדיק געזען... בלויז צייטנווייז, אַז ער האָט גע־מוראָפן רייטשלען ביי אים אין הויז, האָט ער עפּעס מיט אַ מין שווערער בענקעניש אַ טראַכט געטאָן: „עט, וואָס איז די פּעולה, נאָך געלט, נאָך געלט, אַז מ׳לעבט נישט!" און אַמאָל: „אַי, ווען איך וואָלט געווען יינגער מיט אַ יאָר צוואַנציק!"...

דאָס אָבער האָט ער געפילט און געטראַכט נאָר צייטנווייז... מער מאָל האָט ער זי גאָרנישט באַמערקט, ווי ער האָט נישט באַ־מערקט זיין ליבסטע טאָכטער עטלען. געוויינלעך האָט ער איצט געלעבט, ווי שוין געזאָגט, כּסדר ווי אין אַ חלום, ווי אַ פאַר־בּישופטער...

איינמאָל, דאָס איז געווען אַ פרייטאָג אינמיטן אויגוסט, — איז ער געזעסן אויפן גאַנעק אַ פּאָר שעה פאַר ליכט־בּענטשן און האָט געקוקט מיט פאַרחלומטע אויגן אויף די מענטשן, וואָס האָבן דאָרט אָנטקעגן געגראָבן, אויף די שווערע פורן מיט ציגל, וואָס זענען פאַרבייגעפאָרן, און אויף די ווענט, וועלכע מען האָט מיט ערד אָנגעלאָדן אַרום דעם פּלאַץ, וווּ מען האָט געגראָבן. דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער. ער איז געזעסן אָן אַ ראָק, מיט אַ צעשפּיליעטער וועסט, אין אַ יאַרמולקע, האָט זיך פון צייט צו צייט אָפּגעווישט דעם שוויים פונם שטערן און פונם נאַקן מיטן אַרבּל פון העמד און שווער געסאָפּעט. יעדע ווײַלע האָט אים אין אויער אַ זשומע געטאָן אַ מאָסקיטאָ מיט איר שטאָלענעם זשו־זשען און אים אַ בּיס געטאָן. דאָס אָבער האָט אים נישט גע־אַרט. ער איז שוין צוגעוווינט געווען צו דעם זשוזשען און בּייסן פון די מאָסקיטאָס, ווי יעדער אַלטער תּושב פון בּראַנזוויל. אין דער הייסער, שטיקנדער לופט האָט געשמעקט מיט וואַרעמען ליים און וואַרעמער פאַנאַנדערגעגראָבענער ערד.

אָרע האָט געטראַכט: אפשר איז דאָס געווען אַ נאַרישקייט פון אים, וואָס ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין שותּף צו די־דאָזיקע הייזער, וואָס מען האָט זיך איצט געשטעלט בּויען. סעמ־קע און יאַכנעטשיק האָבן דאָס אים פאָרגעלייגט. עס קאָן זיין,

אַז זיי וועלן אין די הייזער פאַרדינען געלט. אַ סך האָבן זיך איצט גענומען צום בויען נייע הייזער... וואָס הערט זיך דאָרטן?...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ קוק געטאָן אין דער ריכ־טונג פונם וועלדל. קיין סימן פון טונקעלן וועלדל איז שוין מער נישט געווען. אַ פלאַך, ליכטיק שטיק לאַנד האָט זיך דאָרט אונטער דער זון געפּרעגלט און פורן זענען דאָרט לאַנגזאַם געפאָרן הין און צוריק, און מענטשן מיט העק און גראָב־אייזנס האָבן זיך באַ־וועגט.

„אַ געוואַלט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — ווי שנעל דאָס ווערט אַלץ געמאַכט אין אַמעריקע. ערשט מיט אַ חודש צוריק איז דאָרטן געווען אַ וועלדל און היינט איז שוין קיין סימן פון אַ ביי־מעלע דאָרטן נישט פאַרבליבן. מען וועט בויען נייע הייזער. בראַנזוויל וועט טאַקע ווערן אַ כּרך גדול״...

ער האָט דערהערט הינטער זיך שנעלע טריט. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען עטלען. זי איז נאָר־וואָס אָנגעקומען פון דער גאַס מיט אַ צעפלאַמט פּנים, אין אַ ווייס קלייד מיט אַ בוקעט רויטע בלומען, צוגעשפּיליעט צו דער טאַליע, אין אַ גרויסן הוט מיט ווייסע פעדערן און אין ווייסע שיך. די באַקן האָבן ביי איר געברענט און זי האָט אויסגעזען שטאַרק אויפגערעגט.

— פּאַפּאַ, — האָט זי אַרויסגערעדט שטיל און פאַרסאַפּעט (די לעצטע צייט האָט זי אָנגעהויבן צו רופן „פּאַפּאַ״, אָנשטאָט „טאַטע״) — ווי גייסטו אַרום? מיין גאָט, ווי שעמסטו זיך נישט?

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט תּמעוואַטע אויגן.

— אַ מענטש איז דאָ. גיי, טו אָן דיין רעקל און פאַרשפּיליע זיך, — האָט זי ווידער געזאָגט גאַנץ שטיל און אירע אויגן האָבן געקוקט צעמישט.

— האַ? ווער? — האָט ער אַרויסגערעדט, אומגעקוקט זיך, און פּלוצים דערזען אונטן פאַר זיך אַ הויכן יונגנמאַן מיט אַ קליין, בלאָנד בערדעלע און אין ברילן. דער יונגערמאַן האָט אַרונטער־גענומען דעם שטרויענעם הוט און זיך אַ נויג געטאָן.

אָרען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט דעמדאָזיקן יונגנ־מאַן שוין אַמאָל ערגעץ־ווו געזען. ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו עטלען:

— ווער איז ער? עפּעס אַ באַקאַנטער...

— דאָס איז דאָקטאָר הודקין, — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט שטאַרק נערוועז, — גיי, טו אָן דיין רעקל, איך בעט דיך...

— אַ דאָקטאָר? וואָס טוט ער עפּעס דאָ?...

— איי, גיי, פרעג נישט! — האָט זי זיך שיער צעוויינט.— גיי, טו אָן דאָס רעקל און פאַרקעם אַביסל די באָרד, האָב רחמנות... ער איז געקומען מיט דיר עפּעס רעדן...

— מיט מיר? עפּעס וועגן אַ „פּאַרסעל״?...

— ער וועט דיר שוין זאָגן... גיי, האָב רחמנות...

— איך גיי. רוף אים אַרויף אויפן גאַנעק. וואָס לאָזטו אים שטיין דאָרטן? — קומט, זעצט זיך צו! — האָט אָרע זיך געווענדט צום יונגנמאַן. — איך וועל באַלד מיט אייך רעדן.

און אָרע איז אַריין אין הויז.

באַלד איז דער יונגערמאַן געשטאַנען נעבן עטלען, האָט גע־האַלטן איר האַנט, געקוקט פאַרליבט איר אין די אויגן אַריין און געשמייכלט.

אירע באַקן האָבן נאָך געברענט. זי האָט געשמייכלט פאַר־שעמט און געקוקט אויף אים, אַזוי ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס געפילט שולדיק...

דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַן אויפגערעגט קול, שמייכלענדיק פאַרשעמט:

— מיין פּאַפּאַ האַלט נישט פון פוצן זיך... און ער האָט זיך אויף אייך נישט געריכט אויך. ער ווייסט נאָך פון גאָרנישט.

— אפשר וועל איך אים גאָרנישט געפעלן?... ווי דענקט איר: וועל איך אים געפעלן? — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ ווייך קול און אַ גלעט געטאָן איר האַנט.

אירע באַקן האָבן זיך נאָכמער צעפלאַמט. זי האָט אַרונטער־געלאָזט די אויגן און נישט געענטפערט.

— און ווען איך זאָל אים נישט געפעלן, מאַכט אויך נישט אויס, — האָט ער גערעדט ווייטער, — אַבי איך בין געפעלן דער, וועמען איך וויל געפעלן. אַ יאָ?... נו, ענטפערט... ענטפערט, ענט־פערט, — האָט ער צוגעלייגט מיט ליבע אינם קול און אָנגענומען

זי בײַ דער שפּיציקער מאָרדעטשקע, — ענטפערט, נו, נו!... און קוקט מיר אין די אויגן!...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און שטיל געענטפערט:

— יעס, דאָקטאָר, יעס...

— וואָס „יעס"... איך בין אײַך נישט געפעלן?...

— ניין, — האָט זי אַ לאַך געטאָן.

ער האָט זיך אויך צעלאַכט:

— אײַ, אײַ, שוין, אַזוי שנעל?... איר האָט דאָך ערשט מיט אַ האַלבער שעה צוריק... אײַ די פאַלשע קושן פון די פרויען!...

פּלוצים האָט איר פּנים אָנגענומען אַ קאָקעטישן אויסדרוק און זי האָט זיך אָנגערופן:

— זײַ שמעקן אײַך גאָרנישט?

און האָט דערבײַ קאָקעטיש אַ דריי געטאָן מיט איר טאַליע.

— זײַ שמעקן מיר שוין גאָר פײַן! — האָט ער געזאָגט און צוגערוקט זײַנע אויגן נאָענט צו אירע. — באַזונדערס די פאַלשע קושן פון אײַנער, וועלכע האָבן מיך הײַנט אַזוי גליקלעך געמאַכט... נאָך דידאָזיקע קושן האָב איך געבענקט די גאַנצע צײַט, זינט איך האָב זיך מיט איר באַקענט אין קוני אײַלאַנד. גלײַך ווי איך האָב זיך באַקענט מיט איר, האָב איך דערפילט, אַז זי האָט מײַן האַרץ אַוועקגערויבט, זי, זי, די קליינע, — האָט ער געריידט אַלץ שטילער און שטילער, ביז ער האָט אָנגעהויבן צו פליסטערן, און געקוקט איר אַלץ טיפער און טיפער אין די אויגן אַרײַן: — הײַנט האָב איך דידאָזיקע קושן ענדלעך באַקומען צוזאַמען מיט דעם גליקלעכן ענטפער... ווי ליב איר זענט, ווי ליב, עטל! — האָט ער געענדיקט מיט אַ פליסטערן און נעדריקט איר האַנט.

פון זײַנע ווערטער האָט איר דער קאָפּ געדרייט, דאָס האַרץ האָט אין דער ברוסט געטאַנצט און איר גאַנץ פּנים האָט מיט גליקזעליקײַט געשטראַלט.

זי האָט אים געקענט נישט לאַנג. ערשט מיט פינף וואָכן צוריק האָט זי אים צום ערשטן מאָל געטראָפן בײַם ים אין קוני אײַלאַנד מיט סעמקען. סעמקע האָט אים דאַן איר פאָרגעשטעלט. פון דעמאָלט אָן האָט ער זי געטראָפן אַלץ אָפטער און אָפטער, כמעט יעדעס מאָל, ווען זי איז געפאָרן אין קוני אײַלאַנד. ער

האָט דאָרט געהאַט זיין אָפיס און נאָך די אָפיס־שעהן איז ער אַלע מאָל געזעסן אויפן זאַמד ביים ים און האָט געקוקט, ווי מען באָדט זיך. זי האָט אים תמיד געטראָפן אויף דעם איינענעם אָרט ביים ים, דאָרט, וווּ זי האָט זיך געבאָדן. האָט ער זי דערזען, האָט ער זיך גלייך אויפגעהויבן פונם זאַמד, העפלעך אַרונטערגענומען פאַר איר דעם הוט און איז צוגעגאַנגען צו איר. די ערשטע צייט האָט זי זיך געפילט מיט אים נישט אָנגענעם. ער איז געווען אַ דאָקטאָר, האָט זי זיך נישט געטרויט מיט אים צו רעדן, ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט באַלד דערשמעקן, ווי אומגע־בילדעט זי איז. האָט זי די ערשטע צייט טאַקע אַליין וויניק גע־רעדט, מער געשוויגן און געלאָזט אים רעדן. שפּעטער אָבער האָט זי איינגעזען, אַז עס איז גאָרנישט אַזאַ קונץ צו רעדן מיט אַ דאָק־טאָר — ער האָט גערעדט מיט איר אַלץ וועגן געוויינלעכע זאַכן: וועגן וועטער, באָדן זיך, קוני איילאַנד, וועגן די שיינע און מיאוסע פרויען, וואָס האָבן זיך דאָרט געבאָדן, — און זי איז געוואָרן ביי זיך דרייסטער. אין אַ וואָך שפּעטער איז זי געגאַנגען מיט אים אין די דאָרטיקע פאַרוויילונגס־פּלעצער, האָט מיט אים באַ־זוכט דעם לונאַ־פּאַרק, איז געפאָרן מיט אים אויף שיפלעך און דערנאָך האָט ער זי באַגלייט אַהיים אויפן קאַר און זי אוועקגע־פירט ביז צו איר הויז.

קיין ערנסטן געדאַנק וועגן אים איז איר אָבער דאַן אַפילו אויפן זינען נישט אַרויף. פאַרקערט, ביי זיך אינם האַרצן האָט זי זיך אָפּט געוואונדערט, וואָס ער גייט מיט איר אַרום, אַקוראַט ווי זי וואָלט געווען זיינסגלייכן. דאָך האָט זי וועגן דעם קיינעם נישט דערציילט, אַפילו רייטשעלן, פאַר וועמען זי האָט זיך איצט ליב געהאַט צו באַרימען, אויך נישט.

אַזוי זענען אַוועק אַ דריי וואָכן. דערנאָך האָט ער צו איר אָנגעהויבן צו רעדן וועגן איר שיינקייט און קאָמפּלימענטן איר געגומען פאַראוועג. און דרייסטע געדאַנקען האָבן זי דאַן אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן: זי געפעלט אים. ער איז פאַרליבט אין איר. אַנישט, וואָס לויפט ער איר נאָך? פאַרוואָס רעדט ער אַזוי צו איר?

און דאָס האַרץ האָט זיך ביי איר גענומען צאַפּלען.

און אין דער איינענער צייט האָט זיך דאָס איר גאָרנישט

געגלויבט, און ליגנדיק ביינאַכט אויפן בעט און צוהערנדיק זיך צו דעם קלאַפּן פון איר הארצן, האָט זי אָפט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געטראַכט: „מאלע וואָס ער רעדט... ער מיינט דאָס נישט... ער קאָן דאָס נישט מיינען... אַ דאָקטאָר און איך בין נישט קיין פּרינצעסין... אָרעם אַ טאָכטער... מען טאָר זיך נישט איינרעדן".

אָבער ביסלעכווייז האָט זי אים געגומען גלויבן. ער האָט אַזוי שיין צו איר גערעדט, דאָס קיין צווייפל האָט נישט געקאָנט מער זיין, אַז ער איז אין איר פאַרליבט.

און היינט האָט ער איר דאָס דערקלערט אָפן דורך ברענענ־דיקע ווערטער...

זי איז געקומען אין קוני איילאַנד זיך באָדן און האָט אים דאָרט געטראָפן. נאָכן באָדן זיך האָט ער זי נישט איינגעלאַדן אין אַ רעסטאָראַן, ווי ער פלעגט עס פריער טאָן, נאָר האָט זי געבעטן, צו גיין צו אים אין אָפיס, ער וויל איר זאָגן עפּעס זייער וויכטיקס. פריער איז זי ביי אים נאָך קיינמאָל אין אָפיס נישט געווען. איז זי אומרואיק געוואָרן און האָט נישט געוואָלט גיין אהין. צום סוף אָבער האָט ער זי איינגערעדט און זי איז אַוועק מיט אים אהין. און דאָרט האָט ער זיך איר דערקלערט. זיינע ווערטער האָבן איר דעם מוח צעמישט און ווי אין אַ חלום האָט זי געפילט זיינע קושן און אים געקושט...

דערנאָך האָט ער זי אויפן קאַר באַגלייט, ווי יעדעס מאָל, אהיים, היינט פריער, ווייל עס איז געווען פרייטאָג און זי, עטל, האָט נישט געטאָרט פאַרשפּעטיקן דאָס ליכט־בענטשן. אויפן וועג איז אים פּלוצים איינגעפאַלן, צו האָבן טאַקע היינט אַ שמועס מיט איר טאַטן אויך. ער האָט עס איר געזאָגט. וואָס וואָלט זי נישט געגעבן אין דערדאָזיקער מינוט, ווען איר טאַטנס הויז זאָל איצט אויסזען אַביסל שענער און איר טאַטע אַליין אַביסל לייטישער!...

און דאָס ערשטע מאָל האָט זי פּלוצים דערפילט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געדאַרפט שעמען מיט איר טאַטן...

דערפאַר האָט זי זיך אַזוי אָנגעצונדן, בעת זי האָט אים גע־טראָפן אויפן גאַנעק, זיצנדיק אַזוי אָפּגעלאָזט, ווי קיין דאָקטאָר

הודקין וואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט געווען. און דערפאַר האָט זי זיך אזוי פאַרשעמט...

אָרע איז אַרויסגעקומען אין אַ העלן רעקל, נייעם שטרויענעם הוט, גלעטנדיק מיט ביידע הענט זיין משונהדיקע באָרד.

— נו, איצט קאָנען מיר רעדן, — האָט ער געזאָגט, צוגייענדיק צו זיי: — זיצט, מיסטער...

— דאָקטאָר, — האָט שטיל אים אונטערגעזאָגט עטל.

— האַ?... יאָ, יאָ, איך מיין טאַקע דאָקטאָר... — האָט זיך אָרע פאַרכאַפּט און גערעדט ווייטער, — איך וואָלט אייך, דאָקטאָר, געבעטן אין הויז אַריינגיין, איז דאָרטן אָבער היים ווי אין אַ פּעקליע, אויפן גאַנעק איז לופטיקער. זיצט, דאָקטאָר.

ער האָט צו אים אַ רוק געטאָן אַ שטול.

— טהענק יו, — האָט דאָקטאָר הודקין זיך העפלעך אָנגערופן און זיך געזעצט.

— מיר וועלן איינגיכן מופן אין אַן אַנדער הויז, — האָט עטל געזאָגט, איז צוגעגאַנגען צו דער פּאַרענצע פונם גאַנעק, האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף איר, אַרומגעכאַפּט זיך מיט אַן אָרעם אַרום אַ הילצערנעם זייל, אַרויסגעשטעלט די ווייסע שיך און עטוואָס פון די זיידענע זאָקן פון אונטער דעם ווייסן קלייד און געקוקט מיט געהיימניספולע אויגן אויף דאָקטאָר הודקינען.

— איך זוך טאַקע עפּעס אַ לייטיש הויז,—האָט אָרע אַרויסגערעדט און זיך אויך געזעצט. דאַן האָט ער אַ קוק געטאָן אויף עטלען און ברייט די אויגן געעפנט, אַקוראַט ווי ער וואָלט זי ערשט אומדערוואַרטעט דערזען, און איבער זיין פּנים האָט זיך מיטאַמאָל ווי אַ ליכטיקע זון צעגאָסן: — „ווי שיין זי איז", — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — „ווי זי האָט זיך, קיין עין־הרע, פאַפּראַוועט!"

— ווו ביזטו געווען, עטלע? — האָט ער פּלוצים געפרעגט מיט אַ ווייך קול.

— אין קוני איילאַנד, פּאַפּאַ...

— קומסט ערשט פון דאָרטן?

— יעס.

— און ווו האָסטו זיי געטראָפן? — האָט ער ווייטער גע־

פרעגט. — דעם מיסטער, איך מיין זיי, דעם דאָקטאָר?...

זי האָט א לאַך געטאָן, איז אַרונטערגעשפּרונגען פון דער פּאָרענצע, איז צוגעלאָפן צו אים, האָט זיך האַסטיק אַ וואָרף געטאָן אים אויף דער ברוסט און זיך פעסט אַריינגעדריקט אין אים. דערנאָך האָט זי אים מיט אַן אימפּעט אַ קוש געטאָן און איז אַריינגעלאָפן אין הויז, נישט זאָגנדיק אים קיין וואָרט.

אָרע איז געבליבן זיצן מיט אַ ברייטן, פאַרוואונדערטן שמייכל. דאַן האָט ער זיך צעלאַכט הויך אויפן קול:

— האָט איר שוין געזען אויף אייער לעבן אַזאַ?... אָט אַזוי, דאָקטאָר, — האָט ער דערנאָך זיך געווענדט צו הודקינען, — אַז דער טאַטע איז נישט קיין אָרעמאַן, האָבן אים די קינדער טאַקע האָלט. זי איז אַ טייער קינד, מיין עטעלע! — האָט ער צוגעלייגט און אַ גלעט געטאָן די באָרד מיט הרחבה.

— יעס, מיר איז זי אויך געפעלן, — האָט דאָקטאָר הודקין געזאָגט.

— אַלעמען געפעלט זי, אַ מיידל אַ בר־דעת... דאַנקען גאָט, דאַנקען גאָט! — האָט אָרע גערעדט, און מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן: — נו, איצט וועלן מיר רעדן ביזנעס... איר זענט דאָך מסתמא געקומען וועגן אַ „פּאַרסעל״...

— יעס,—האָט דאָקטאָר הודקין געענטפערט מיט אַ שמייכל, — איך וויל ביי אייך קריגן „אַ פּאַרסעל״, וואָס איז מיר טייערער ווי דאָס לעבן...

— ביי מיר?...

— יעס, ביי אייך, ביי אייך, — האָט דאָקטאָר הודקין זיך צעלאַכט.

— וועלכן „פּאַרסעל״ מיינט איר? אין וועלכער געגנט?...

— אין דער געגנט, דאָ...

— דאָ האָב איך נישט קיין „פּאַרסעלס״, בלום האָט דאָ אַ „פּאַרסעל״, יאַכנעטשיק, זיי בויען דאָ אַנטקעגן 50 הייזער. און דאָרטן, ווו דאָס וועלדל איז פריער געווען, זענען איצט אויך דאָ „פּאַרסעלס״. זיי געהערן צו אַ קאָמפּאַניע, פרעגט זיך נאָך ביי סאַמועלסאָנען, דעם לאָיער, אָדער ביי דאָקטאָר זילבערשטיין, זיי געהערן אויך צו דער קאָמפּאַניע...

— זייערע „פּאַרסעלס" טויגן מיר נישט. איך וויל קריגן ביי אייך דעם שענסטן „פּאַרסעל" אייערן.

— האַ? איך האָב אַ „פּאַרסעל" אויפן בולוואַר. זייער אַ שיינער „פּאַרסעל" פאַר אַ דאָקטאָר. זאָגט מיר, איך בעט אייך, — האָט אָרע פּלוצים אונטערבראָכן, — איר קומט מיר אוים עפּעס זייער באַקאַנט. ווו האָב איך אייך געזען?

— איר האָט מיך אַמאָל געזען ביי מיין קוזין סעם בּלום אין הויז, — האָט דאָקטאָר הודקין געענטפערט.

— אוי, טאַקע! — האָט זיך אָרע אַ כאַפּ געטאָן. — זיי זע־נען דאָס. איך דערמאָן זיך. בּלום האָט מיט זיי דעמאָלט גערעדט וועגן עפּעס אַ שידוך... זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן דעם שידוך נישט טאָן, סיידן מען וועט זיי געבן פינף טויזנט דאָלער נדן...

— צען טויזנט, — האָט דאָקטאָר הודקין זיך אָנגערופן.

— צען? דאַכט זיך, פינף?...

— צען, צען...

— צען, זאָגט איר? כ'ווייס, אפשר... נו, וואָס איז גע־וואָרן?....

— גאָרנישט.

— דער פּלהם צד האָט נישט געוואָלט געבן?...

— יאָ געוואָלט געבן, נאָר...

— איר האָט חרטה געהאַט?...

דאָקטאָר הודקין האָט אַ טראַכט געטאָן, דערנאָך האָט ער געענטפערט:

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: דער שידוך האָט שוין געזאָלט געשלאָסן ווערן, נאָר דאָ האָב איך זיך באַגעגנט מיט איי־נער, וועלכע איז מיר אַזוי געפעלן געוואָרן, דאָס איך האָב אינ־גאַנצן מיין רו פאַרלוירן...

— אַזוי גאָר? אַ דאָקטאָר פאַרליבט זיך אויך? — האָט אָרע זיך אָנגערופן און זיך גוטמוטיק צעלאַכט.

— אַ דאָקטאָר האָט אויך אַ האַרץ, — האָט הודקין פּלוצים געענטפערט ערנסט און מיט געפיל, — און די ליבע ווירקט אויף אים פּונקט ווי אויף יעדן מענטשן. איך זאָג אייך, מיסטער כיריג,

זינט איך האָב געטראָפן יענץ מיידל, האָב איך אינגאַנצן מיין רו פאַרלוירן.

— האָט איר גאָרנישט קיין רפואה צו דעם? איר זענט דאָך עפּעס א דאָקטאָר? — האָט אָרע זיך אָנגערופן מיט א גוטמוטיקן שמייכל.

— איין רפואה איז דאָ צו דער חתונה האָבן... קיין אַנדער רפואה איז צו דעם נישטאָ...

— אַי, אַ מיאוסע זאַך, דידאָזיקע ליבע. וויז האָט מען אמאָל פון דעם געהערט? — האָט אָרע געזאָגט.

— אמאָל האָט מען פון דעם אויך געהערט, — האָט דאָקטאָר הודקין געענטפערט, — דערמאָנט זיך נאָר, נאָך יעקב אבינו האָט זיך פאַרליבט אין רחלען און געדינט פאַר איר גאַנצע זיבן יאָר איר פאָטער לבנען...

„טאַקע, טאַקע"—האָט אָרע א טראַכט געטאָן,—„עס שטייט אזוי בפירוש אינם חומש"...

— און דוד המלך, — האָט דאָקטאָר הודקין גערעדט ווייטער, — איז צוליב דער ליבע באַגאַנגען אפילו א פאַרברעכן. ער האָט זיך פאַרליבט אין בת שבען און כּדי איר מאַן זאָל אים נישט שטערן, האָט ער אים אװעקגעשיקט אויף דער מלחמה און אים אַרויסגעשטעלט אין דער ערשטער ריי קעגן דעם פייער פונם שונא, כּדי ער זאָל דערהרגעט ווערן.

„טאַקע, טאַקע", — האָט אָרע געטראַכט, — „אזוי, דאַכט זיך, שטייט אינם פּרק, צי אינם חומש, צי אינם סידור, צי אינם תהילים"...

און ער האָט זיך געוווּנדערט, ווי אזוי דאָס איז אים אַליין ביז היינט נישט איינגעפאַלן.

„אי־אי", — האָט ער געטראַכט ווייטער, — „אזא צדיק ווי דוד המלך אַליין, — און ער זאָל אָפּטאָן אזא מעשה!"

און ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשמאָטשקעט מיט די ליפּן. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— אמת, דאָקטאָר, איר זענט גערעכט. איך פאַרשטיי נאָר נישט, ווי אזוי דוד המלך, אזא צדיק...

— ער האָט געהאַט א שטאַרקן יצר־הרע... מען דערציילט,

אז אַ סך צדיקים האָבן אַ שטאַרקן יצר־הרע געהאַט, — האָט דאָקטאָר הודקין זיך צעלאַכט.

— אַ שטאַרקן יצר־הרע? — האָט אָרע אַרויסגעמורמלט פאַרטראַכט. און פּלוצים האָט רייטשל פאַר אים אַ שוועבּ געטאָן, ווי אַזוי ער האָט זי אַמאָל געזען דורכן שליסל־לאָך, און ער האָט דערפילט די בענקעניש פון זיין אייגענעם יצר־הרע, און אַ זיפץ געטאָן:

— יאָ, יאָ, — האָט ער אַרויסגעמורמלט, געקוקט מיט פאַרטראַכטע אויגן פאַר זיך און זיך געגלעט די באָרד.

די הויז־טיר האָט זיך שטיל געעפנט און עטל האָט אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ אָן אַ הוט און אַ קוק געטאָן אין דער ריכטונג, ווו איר טאַטע מיטן יונגנמאַן זענען געזעסן.

— קומט אַהער, עטל, — האָט זי דאָקטאָר הודקין אַ רוף געטאָן.

זי איז אַרויסגעקומען, האָט געקוקט אויף איר טאַטן, אויף הודקינען און געזוכט צו לייענען אויף זייערע פּנימער.

— אָט דאָס איז דער „פאַרסעל", וועלכן איך וויל ביי אייך קריגן, מיסטער כיריג, — האָט דאָקטאָר הודקין דאַן געזאָגט.

— האַ? — האָט אָרע זיך אַ כאַפּ געטאָן ווי פונם שלאָף.

— אייער טאָכטער, אייער עטלען...

— וואָס, מיין עטלען?

— זי וויל איך ביי אייך בעטן... זי איז דאָס מיידל, וועלכע האָט ביי מיר מיין רו אָוועקגערויבט...

אָרע האָט אויף אים אויסגעגלאָצט די אויגן.

— מיר ליבן איינע די אַנדערע, — האָט הודקין גערעדט ווייטער.

— האַ? — האָט אָרע געעפנט דאָס מויל און איז געבליבן אַזוי זיצן מיט ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטע ליפּן און אויסגעגלאָצטע אויגן אויף הודקינען.

— און איצט בין איך געקומען בעטן ביי אייך, איר זאָלט נישט זיין קעגן דעם שידוך. איך ליב אייער טאָכטער און זי ליבט מיך אויך.

ביי עטלען האָט זיך דאָס פּנים ווידער אָנגעצונדן פלאַם־

פייער. זי האָט געקוקט אויף איר טאַטן און אויפגערעגט גע־שמייכלט. פּלוצים האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים און אַרויס־געשעפּטשעט:

— ענטפער אים, פּאַפּאַ. ער וויל מיט מיר אַ שידוך טאָן. פּאַפּאַ, איך ליב אים, ער ליבט מיך!...

— וואַרט, וואַרט! — האָט אָרע אַרויסגעמורמלט צעטומלט און זיך אויפגעהויבן. ער האָט גענומען דרייען זיינע צעמישטע אויגן דאָ אויף זיין טאָכטער און דאָ אויף הודקינען. דערנאָך האָט ער אַרויסגערעדט הייזעריקלעך, אַ קער טוענדיק זיך צום יונגנ־מאַן: — איר מיינט אַ שידוך?

— געוויס.

— מיט איר, מיט מיין טאָכטער?

— יעס, מיט עטלען.

— טאַקע אַ שידוך?

— אַ שידוך מיט תּנאים, מיט אַ חתונה. ווי דען?...

אָרע האָט זיך ווידער אַרונטערגעלאָזט אויף זיין פריערדיקן אָרט, גישט אַרונטערנעמענדיק די אויסגעגלאָצטע אויגן פונם יונגנמאַן. דאַן האָט ער אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן שטערן, אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך זיך געווענדט צו עטלען:

— ווי קומט ער צו דיר? ווי לאַנג קענסטו אים?

— שוין לאַנג, פּאַפּאַ. מיסטער בּלום האָט אונז באַקאַנט גע־מאַכט אין קוני אײַלאַנד.

— און ער ליבט דיך, זאָגט ער, הא?

— איך ווייס, פּאַפּאַ, אַז ער ליבט מיך.

— און ער וויל, הייסט עס, מיט דיר אַ שידוך טאָן?...

— וועגן דעם בין איך דאָך געקומען צו אייך, מיסטער כּיריג! — האָט הודקין זיך אַריינגעמישט.

„וואָס איז דאָס?“ — האָט אָרע אַ טראַכט געטאָן. פאַר אים, דעם פּשוטן יידן, דעם געוועזענעם פּעדלער, איז אַ דאָקטאָר אַן אייִדעם געווען כּמעט דאָס אייגענע, ווי פאַר יענע אַמעריקאַני־שע פאַמיליעס, וואָס יאָגן זיך נאָך טיטולן, אַן אייִדעם אַ פּרינץ.

אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן. דערנאָך האָט ער זיך ווידער גע־ווענדט צו הודקינען:

— און איר זענט אַ דאָקטאָר, האַ?

— שור.

— אַ ריכטיקער, אַ געענדיקטער, האַ?

— נו, געוויס...

— איר פאַרשרייבט רפואות און גייט צו קראַנקע, האַ?

— יעס, יעס...

— ווי דאָקטאָר זילבערשטיין, האַ?

— מען זאָגט, אַז איך בין נאָך אַ בעסערער דאָקטאָר ווי דאָקטאָר זילבערשטיין, — האָט הודקין געענטפערט.

— אַזוי? — האָט אָרע אַרויסגעמורמלט און זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין אים. מיטאַמאָל האָבן די ליפּן ביי אים אַ ציטער געטאָן. ער האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ און גענומען שווער סאָפּען. עטל איז צו אים צוגעלאָפן.

— וואָס איז דער מער, פּאַפּאַ? — האָט זי אַרויסגערעדט צעשראָקן.

ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן צו זיך, צוגעדריקט זיינע ליפּן צו איר קאָפּ, געקושט זי און געסאָפּעט.

דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צום יונגנמאַן און האָט געזאָגט שטיל, מיט טרערן אינם קול:

— דאָקטאָר, הערט־זשע מיך אויס... איך האָב זיך אויף דעם גאָרנישט געריכט... מיר האָט זיך דאָס גאָר קיינמאָל אַפילו נישט געחלומט... זאָגט מיר דעם אמת: ליבט איר זי, מיין עטעלען, צי איר זענט נאָר אויסן איר נדן? איך וועל אייך אודאי געבן נדן, וויפל מען דאַרף געבן אַ דאָקטאָר... אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן, האָט ער מיר פאַר אַ דאָקטאָר אַן איידעם אויך געהאָלפן... אָבער ליבט איר זי ווי געהעריק, מיין עטעלען?...

— איך ליב זי מער ווי זיך אַליין, מיסטער כיריג! — האָט הודקין געענטפערט. — גלויבט מיר, אַז איך ליב זי און נישט אייער נדן!...

— אוי! — האָט זיך ביי אָרען אַרויסגעריסן שיער נישט אַ יאָמער. — איך בין דאָס נישט ווערט!...

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן הודקינס האַנט, זי שטאַרק געשאָקלט, געקוקט אים אין די אויגן און אויפגערעגט געשמייכלט. דאַן האָט

ער מיטאַמאָל אַרויסגעלאָזט אַ מין קלאַנג, וואָס איז געווען אַ האַלב לאַך און אַ האַלב יאָמער, און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער הויז־טיר און זי מיט אַ געפּילדער געעפנט.

די אַלטע פרומע האָט דאַן אויסגעשטעלט די לייכטערס צום ליכט־בענטשן אויפן טיש, וואָס איז באַדעקט געווען מיט אַ שניי־ווייסן סערוועט. זי, די אַלטע, האָט אויסגעזען איצט פּאַרהאַוועט, ווי געוויינלעך פאַר ליכט־בענטשן.

אָרע איז אַריין אין שטוב, צוגעקומען צום פענסטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויפן גאַנעק, און האָט שטיל, מיט אַ געהיימ־ניספולן קול, אַ רוף געטאָן:

— מאַמע!...

— וואָס איז? — האָט זי געפרעגט, אָנקוקנדיק אים.

— קום אַהער, דו וועסט עפּעס זען! — האָט ער זי ווידער גערופן שטיל, געהיימניספול און געשמייכלט.

— איך האָב נישט קיין צייט, מיין זון...

— קום, דו וועסט האָבן נחת, מאַמע...

זי איז צוגעגאַנגען:

— וואָס איז?...

— קוק אָן דעם יונגנמאַן...

— ווער איז ער?

— ווי געפעלט ער דיר, מאַמע?

— כ׳ווייס?... און וואָס דאַרף ער מיר עפּעס געפעלן?... זע נאָר, אָרע, — האָט זי זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן, — וואָס איז דאָס? דו האָסט געזען? ער האָט זיך דאָך אַ שפּיל געטאָן מיט עטעלען?...

אָרע האָט זיך צעלאַכט:

— אַ יאָ, אַ שגיץ? אָבער ער מעג, ער מעג, מאַמע!...

— דו ביזט ביים זינען, אָרע?...

— ער מעג, ער מעג, — האָט אָרע געטענהט, — דו ווייסט, ווער ער איז, מאַמע? אַ דאָקטאָר, אַ ריכטיקער דאָקטאָר, אַ געענ־דיקטער!...

— און אַז אַ דאָקטאָר? וואָס פאַר אַ מחותּן איז ער מיט עטלען?

— שוין גאַר אַ מחותּן. אַ גרויסער מחותּן איז ער מיט איר, מאַמע. ער איז איר חתן. נו, מאַמע, נו?...

זי האָט אויסגעגלאָצט אויף אים די אויגן.

— אַ חתן? — האָט זי אַרויסגעמורמלט. — וואָס מיינסטו?...

— אַ חתן, אַ חתן, אַ ריכטיקער...

— איך פאַרשטיי נישט, אָרע, דו לאַכסט פון מיר? ווען־וואָס? פונוואַנען האָט ער זיך גענומען? ווער האָט איר גערעדט דעם שידוך?

— אַ ליבע, מאַמע!

און ער האָט איר גענומען דערציילן, ווי אַזוי עטל און יענער זענען צו אים געקומען און וואָס און ווי אַזוי יענער, דער דאָק־טאָר, האָט צו אים גערעדט, און בעת ער האָט דערציילט, האָט זיין קול געקלונגען מיט פרייד און טרערן.

— מאַמע, — האָט ער געענדיקט, — איך האָב דאָס נישט פאַרדינט ביי גאָט!...

פרומע האָט געדריקט מיט די אַקסלען און אויסגעזען אין כעס.

— וואָס הייסט, ער ליבט זי, אַ וויטאַק איז מיר? — האָט זי אַרויסגעמורמלט. — זי איז עפּעס אַ שיקסע? און ער פרייט זיך נאָך, דער נאַר! די באַקן האָט מען איר געדאַרפט צעפּאַטשן, עטלען, פאַר אַזאַ זאַך. רבונו של עולם, וואָס איז דאָס פאַר אַן אַמעריקע! אַי, די רייטשל, איינגעזונקען זאָל זי דאָרטן ווערן, ווו זי איז, זי האָט דאָס איבערגעפירט עטעלען!...

אָרע האָט זיך צעלאַכט:

— אַי, מאַמע, דו פאַרשטייסט נישט! ביי זיי איז דאָך אַ לי־בע, דו פאַרשטייסט?...

— וואָס ליבע? ווען ליבע? דו, אָרע, ווערסט מיר עפּעס אויך אַ הולטאַי!... האָט ווער אין אונזער משפחה שוין אַמאָל געוווּסט פון דעם? דאָס פּאַסט פאַר שיקסעס און צעלאָזענע מיידלעך...

— נישט אמת, מאַמע, יעקב אבינו האָט זיך אויך פאַרליבט אין רחלען און דוד המלך האָט פון דעם אויך געהאַלטן...

אויף דעם האָט שוין פרומע נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן.

זי האָט נאָר אַרויסגעלאָזט: „האַ?" — און איז אַנטשוויגן געוואָרן, דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן:

— מילא, מסתמא ווײַל גאָט אַזוי. כ'ווייס?... פאַרוואָס רופט איר אים ניט אַרײַן אין הויז?...

— איך רוף אים גלייך אַרײַן. מען האָט געדאַרפט האָבן אַ שענער הויז פאַר אַ דאָקטאָר אַ חתן, — האָט אָרע זיך אָנגערופן און זיין פּנים האָט געשטראַלט.

דערנאָך האָט ער אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פונם פענסטער און אַ רוף געטאָן:

— דאָקטאָר, זייט מוחל, קומט אַרײַן, קומט אַרײַן!...

יענער איז אַרײַנגעקומען מיט עטלען.

— דאָס איז מיין באָבע, — האָט עטל זיך אָנגערופן.

הודקין איז צוגעגאַנגען צו דער אַלטער און צו איר אויסגעשטרעקט די האַנט.

זי האָט איר האַנט אים ניט געגעבן, נאָר אַ מאַך געטאָן צו אים מיטן קאָפּ און זיך איינגעגעסן מיט די אַלטע אויגן אין אים.

— פאַרוואָס גיסטו אים ניט די האַנט, מאַמע? — האָט אָרע צעמישט אַרויסגערעדט.

זי האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן און די אויגן פון דעם יונגנמאַן ניט אַרונטערגענומען.

— זי איז אַן אַלט־פרענקישע, האַלט ניט פון די זאַכן, — האָט זיך אָרע אַ קער געטאָן צו הודקינען מיט אַ צעמישטן שמייכל.

פּלוצים האָט די אַלטע שטיל אַרויסגערעדט:

— איר זאָלט מיר מוחל זיין... איך בין אַ פּשוטע ייִדענע און עטלס באָבע... איר דאַרפט ניט קיין פאַראיבל האָבן, אויב איך רעד נאַרישקייטן. איר זעט אויס דווקא אַ גאַנץ פיינער יונגערמאַן. האָט איר אַ טאַטן, אַ מאַמע?...

— געוויס האָב איך! — האָט הודקין געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— טאַקע דאָ, זאָלט איר לעבן?

— ניין, אין רוסלאַנד, אין אָדעס.

— אַזוי, אין אָדעס?... עפּעס ייִדישע... איר פאַרשטייט... איר

זאָלט אויף מיר קיין פּאַראיבל נישט האָבן... אַמעריקע... מען ווייסט דאָ אַפּנים, ווער איז ווער?

— מיין פאָטער איז אַ פרומער ייד, אָן אַנשטענדיקער, קען גוט לערנען... איר פרעגט נאָר מיינע אַדרעסער לאַנדסלייט. פרעגט מיסטער בלומען...

— אזוי? דאַנקען גאָט! — האָט פרומע אַרויסגעמורמלט און פריילעך אַ קוק געטאָן אויף עטלען, וועלכע איז געשטאַנען אַ נער־וועזע מיט אַ מינע פון אומגעדולד אויפן פּנים.

— ער אַליין, מאַמע, איז אויך אַ למדן, — האָט אָרע זיך אָנגערופן מיט הרחבה אינם קול, — דו האָסט געדאַרפט הערן, ווי ער האָט פריער גערעדט וועגן יעקב אבינו און דוד המלך. קענטיק, אַז ער האַלט אויך אַמאָל אַ ספר...

— נו, געלויבט איז גאָט! — האָט די אַלטע געזאָגט, איז צו־געגאַנגען צו עטעלען, האָט זי צוגעדריקט צו זיך, געקושט זי און זיך צעכליפּעט:

— נו, עטעלע, דאַנקען גאָט... איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט קריגן אַ לייטישן חתן...

שפּעטער אַ ווײַלע, ווען הודקין האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין, האָט אָרע זיך אָנגערופן צו אים:

— וואָס איילט איר זיך, דאָקטאָר? זיצט נאָך אַ ווײַלע. פאַר־ברענגט גאָר ביי אונז איבער שבת.

— איך קאָן נישט. איך מוז זיין אין אָפיס. אַ דאָקטאָר, ווייסט איר. מיר וועלן זיך אָבער איינגיכן ווידער זען. גוד־באַי. איך פאַר־לאָז אייך פיל גליקלעכער, ווי איך בין צו אייך געקומען.

עטל איז אַרויס, אים באַגלייטן.

— קום נישט צו־שפּעט, עטעלע. מען וועט באַלד דאַרפן ליכט־בענטשן, — האָט איר די אַלטע פרומע נאָכגעשריגן.

אָרע האָט זיי באַגלייט אַ שטיקל וועג. דערנאָך האָט ער נאָכ־אַמאָל אַ דריק געטאָן די האַנט הודקינען און זיך צוריקגעקערט.

„אויף דעם האָב איך זיך גאָרנישט געריכט", — האָט אָרע געטראַכט און דאָס האַרץ אין זיין ברוסט האָט געטאַנצט פאַר הרחבה.

ער האָט זיך געזעצט אויפן גאַנעק. און דעם ערשטן מאָל,

זינט ער איז רייך געוואָרן, האָט ער זיך איצט פאַרטראַכט וועגן דער גרויסער ענדערונג אין זיין לעבן. אין אַזאַ קורצער צייט און ער איז גאָר אַן אַנדערער מענטש געוואָרן: רייך, און ווערט מיט יעדן טאָג רייכער... ביי מענטשן געקריגן גאָר אַן אַנדער פּנים... מען רעדט צו אים מיט דרך־ארץ. מען גיט אים אָפּ כּבוד אין סטריט, אין שול, אַפילו אין דער באַנק... און אָט וועט ער האָבן אַן איידעם אַ דאָקטאָר אויך... און ער אַליין וועט נאָך אפשר אויך... פאַרוואָס טאַקע נישט חתונה האָבן מיט עפּעס אַ לייטיש ווייבל?... און פאַרוואָס עפּעס נישט מיט אַ מיידל?—איז אים איינגעפאַלן.— פאַרוואָס נישט מיט אַ מיידל?... עלטערע פון אים האָבן חתונה מיט מיידלעך... און קיין זון האָט ער אויך נישט... פאַרוואָס זאָל ער טאַקע נישט האָבן קיין קדיש? יעדער ייד מוז האָבן אַ קדיש... און טאַקע אַביסעלע עולם־הזה אויך... אַזאַ צדיק, ווי דוד המלך, האָט צוליב אַביסעלע עולם־הזה געשיקט אַ מענטשן, צו דערהרגעט ווערן... ער טוט דאָך דאָס נישט חלילה... וועמען וועט עס שאַדן, אז ער וועט חתונה האָבן מיט אַ מיידל?... נו, טאַקע וועמען, האַ?...

און מיטאַמאָל האָט פאַר זיינע אויגן ווידער אַ שוועב געטאָן רייטשל...

אָט עפּעס אַזאַ מיידל... עפּעס ווי די... אָט דאָס איז אַ פּאַר־שוין!... ווען זי... ווען ער... ניין, זי וועט אים נישט וועלן... צו אַלט פאַר איר... און אפשר?... ער וואָלט זי אויף די הענט געטראָגן, אין די אויגן אַריינגעקוקט, גאָלד איר אינם האַלז געגאָסן...

דאַן איז אים איינגעפאַלן: ער וועט פּרווון צו איר שיקן אַ שדכן...

— ווייס איך! — האָט ער טאַקע באַלד מיט שרעק אַרויסגע־מורמלט און זיך אויפגעהויבן פונם אָרט. — שדים ווייסן, וואָס מיר קאָן איינפאַלן...

ער האָט זיך ווידער געזעצט.

„אָבער איך וועל חתונה האָבן מיט אַ מיידל און דווקא מיט אַ פּאַרשוין!" — האָט ער דערנאָך ווידער אַ טראַכט געטאָן, און עס איז אים דערפון געוואָרן אַזוי וואַרעם און ליכטיק אויפן האַרצן. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אימיצנס קול. ער האָט זיך

אַ כאַפּ געטאָן און דערזען נעבן גאַנעק אַ יונגנמאַן מיט אַ קערבל אין די הענט.

— קויפט עפּעס, מיסטער, ביי מיר, — האָט דער יונגערמאַן געוועדט מיט אַ הייזעריקן, מידן קול.

אָרע האָט אויף אים אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן. דער יונגערמאַן איז געווען שטאַרק פאַרשוויצט און אָנגעברענט און די ליפּן זענען ביי אים געווען פאַרטריקנט. ער האָט אויסגעזען נאָך גאָר אַ גרינער.

— קויפט עפּעס, מיסטער, ביי מיר...

אָרע האָט זיך אויפגעהויבן און אַ ווונק געטאָן צו אים, ער זאָל אַרויפגיין אויפן גאַנעק.

דער יונגערמאַן איז אַרויפגעגאַנגען און האָט אַרונטערגע־לאָזט דאָס קערבל אויף אַ שטול.

— וואָס האָט איר דאָ? — האָט אָרע שטיל געפרעגט.

דער יונגערמאַן האָט אַרונטערגענומען די סעראַטע פונם קערבל. און אָרע האָט דאָרט דערזען זיין באַקאַנטע סחורה: קנעפּ־לעך, נאָדלען, האָר־שפּילקעס און אַזוי ווייטער.

ער האָט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט אַ כאַפּ געטאָן אַ פּעקעלע האָר־שפּילקעס פונם קערבעלע, אַרויסגענומען פון אַ קעשענע אַ גאַנצן הויפן מיט זילבערנע מטבעות און אַריינגעשפּאַרט דעם יונגנמאַן אין האַנט.

דער יונגערמאַן איז געבליבן שטיין אַ צעמישטער מיט דעם געלט אין דער האַנט און געקוקט אויף אָרען מיט גרויסע אויגן.

— באַהאַלט, באַהאַלט דאָס געלט,—האָט אָרע געמורמלט,— אַ ביטערע פּרנסה, האַ? הינט באַפאַלן, שקצים, האַ? וואַרט דאָ אַ ווײַלע, איך קום גלייך אַרויס!

און ער איז האַסטיק אַריינגעלאָפן אין הויז.

דער יונגערמאַן איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען אַ צעטומלטער. דערנאָך איז ער מיטאַמאָל געקומען צו זיך, האָט זיך אַ וואָרף גע־טאָן צו זיין קערבעלע, אַ כאַפּ געטאָן עס און שוין געוואָלט אַנט־לויפן. ערשט אָרע איז פונם הויז אַרויסגעלאָפן מיט אַ פּאַק, האָט אים אַרויפגעוואָרפן דעם יונגנמאַן אויפן אַקסל מיט די ווערטער:

— דאָ איז נאָך פון אייער סחורה... גייט זיך געזונטערהייט...

פרעגט נישט און דאנקט נישט, און זאָל אייך גאָט געבן הצלחה.

און ער האָט געהאָלפן דעם צעטומלטן יונגנמאַן ארונטערצו־גיין פונם גאַנעק.

אונטן, אויפן טראָטואַר, האָט דער יונגערמאַן זיך אַ קער גע־טאָן צו אים, געוואָלט אפּנים זען, צי דער משוגענער ייד לויפט אים נישט נאָך; דאַן האָט ער זיך שטילערהייט אָנגעהויבן אַוועק־צוגנבענען פון אַרעס הויז, אומקוקנדיק זיך הינטערוויילעכץ אויף אַרען, און פּלוצים האָט ער גענומען לויפן און איז באַלד פאַר־שוונדן מיטן פּאַק אויפן אַקסל און מיטן קערבל אין דער האַנט.

אַרע האָט אים נאָכגעקוקט און זיין פּנים האָט אינגאַנצן גע־קוואָלן.

— אַן עק, אויסגעראָמט דאָס חמץ פונם הויז, — האָט ער אַרויסגעמורמלט, — דעם פּאַק צרות.

שפּעטער אַ ווײַלע האָט ער זיך ווידער אַוועקגעזעצט און אַ טראַכט געטאָן מיט פרייד:

— פאַרדינט אַ שיינע מצוה... דער יונגערמאַן וועט אויך האָבן אַ פריילעכן שבת!"

אין דער אייגענער צייט האָט פרומע די בענטש־ליכט אינם הויז אָנגעצונדן און זיי האָבן דורך דעם פענסטער אויפן גאַנעק אַרויסגעלייכט, און אַרע האָט געפילט, אַזוי ווי אין זיין נשמה וואָלטן ליכט געברענט, אַזוי וואַרעם און ליכטיק, אַזוי פריילעך און הייליק...

14

רייטשלס פאַרביטערטקייט און אַרעס זינדיקע מחשבות

אויף מאָרגן נאָכמיטאָג איז אַרע געזעסן אויפן גאַנעק און האָט געלייענט אַ יידישע צייטונג. פריער, בעת ער האָט געפּעדלט, האָבן אים די צייטונגען קיינמאָל נישט אינטערעסירט. נאָר זינט ער איז רייך געוואָרן, האָט זיך אים געוואָלט וויסן, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך. מען קומט זיך צוזאַמען מיט מענטשן, זיי רעדן

אמאָל וועגן „וועלט־פּאָליטיק״, און ער, אָרע, שטייט דערביי, בשעת יענע רעדן, און מוז זיי אָנקוקן, ווי אַ באָק... האָט ער דער־פאַר גענומען לייענען יעדן אויפדערנאָכט די יידישע צייטונג, וואָס עטל האָט געלייענט. ער האָט אָבער זעלטן־ווען געוווּסט, וואָס ער לייענט. ערשטנס, מחמת עס איז פאַר אים טאַקע צו־שווערלעך גע־ווען צו לייענען אַ צייטונג אָן נקודות, און, צווייטנס, מחמת זיין מוח איז אַלעמאָל פאַרנומען געווען מיט ענינים, וואָס האָבן אים מער אינטערעסירט, ווי די „וועלט־פּאָליטיק״.

איצט, אין דעמדאָזיקן שבת נאָכמיטאָג, האָט ער אויך גענו־מען לייענען אין דער צייטונג אַן אַרטיקל וועגן רוסלאַנד און יאַפּאַן, האָט געלייענט, ווי זיין טבע איז געווען, הויך אויפן קול, האָט זיך אינמיטן דערינען פאַרטראַכט וועגן אַ „פּאַרסעל״, פון וועלכן ער האָט היינט אין שול געהערט.

„מאָרגן, בלי נדר, מוז מען דאָס גיין אָנקוקן. דאָס דאַרף זיין אַ גוטער „פּאַרסעל״...

אין דערזעלבער צייט איז סעמקע צוגעפאָרן צום הויז מיט אַ געפּילדער און האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד. אָרע האָט אויפגע־הויבן דעם קאָפּ פון דער צייטונג.

— גוט שבת, מחותן! — האָט סעמקע פריילעך אויסגעגע־שריגן און איז געשיקט אַרונטערגעשפּרונגען פונם וועגל.

ער האָט היינט נאָך מער געשיינט, ווי געוויינלעך. זיין פּנים מיט די ווייל־יונגיש פאַרדרייטע, בלאָנדע וואָנסעס האָט אינגאַנצן געשמייכלט און געקליידעט איז ער געווען אין אַ ווייסן אַנצוג, ווייסע שיך, מיט אַ פּאַנאַמאַ־הוט אויפן קאָפּ.

אָרע האָט אוועקגעלייגט די צייטונג און זיך אויפגעהויבן פונם אָרט.

סעמקע איז פלינק אַרויפגעלאָפן אויפן גאַניק און האָט דער־לאַנגט אָרען די האַנט.

— נו, מיסטער בירינג, ווי געפעלט אייך עפּעס אייער חתן? מיר האָט איר דאָס צו פאַרדאַנקען פאַר אַזאַ חתן...

אָרע האָט געשמייכלט.

— אייך? — האָט ער זיך אָנגערופן.

— יעס. יעס, נאָר מיר. ער איז דאָך מיינער אַ קוזין, האָב איך

אים פאַרגעשטעלט פאַר אייער עטלען און אים צוגערעדט... איר פאַרשטייט? אַזאַ יונגערמאַן, ווי דאָקטאָר הודקין, איז ווערט מער ווי צען טויזנט דאָלאַר, וואָס איר וועט אים געבן...

— צען טויזנט דאָלאַר? פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך וויל אים געבן צען טויזנט דאָלאַר? — האָט אָרע זיך פאַרוווּנדערט.

סעמקע האָט פּלוצים אויפגעהערט צו שמייכלען און געמאַכט אַן ערנסטע מינע.

— האָ? — האָט ער זיך אָנגערופן,— איר ווילט דען אים געבן 15 טויזנט?... עס וועט טאַקע זיין זייער שיין פון אייך... קיין צען טעכטער האָט איר נישט און אַזאַ איידעם, ווי דאָקטאָר הודקין...

— ווייס איך, וואָס איר רעדט, מיסטער בלום — האָט אים אָרע אונטערבראָכן און צעמישט געשמייכלט — צען טויזנט... וואָס מיינט איר, איך בין עפּעס אַ ראָטשילד?

— אָ, מיסטער כּיריג, איר דאַרפט נישט זינדיקן. מיט פינף מאָנאַטן צוריק האָט זיך אייך נישט געחלומט צו האָבן אַן איידעם אַ דאָקטאָר...

— איך זינדיק נישט, חלילה. פאַרקערט, איך לויב און דאַנק גאָט פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט מיר באַוויזן — האָט ער געזאָגט. — אָבער וויפל מאָל 15 טויזנט פאַרמאָג איך איינגאַנצן?

— יאָ, וויפל? — האָט זיך סעמקע אַ כאַפּ געטאָן.

— וויפל? — האָט אָרע איבערגעפרעגט און דערנאָך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — איך ווייס נישט. דעם חשבון לאָז איך איבער גאָט צו פירן.

סעמקע האָט ווידער גענומען שמייכלען:

— נישט־קשה, מיסטער כּיריג, ביז אייער טאָכטערס חתונה וועט איר נאָך ווערן אַזוי רייך, אַז איר וועט איר קענען געבן 20 טויזנט דאָלאַר נדן. איר וועט נאָך מאַכן גענוג געלט...

אָרע האָט אַ וויילע געשוויגן און דערנאָך געזאָגט:

— דער דאָקטאָר האָט אינגאַנצן נישט אין זינען קיין נדן. ער וויל עטלען, מחמת ער האָט זיך אין איר פאַרליבט. אַזוי האָט ער מיר נעכטן אַליין געזאָגט...

סעמקע האָט זיך צעלאַכט.

— נו, אודאי וועט ער אַזוי זאָגן. ער איז דאָך אַ דאָקטאָר, ער מוז דאָך רעדן ווי אַן אײדלמאַן, — האָט ער זיך אָנגערופן — אָבער אַז ער איז אַן אײדלמאַן, דאַרף מען דאָך אַליין אויך נישט זיין קיין חזיר. נישט אמת, מיסטער כיריג? ווייל ער איז אַן אײדלמאַן, דאַרפט איר נאָך מער זיין אײדלמאַן, מיסטער כיריג!...

— איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל אים אודאי געבן נדן, ווי אַ דאָקטאָר — האָט אָרע ארויסגערעדט.

— אַ־אַ אַט אַזוי רעדט! — האָט סעמקע אונטערהגעכאַפּט. — נדן ווי אַ דאָקטאָר... אַט אַזוי האָט איר אים קלוג געענטפערט! ער וועט שוין אַליין פאַרשטיין, אַז נדן פאַר אַ דאָקטאָר מיינט נישט ווייניקער ווי אַ צען טויזנט דאָלאַר... איך האָב אים אַליין געזאָגט, אַז איך גאַראַנטיר אים פאַר אײַערע צען טויזנט דאָלאַר נדן...

אָרע האָט אים אָנגעקוקט צעמישט.

— ער האָט אײַך געזאָגט, אַז ער וויל ביי מיר צען טויזנט? — האָט ער ארויסגערעדט.

סעמקע האָט אים גלייך נישט געענטפערט און אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט. דאַן האָט ער פּלוצים געמאַכט אַ געהיימע מינע, איז צוגעגאַנגען נענטער צו אים און האָט שטיל, אַזוי ווי ער וואָלט אַ סוד אים דערציילט, ארויסגערעדט:

— מיסטער כיריג, יאַכנעטשיק וויל אים פאַר זיין טאָכטער. חיים־זוסע פליוך און אַ סך אַנדערע. זיי ווילן אים געבן 15 טויזנט נדן, זעכצן, אַכצן... אָבער אַזוי ווי ער איז פאַרליבט אין אײַער טאָכטער און איך אַליין טאָקע רעד אים אויך צו צו דעם, וועל איך ביי אים פועלן, אַז ער זאָל נעמען ביי אײַך צען טויזנט... איר וואָלט וויסן, מיסטער כיריג, ווי בראָנזוויל קאָכט מיט דעם; אומעטום רעדט מען וועגן דעם, אַז דאָקטאָר הודקין ווערט אײַער אײדעם... יאַכנעטשיקן האָט איר דאָס שוין אויך דערציילט, און חיים־זוסע פליוך אויך...

— איך האָב אין שול אַלעמען דערציילט, — האָט אָרע זיך אָנגערופן אַליין צעמישט. — איך האָב אָבער געמיינט, אַז איך וועל נישט דאַרפן געבן אַזויפיל געלט...

— וועט איר אים אָפּלאָזן, מר. כיריג, וועט אים יאַכנעטשיק צוכאַפּן, אָדער חיים־זוסע פּליוך, צי אַן אַנדערער. ווען גאָט האָט געהאָלפן, ווילט זיך יעדן האָבן אַ דאָקטאָר אַן אייִדעם. איר וועט זיך דערנאָך דאַרפן שעמען. מען וועט זאָגן, אַז דאָקטאָר הורקין האָט חרטה געקריגן. איר פאַרשטייט?... און אייער טאָכטער וועט עס אויך קאָסטן געזונט. דערפאַר איז מיין עצה, מיסטער כיריג, איר זאָלט זיך גאָרנישט דינגען. איר דאַרפט זיין צופרידן, וואָס גאָט האָט אייך געהאָלפן, אַז איר זענט אימשטאַנד צו געבן אַזויפיל נדן. ווי מען פירט זיך, מיסטער כיריג, אַזוי העלפט גאָט!...

אָרע האָט צונויפגענומען זיין גרויסע באָרד אין ביידע הענט. געקוקט אויף סעמקען צעמישט און פאַרוווּנדערט און געדריקט די אַקסלען. דערנאָך האָט ער זיך אין אַזאַ פּאָזע אַרונטערגעלאָזט אויף אַ שטול, איז אַ ווײַלע געזעסן אַזוי און האָט געשוויגן. צום סוף האָט ער אַרויסגעלאָזט די באָרד פון די הענט און אַ מאַך געטאָן צו סעמקען מיטן קאָפּ.

— וואָס? — האָט סעמקע געפרעגט.

— מילא, — האָט אָרע אַרויסגעמורמלט. — מסתמא וועט גאָט העלפן. דער דאָקטאָר וועט זיך נישט דאַרפן לאָדן מיט מיר פאַר דעם נדן... איר קענט דאָס אים זאָגן...

— אָ־אָ! — האָט זיך סעמקע אַ כאַפּ געטאָן, — אָט דאָס, וואָס איך האָב אים טאַקע געזאָגט...

און זיינע גנבישע אויגן האָבן צופרידן געשמייכלט.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי געזעסן און האָבן גערעדט וועגן דער רייע הייזער, וואָס סעמקע און זיינע פאַרטנערס האָבן אָנגע־הויבן צו בויען קעגנאיבער. אין מיטן דערינען האָט סעמקע פאַר־רויכערט אַ ציגאַר. אָרע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— וואַרפט אַוועק אייער ציגאַר, מיסטער בלום — האָט ער זיך אָנגערופן — איר פאַרגעסט, אַז ביי מיר איז שבת.

— איך רויכער דאָך, נישט איר! — האָט סעמקע זיך צעלאַכט.

— אָבער ביי מיר אויפן גאַניק...

— ווייס איך, זאָל איך דאַכטן, אַז איך בין אַ גוי...

— איי, מיסטער בלום! — האָט אָרע אַרויסגערעדט מיט פאַרדרוס — איין טאָג שבת... איר זענט דאָך פאָרט אַ ייד. גאָט

האָט איך געהאָלפן, האָט איר דאָך געדאַרפט דערפאַר ערלעך האַלטן זיין נאָמען, געדאַרפט אַביסעלע פרימער ווערן, ליטישער...

— מיסטער כיריג — האָט סעמקע געזאָגט, האַלטנדיק דעם ציגאַר אין מויל און קוקנדיק אויף אָרען מיט לעבעדיקע אויגן:— פאַר אייך איז בעסער, ווען איך בין נישט פרום. אינם גן־עדן וועט גרוימער זיין און אַזאַ פרומער ייד ווי איר וועט דאָרט מער פּלאַץ האָבן. שאַ, ווייסט איר גאָר וואָס? איך פאַרקויף אייך מיין „פאַר־סעל״ אינם גן־עדן. ביליק, קויפט!

— אי, גייט, איר זענט אַ הולטאַי! אַלץ איז ביי אייך אַ געלעכטער, — האָט אָרע מיט פאַרדרוס געזאָגט, — נישקשה, אַז מען וועט אייך דאָרט קאַטעווען, וועט איר שוין נישט לאַכן...

סעמקע האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— פאַר מיין טויט, — האָט ער געזאָגט, — וועל איך הייסן, מען זאָל מיר דיקע ברעטלעך אַרויפלייגן אויפן ריכטיקן אָרט... דאַן זאָל מען קאַטעווען...

אָרע האָט אַ שמייכל געטאָן:

— עס וועט שוין דורכנעמען די ברעטלעך אויך, מיסטער בלום, זייט רואיק.

— איך בין שוין גאָר רואיק, מיסטער כיריג, איר זענט אָבער נישט רואיק...

— עס פאַרדריסט מיך. אַ ייד דאַרף געדענקען, אַז ער וועט אַמאָל שטאַרבן...

— יאָ, מיסטער כיריג, איר זענט גערעכט, — האָט סעמקע זיך אָנגערופן, — אַ ייד דאַרף געדענקען, אַז ער וועט אַמאָל שטאַרבן, דערפאַר מוז ער זען צו לעבן, כּל זמן ער לעבט. ווי זאָגט יענער: כּל זמן שהנשמה בקרבי, דוי, ברודער, וואַ ווסיו... הוליע, טרינק, רייס דעם פאַרגעניגן, ווו דו קענסט און האָב הנאה. אָך, מיסטער כיריג, די וועלט איז אַזוי שיין, דאָס לעבן האָט אַזוי פיל גוטע זאַכן, אַזוי פיל שיינע פרויען... איך זאָג אייך, צוליב איין קוש פון אַ שיינער, לעבעדיקער פרוי אויף דער וועלט איז כדאַי אונטערצושטעלן די טויטע ברעטלעך אונטער דעם קאַנטשיק אוי יענער וועלט, און זאָל מען דאָרט, אויף יענער וועלט, האַקן אין די

טויטע ברעטלעך אריין, וויפל זיי ווילן, אבי איצט, אויף דער וועלט, קוויקט זיך מיין לעבעדיקע נשמה...

ארע האט זיך צוגעהערט צו אים, געשאקלט מיטן קאפ און געקוקט אויף אים האלב פארוואונדערט און האלב מיט א פארוואורף. דערנאך האט ער זיך אנגערופן:

— אי, האט איר א צינגעלע, פארשמאליעט זאלט איר ווערן! עס איז דאך גאר א סכנה, אייך צו הערן. איר האט דאך אבער א ווייב, יונגאטש!...

— נו, אז מען עסט אין דער היים, טאר מען דערפאר נישט עסן אין א רעסטאראן? — האט סעמקע געענטפערט מיט א פראגע און זיך צעלאכט.

ארע האט צוערשט נישט פארשטאנען זיין וויץ. באלד אבער האט ער זיך א כאפ געטאן און זיך אזוי צעלאכט, דאס ער האט זיך שיער נישט ארונטערגערוקט פונם שטול, לאכנדיק.

— אוי, א ממזר... אוי, א יונגאטש! — האט ער זיך געקא־טשעט, — כא־כא־כא! פארברענט זאל ער ווערן! כא־כא־כא! פארשמאליעט זאל ער ווערן! א צינגעלע! כא־כא־כא!... ווארט, איך מוז דאס דערציילן אייער ווייב!...

— מיין ווייב איז נישטא, דערפאר בין איך דאך היינט אזוי פריילעך. איך האב זי נעכטן אוועקגעפעקלט אין קאנטרי. זי וועט זיך דארט א פיר וואכן פיטערן אויף פרישער לופט און טשיקענס און איך וועל דא אויך נישט פאסטן קיין תעניתים... מיסטער בירינג, קומט גאר היינט ביינאכט מיט מיר צו א „סמוקער?״

— וואס איז דאס? — האט ארע געפרעגט.

— דאס איז שוין די ריכטיקע זאך, — האט סעמקע געענט־פערט, — פארלאזט זיך אויף מיר. מיידלעך וועלן דארט טאנצן. האט איר שוין אמאל געזען א הוטשי־קוטשי טאנץ?...

— הוטשי־קוטשי? וואס נאך? אי גייט שוין מיט אייערע שפאסן! — האט ארע זיך אנגערופן.

— איר גלויבט נישט? — האט זיך סעמקע א כאפ געטאן, — זאל איך שטארבן, זאלט איר אזוי לעבן מיט מיר צוזאמען, ווי איך מיין דאס ערנסט. דא אין א האלל וועט עס זיין: מיידלעך, וואלט איר זען... איין מיידל וועגט אודאי א הונדערט און אכציק

פונט. ווערט צו מאכן איבער איר א „שהחינו“. איך האב זי שוין איינמאל געזען אין קוני איילאנד. א, טאנצט זי! ווארפט די פיס פון דער פאטילניצע צו דער נאז, קומט, פינף דאלאר א טיקעט. יאכנעטשיק גייט אויך מיט מיר...

ארע האט זיך געווערט קעגן אים מיט בײדע הענט און אומ־גערולדיק געקרימט דעם פנים.

— נעננוג, — האט ער געערעדט, — אי שווייגט, איך וויל דאס גארנישט הערן. יאכנעטשיק וועט גאר גיין אהין; איר אפשר יא, אבער נישט יאכנעטשיק...

— זאלט איר אזוי לעבן — האט זיך סעמקע א כאפ געטאן מיט היץ — ווי יאכנעטשיק גייט!...

— וואס שווערט איר זיך מיט מיר? שווערט זיך מיט אייך! איך גלויב אייך נישט.

— וואס איז? איר מיינט אפשר, אז יאכנעטשיק איז א צדיק — האט זיך סעמקע צעלאכט — נעווער מיינד, זייט ער האט געקריגן די קליינגערס, זוכט ער אויך עולם הזה... מיר דאכט זיך גאר, אז ער וועט זיך נאך אמאל גטן מיט זיין אלטער אשת חיל און וועט חתונה האבן מיט דער שווארצער דיינסט, וואס איז ביי זיי יעצט אין הויז...

— אי, רעדט נישט קיין לשון הרע, איך גלויב אייך נישט — האט ארע אים אונטערבראכן מיט היץ.

— גלויבט נישט. נו, ווען איך וועל אייך זאגן, אז אפילו חיים־זוסע פליוך...

— איך וויל נישט הערן קיין לשון הרע. איך גלויב אייך נישט, — האט ארע אים ווידער אונטערבראכן.

— איר גלויבט נישט, הא? — איז סעמקע פלוצים געווארן אין כעס און זיך אנגערופן מיט א העכערן טאן, — סעי, מיסטער כיריג, מאכט זיך אויך נישט פאר אזא צדיק. איך קען אייך עפעס דערציילן וועגן מיסטער ארע כיריג אויך... סעי, מיר דאכט זיך, אז איר האט אמאל אויך ארייגעקוקט אין א שליסל־לאך... העי?

ארע האט זיך אזש א צאפל געטאן.

— הא? — האט ער ארויסגעמורמלט און א קוק געטאן צע־מישט אויף סעמקען.

— נו, זענט איר אַ צדיק, האַ?

— דאָס איז כּזב ושקר, — האָט זיך אָרע מיט אימפּעט אַ כאַפּ געטאָן, — איך בין נישט קיין הולטאַי.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פונם אָרט און צוגעלייגט מיט גע־בעט אינם קול:

— איך בעט אייך, רעדט נישט מער וועגן אַזוינע זאַכן. איך וויל דאָס נישט הערן! — האָט ער פּלוצים אויסגעשריגן ווי מיט פאַרצווייפלונג, — איך בין אַ ייד אָן אַ ווייב און איך וויל נישט האָבן גאָר די מחשבות אינם קאָפּ!

סעמקע האָט זיך צעלאַכט הויך אויפן קול:

— האַ, אַזוי? — האָט ער אויסגעשריגן, — עס קיצלט אייך, ר' ייד, און איר האָט מורא דערפאַר? אָט אַזוי, רעדט קלאָרע דיבורים! קומט היינט מיט מיר, איר דאַרפט נישט מורא האָבן. איר וועט דאָרט זען מיידן, ווי זיי טאַנצן!

אָרע האָט אַ מאַך געטאָן צו אים, ווי פאַרצווייפלט, מיט ביידע הענט און איז אָפּגעטראָטן פון אים. פאַר זיינע אויגן האָט איצט ווידער געשוועבט די שיינע רייטשל...

סעמקע האָט זיך אויפגעהויבן פונם אָרט און איז אים נאָכ־געגאַנגען מיט אַ גנבהשן שמייכל אין די אויגן:

— קומט, איר האָט דאָס נאָך אויף אייער לעבן נישט געזען... הוטשו־קוטשו טענץ. איר פאַרשטייט? וואָס האָט איר מורא? אייער ווייב האָט איר דאָך אין דר'ערד אויף אַן אמת...

— טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר, שטן מקטרג, — האָט אָרע אַרויסגעמורמלט.

— איך וואָלט נאָר וועלן אַ קוק טאָן, ווי איר וועט דאָן אויס־זען! — האָט זיך סעמקע צעלאַכט.

— איר וועט גאָרנישט זען. איך בין נישט קיין הולטאַי, — האָט אָרע געמורמלט, — לאָזט מיך געמאַך און רעדט גאָרנישט צו מיר וועגן אָט די דאָזיקע אַלע הולטאַיסטוועס. איך וויל גאָר־נישט וויסן פון דעם!

— און אַז איך וועל אייך רעדן אַ שידוך? — האָט סעמקע זיך פּלוצים אָנגערופן און פון זיינע אויגן האָט געשפּריצט אַ גע־לעכטער.

— געווים וועל איך טאָן אַ שידוך, — האָט אָרע ווידער אַרויסגעמורמלט. און פּלוצים האָט ער אַ טראַכט געטאָן: „אפשר גאָר אים בעטן וועגן רייטשעלען?"

— איך האָב אַן אַלטע מומע, — האָט סעמקע ווייטער גערעדט.

— מוחל! — האָט אָרע זיך אַ כאַפּ געטאָן, — רעדט מיר נישט קיין שידוכים.

— און אַ מיידל?...

— לאָזט מיך, איך בעט אייך, צופרידן.

סעמקע האָט אים ווידער געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר אין דער זעלבער צייט איז עטל אַרויסגעקומען פונם שטוב, און ער האָט מעשה העפלעכער דזשענטעלמאַן אַרונטערגעכאַפּט דעם פּאַנאַמאַ־הוט פונם קאָפּ און זיך אַ לאָז געטאָן איר אַנטקעגן.

— האַו דו יו דו, מיס כירינג? — האָט ער געזאָגט, דריקנדיק איר די האַנט. — ווי פילט איר זיך היינט?

— אָה, טהענק יו! — האָט זי געענטפערט און איז רויט געוואָרן. —

זי האָט היינט געטראָגן אַ ראָזעווע קלייד און מיט אירע שמאָלע אַקסלען, אומאַנטוויקלטע פאָרמען און דעם פּודער אויף דעם מאָגער, קליין פּנימל, האָט זי אויסגעזען נאָך כמעט גאָר אַ קינד, וואָס האָט זיך אויסגעפּודערט.

— אָה, יו לוק פיין טו־דעי! — האָט סעמקע ווידער געזאָגט. זי איז נאָך רויטער געוואָרן און האָט מיט אַ גליקלעכן שמייכל אַרויסגערעדט:

— יעס? איר מיינט דאָס טאַקע אויף אַן אמת?

ער האָט געענטפערט מיט געפיל אינעם קול:

— אָה, מיס כירינג, איר צווייפלט אין דעם? איך בעט אייך, צווייפלט קיינמאָל נישט אין מיינע ווערטער. איך זאָג קיינמאָל נישט, וואָס איך מיין נישט. יעס, איר זענט וואונדערשיין, רייצנד, געטלעך. עס איז גאָר קיין וואונדער, וואָס מיין קוזין, דאָקטאָר הודקין, איז אַזוי פאַרליבט אין אייך!

ביי עטלען האָט דער פּנים געגלומען שטראַלן. זי האָט געפרעגט:

— פארוואס איז ער נאך נישטא? ער האט שוין געזאלט זיין.

— ער וועט מסתמא באלד קומען. איך ווארט אויך אויף אים, — האט סעמקע געענטפערט און צוגעלייגט: — אנטשולדיקט, איך וועל צוגיין זען מיינע ארבעטער.

און ער איז ארונטערגעגאנגען פונם גאניק און איז אוועק צום פלאץ קעגנאיבער, ווו מען האט געגראבן.

אַרע איז געשטאנען אויפן צווייטן עק פונם גאניק און האט אים באגלייט מיט פארטראכטע אויגן. מיטאמאל האט ער זיך אנגערופן:

— עטל, וואס טוט די באבע, זי שלאפט?

— ניין. זי לייענט דעם טייטש־חומש, — האט עטל געענטפערט.

דערנאך איז זי שנעל צוגעגאנגען צו אים און האט ארויסגערעדט:

— פאפא, פארוואס האסטו אים נישט אריינגערופן און אים מכבד געווען מיט עפעס?... כאטש מיט א גלאז טיי.

— שבת, מיין קינד, — האט ער שטיל געענטפערט, — ער רויכערט. מען טאר נישט.

זי האט אומגעדולדיק א מאך געטאן מיט דער האנט און געזאגט:

— אוי, פאפא, שוין צייט, אז דו זאלסט ווערן אויס גרינהארן. דו מוזט זיך אנהויבן צו פירן ווי אן אמעריקאנער דזשענטעלמאן. דאקטאר הודקין זאל זיך מיט דיר נישט דארפן שעמען. די ביזט שוין מער נישט קיין פעדלער, פאפא!...

ער האט זי א גלעט געטאן איבער די האר און ארויסגערעדט מיט א גוטמוטיקן שמייכל:

— עטעלע, איך וויל זיך אבער פאר גאט אויך נישט שעמען. אמת, איך בין נישט מער, דאנקען גאט, קיין פעדלער, אבער א ייד בין איך נאך, טאכטערל.

און פלוצים האט ער זיך א צאפל געטאן און איז ווי צעמישט געווארן. —

— רייטשל גייט, — האט ער געזאגט עפעס ווי מיט א פארשטיקט קול.

— ווו? — האָט זיך עטל אַ כאַפּ געטאָן, אומגעקוקט זיך און דערזעען פון ווייטן רייטשלען, וועלכע איז געגאַנגען איבערן טראָ־טואַר צום הויז צו, אין אַ נייעם ווייסן קלייד, גרויסן הוט מיט אַ סך רויטע בלומען, וואָס האָבן זיך געשאָקלט און געבויגט איבערן ראַנד פון פאַרנט. אירע טריט איבערן אַספאַלט האָבן הילכיק אָפּגעקלונגען.

— טאַקע זי — האָט עטל זיך אָנגערופן — זע נאָר, ווי זי האָט זיך דאָס אויסגעפּוצט!... די באָבע האָט זיך שוין געפרייט. זי איז אַ וואָך צייט נישט געווען, האָט די באָבע שוין געמיינט, אַז זי וועט שוין מער נישט קומען... דעם אמת געזאָגט, פּאַפּאַ, וואָלט איך אַליין איצט אויך שטאַרק נישט געבענקט נאָך רייטשלען...

— וואָס איז דער מער? האָסט זיך מיט איר צעקריגט?

— ניין, אָבער...

— וואָס?

— גאָרנישט. אָט אַזוי. זי דאַרף ווייסן איר אָרט...

— וואָס מיינסטו?

— איכל דיר זאָגן, פּאַפּאַ... מיר דאַכט זיך, אַז מיר דאַרפן נישט זיין מער קיין מחותנתטעס...

— וואָס הייסט? — האָט אָרע זיך אָנגערופן פאַרוואונדערט— דו ביזט דאָך געווען איר בעסטע חברטע?

— מאַלע וואָס איך בין געווען. איצט... זאָל זי זיך זוכן איר גלייכן און איך וועל זוכן מיין גלייכן...

— אי, אי, טאָכטערל, טאָכטערל, זינדיק נישט אַזוי! — האָט אָרע געזאָגט — אַז גאָט האָט דיין טאַטן געהאָלפן, דאַרפסטו דערפאַר גאָט דאַנקען, אָבער מענטשן דערפאַר מבייש זיין דאַרפ־סטו נישט. פאַרקערט, זיי דו מקרב רייטשלען איצט נאָך מער. זי איז אַן אָרעם מיידל. געווען אַ חברטע דיינע, דו קענסט איר אַמאָל אפשר אויסהעלפן, טאָכטערל, דו דאַרפסט נישט זיין צו אַנדערע שלעכט, ווען דיר איז, דאַנקען גאָט, גוט...

— איך בין נישט שלעכט צו איר. אָבער, פּאַפּאַ, איך פיל, אַז זי פאַרגינט מיר נישט. זאָגט מיר אַמאָל אַ שטאָך־וואָרט... און חוץ דעם, פּאַפּאַ, ווי לאַנג נאָך?...

— וואָס, ווי לאַנג נאָך? — האָט אָרע געפרעגט.

— כ'מיין, ווען איך וועל חתונה האָבן מיטן דאָקטאָר — האָט עטל געזאָגט מיט אַ שטיל קול — וועל איך דאָך מוזן... דער דאָקטאָר וועט געוויס נישט וועלן, אַז איך זאָל זיין אַ פריינדין פון אַבי וועמען...

אָרע האָט זי אַ רגע אָנגעקוקט פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ.

— איך וויל דאָס נישט, דו הערסט? — האָט ער דאַן אַרויס־געמורמלט מיט פאַרשטיקטער אויפרעגונג אינם קול — דו וועסט איר אומזיסט נישט פאַרגיסן דאָס בלוט. זי איז נישט ערגער פון דיר...

— זע נאַר, וואָס ווילסטו? — האָט עטל זיך אָנגערופן און אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט.

— נעם זי צו פאַר אַ גוטן גאַסט, דאָס וויל איך...

— נו, געוויס, אַרויסטרייבן וועל איך זי נישט, — האָט עטל געזאָגט — איך מיין נאָר...

— און זיי מיט איר אַ חברטע ווי פריער — האָט זי אָרע אונטערבראָכן.

— אָבער, פּאַפּאַ, איך פאַרשטיי נישט... דו מיינסט, אַז עס פּאַסט איצט פאַר מיר?...

זי איז שטיל געוואָרן, ווייל הינטער איר האָט זיך דערהערט רייטשלס קול:

— גוט שבת אייך!...

— גוט שבת, גוט יאָר! — האָט אָרע זיך אָנגערופן מיט אַן אויפגערעגט קול — אַן אורח!...

— טאַקע אַן אורח! — האָט זיך עטל אַ כאַפּ געטאָן און גע־מאַכט אַ פריינדלעכע מינע צו רייטשלען, וועלכע איז אַרויפגעקו־מען אויפן גאַניק.

דאָס קלייד, וואָס רייטשל האָט געטראָגן איז געווען פון לייכטן דורכזיכטיקן שטאָף און ווייט אויסגעשניטן ביים האַלז פון הינטן און פון פאָרנט, און אָרען האָט זיך אין די אויגן געוואָרפן די נאַקעטע פולע רונדקייט אונטער איר האַלז, וואָס האָט זיך הייס באַוועגט אַרויף און אַראָפּ, און ער האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ.

— פאַרוואָס האָט מען דיך עפּעס אַזאַ צייט נישט געזען, רייטשל? — האָט עטל זיך ווידער אָנגערופן.

— טאַקע שוין אַ היפּשע צייט, ווי מיר האָבן זיך נישט געזען — האָט רייטשל געזאָגט — מער ווי אַ וואָך. דו האָסט עפּעס שטאַרק געבענקט נאָך מיר? — האָט זי צוגעלייגט מיט אַ לייכטער איראָניע אינם קול.

— פונוואַנען ווייסטו, אַז נישט?...

רייטשל האָט מיט אַ מינע פון מיסטעריעזן אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ און געענטפערט:

— דאָס האַרץ זאָגט מיר עפּעס, אַז נישט... דו ווייסט דאָך, עטעלע, אַז גאָר קיין גראָבער נאַר בין איך נישט, אַז קיין פינגער אינם מויל דאַרף מען מיר נישט אַריינלייגן... איך ווייס, אַז...

— נו, נו, חכמע זיך נישט — האָט עטל זי אונטערבראָכן — בעסער לאָז מיך זען דיין נייע דרעסס...

זי האָט לכתחילה נישט געמיינט דאָס נייע קלייד, האָט נאָר געוואָלט יוצא זיין פאַר איר טאַטן און אַביסל פאַר רייטשלען אויך, ווייל גראָב זיין און מיט אַמאָל אָפּברעכן איר פריינטשאַפט מיט רייטשלען האָט זי נישט געקענט, כאָטש די לעצטע צייט האָט זי געגנוג געלאָזט פילן יענער, אַז זי, עטל, איז שוין נישט די אייגענע, וואָס פריער. ווידער האָט זי איר איצט געוואָלט אַרויסווייזן פריינט־לעכע אויפמערקזאַמקייט, ווייל טיף אינם האַרצן איז זי איצט געווען צופרידן, וואָס רייטשל איז געקומען. זי איז אינגאַנצן פול געווען מיט איר חתן, האָט זיך געגויטיקט אויסצורעדן פאַר וועמען און האָט אויסער רייטשלען קיין אַנדערע פריינדין נישט געהאַט. אָבער באַטראַכטנדיק דאָס קלייד, האָט זי זיך באַלד אויף אַן אמת פאַראינטערעסירט מיט דעם, צוליב דעם קלייד גופא, האָט אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אַלצדינג, האָט באַטראַכט דאָס קלייד פון אַלע זייטן, באַטאַפּט עס פון פאָרנט און פון הינטן און געדרייט רייטש־לען אויף אַלע זייטן.

— פיין, פאַרנוץ געזונטערהייט, — האָט זי צום סוף געזאָגט.

— אַ דאַנק — האָט רייטשל געענטפערט און אַרונטערגענו־מען דעם הוט פון קאָפּ — און ווי געפעלט דיר מיין העט?

עטל האָט אַריינגענומען רייטשלס הוט אין די הענט, איבער־

געטאַפּט אַלע בלומעלעך, האָט דאָס אָנגעמאָסטן אויף זיך, ווידער אַרונטערגענומען, דאָס געדרייט און באַטראַכט ווידער פון אַלע זייטן און דערנאָך געזאָגט:

— אַ פיינע העט. וואָס האָסטו באַצאָלט?

— דריי דאָלאַר.

— ווערט.

— אַ מציאה! — האָט רייטשל אונטערגעכאַפּט, אָנגעטאָן דאָס ווידער, קאָקעטיש אַ דריי געטאָן חעם קאָפּ און פרייליך געדערט ווייטער, קוקנדיק מיט איין שוואַרץ, לאַכנדיק אויג אויף אָרען און מיט דעם אַנדערן אויף עטלען: — נו, און ווי זע איך אויס אין דעם? — אַ יאָ, נישט מיאוס?

עטל האָט אַ טראַכט געטאָן: „אָ, זי איז שוין דאָ מיט אירע פרעכע שטיק!" און זי האָט גאָרנישט געענטפערט. אָרע האָט נאָר פאַרווירט אַ שמייכל געטאָן.

פלוצים האָט זיך רייטשל אַ כאַפּ געטאָן:

— זע נאָר, איך האָב גאָר נישט באַמערקט! דו טראָגסט דאָך אויך אַ נייע קלייד... ווען האָסטו זיך דאָס געמאַכט?

— די וואָך, — האָט עטל געענטפערט. — אַ יאָ, שיין?

און איר פּנים האָט ווידער אָנגענומען אַ פריינדלעכן אויסדרוק.

— וואָס קאָסט דאָס?

— אַ פערציק דאָלאַר. אַ יאָ, עס פּאַסט מיר?

— פערציק דאָלאַר? — האָט רייטשל אַרויסגערעדט פאַרוווּנדערט און אַ טראַכט געטאָן: „געוואַלד, וויפל געלט זי גיט אויס אויף קליידער... אַזאַ שלימזל און האָט אַזאַ מזל!"

און זי האָט גענומען טאַפּן דאָס קלייד, ווי עטל פריער אירן. עטל האָט זיך געדרייט פאַר איר מיט ביידע מאָגערע הענטעלעך פון הינטן ביי דער טאַליע.

— ווי ליגט עס אויף מיר, רייטשל?

— ווי זאָל ליגן אַ פערציק דאָלאַרדיקע קלייד?...

— שיין, אַ יאָ?

— זייער שיין. דו האָסט איצט, עטעלע, קיין עין הרע, קליידער, ווי אַ פּרינצעסין...

עטל האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעקוקט זי פּלוצים מיט שטראַלנדיקע אויגן און אַרויסגערעדט מיט אַ גאַנץ באַזונדערן ווייכן טאָן:

— איך דאַרף איצט, רייטשעלע, שיינע דרעסעס...

— וואָס עפּעס דווקא איצט?...

— אָט אַזוי — האָט עטל געענטפערט, געמאַכט אַ געהיימע מינע און זיך גליקלעך צעלאַכט.

— אמת, רייטשל, אמת! — האָט זיך אָרע פּלוצים אָנגערופן און צופרידן אַ גלעט געטאָן די באָרד. — דו גיב איר אָפּ מזל טוב. זי קריגט מיט מזל אַ חתן, אַ פיינעם חתן, אַ דאָקטאָר, אַ צאַצקע...

— אַ חתן?!... עטל!...

זי האָט ווייט פאַנאַנדערגעעפנט אירע שוואַרצע אויגן און גע־קוקט דאָ אויף אָרען און דאָ אויף עטלען.

עטל איז צו איר צוגעגאַנגען, האָט זי אַרומגענומען און אַרויפגעקוקט צו איר מיט וואַרעמע אויגן, פול גליק.

— יאָ, יאָ, רייטשעלע, — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט, — ער וועט דאָ באַלד זיין... אַ דאָקטאָר!...

— אַ פיינער חתן, אַ צאַצקע, אַ צירונג! — האָט אָרע אויך אונטערגעהאַלטן דעם געשפּרעך.

— אַ דאָקטאָר? טאַקע אַ ריכטיקער דאָקטאָר? — האָט רייטשל אַרויסגעמורמלט.

— יאָ, יאָ, אַ ריכטיקער דאָקטאָר — האָט עטל געענטפערט און צוגעלייגט מיט אַ פּליסטערן: — און ווי שיין ער איז, רייטשל, אַן אמתער גראַף. און ער האָט זיך אַזוי פאַרליבט אין מיר און ער האָט מיך אַזוי ליב, רייטשעלע!...

— ער האָט זיך פאַרליבט אין דיר? — האָט רייטשל אויס־געררעדט און זיך אומגעקוקט אויף אָרען מיט פאַרוווּנדערטע אויגן, אַקוראַט ווי זי וואָלט ביי אים געפרעגט, אויב דאָס איז אמת.

— יאָ, ער האָט זיך טאַקע פאַרליבט אין איר, רייטשל! — האָט זיך אָרע אַ כאַפּ געטאָן און איבער זיין פּנים האָט זיך צע־גאָסן אַ ברייטער, קעלבערנער שמייכל — און נאָך ווי? ווי יעקב אבינו אין רחלען!... דער דאָקטאָר האַלט שטאַרק פון דעם פון...

פון ליבע מיין איך — האָט ער ערקלערט און זיך פּלוצים ווי פאַר־שעמט.

„מאַמעלעך, איך וועל אויף זיך די הויט צעריסן!“ האָט רייטשל אַ טראַכט געטאָן און עס איז איר געוואָרן אַזוי שווער אויפן האַרצן. דערנאָך האָט זי אַרויסגערעדט, ווי פאַרווירט:

— אָבער ווען איז דאָס מיט אַמאָל געוואָרן? פאַרוואָס האָב איך וועגן דעם גאָרנישט געוווּסט? זעסט, וואָס פאַר אַ פריינדין דו ביזט מיר, עטעלע? — האָט זי זיך דאָן מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן — דו האָסט מיר אַפילו נישט דערציילט...

— ביז נעכטן האָב איך דאָס אַליין נישט געוווּסט, אוי, רייטשעלע, דו וועסט אים באַלד זען! ער איז אַזוי, אַזוי ליב, אַזאַ דזשענטעלמאַן!

— ער איז שיין אויך?...

— ווי גאָלד, רייטשעלע...

— און האָט קיין שום פעלער?...

— וואָס הייסט? — האָט זיך עטל אַ כאַפּ געטאָן און איז אָפּגעטרעטן פון איר.

— איך מיין, אַזוי איז ער אַלל־רייט, ווי אַלע מענטשן? — האָט רייטשל ווייטער געפרעגט מיט אָפענער נערוועזיטעט.

— איך פאַרשטיי דיך נישט — האָט עטל געענטפערט און אויף איר פּנים, וואָס האָט נאָר וואָס געשטראַלט, האָט זיך פּלוצים אַ וואָלקן אָנגערוקט.

— איז ער אַ געזונטער מענטש?

— וואָס פרעגסטו ביי מיר אַזעלכע פראַגן — האָט עטל זיך אָנגערופן מיט אַ שניידנדיקן טאָן.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט פרעגן? נאַרוניו, איך וויל וויסן, וואָס פאַראַ חתן דו קריגסט!

— מיר איז ער געפעלן. און טאָמער וועט ער דיר נישט זיין געפעלן, בין איך אויך נישט בדלות. דו זאָלסט אַזאַ נישט נעמען! — האָט עטל געזאָגט, אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ, פאַרצויגן מיט פאַר־אַכטונג די ליפּן און זיך אָפּגעקערט פון איר.

— אַט זי איז שוין אין כּעס! — האָט רייטשל זיך אָנגערופן און נערוועז זיך צעלאַכט. — מאָדנע, איך ווייס גאָר נישט איצט,

ווי צו רעדן מיט דיר, מען דאַרף זיך היטן מיט אַ וואָרט, אַקוראַט ווי דו וואָלסט אַ פּרינצעסין געווען. איר זעט, ר׳ אָרע, — האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו אים, — זינט איר זענט געוואָרן אַ נגיד, קען מען גאָר מיט איר נישט אויסקומען. אָט איז זי, דאַכט זיך, מיט מיר אַדרבה ואדרבה און מיט אַמאָל פּאַרדרייט איר דער קאָלטן, ווערט בייז און...

— דו ביסט אַ שלאַנג! דו פאַרגינסט מיר נישט דעם לעבן! — האָט עטל זי אונטערגעבראָכן מיט כעס, — דיר פּאַרדריסט, וואָס מיין טאַטע איז איצט נישט קיין אָרעמאַן און איך גיי נישט אין שאַפּ, אַזוי ווי דו. איך קען דיך רייטשל!

און געזאָגט עס, איז זי מיט כעס אַוועקגעלאָפן אין הויז אַריין. רייטשל איז געבליבן שטיין מיט אַ צעמישטן שמייכל.

— וואָס זאָגט איר צו אייער עטלען? — האָט זי אַרויסגעגעמורמלט, וועגנדיק זיך צו אָרען: — וואָס האָב איך איר געטאָן?...

אָרע האָט אויך צעמישט געשמייכלט און געשוויגן. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— ווייס איך, אַ קינד... זי וועט זיך באַלד איבערבעטן מיט דיר. זיץ, רו זיך אָפּ. וואָס שטייסטו?

זי האָט אַ דריק געטאָן די אַקסלען און אַרויסגערעדט:

— אָבער די לעצטע צייט האָט נאָך נישט געטראָפן איין מאָל, זי זאָל זיך מיט מיר נישט צעקריגן... נו, יאָ, אַז מען ווערט רייך, ווערט מען קלוג, גרויס ביי זיך און... אי, ווי היים! — האָט זי זיך מיט אַמאָל אונטערגעבראָכן.

זי האָט זיך געזעצט, אַרויסגעשלעפּט פון אַן אַרבל, דורך וועלכן עס האָט דורכגעלייכט איר נאַקעטער אָרעם, אַ טיכל און זיך אָפּגעווישט דעם צעפלאַמטן פּנים און אַרום האַלז.

אָרע האָט זיך אויך געזעצט אויפן צווייטן שטול נישט ווייט פון איר.

—נו, זאָגט איר אליין, ר׳ אָרע, — האָט זיך רייטשל ווידער אָנגערופן מיט אַ טאָן, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געקלאָגט פאַר אים,— אָט איר האָט דאָך געהערט! וואָס האָב איך איר אַזוינס געזאָגט? איר שטייט נישט אַן מיך מער צו קענען, — האָט זי ווייטער גע-

רעדט און איר קול האָט גענומען ציטערן פאַר אויפרעגונג, — איך בין אַן אָרעם מיידל און איר טאַטע איז רייך געוואָרן, טאָ זאָל זי מיר זאָגן אָפן: אַזוי און אַזוי, רייטשל, איך בין איצט געוואָרן אַ פּרינצעסין, אַ גראַפינאַ פּאָטאָצקאַיאַ און דו ביסט אַ שאָפּ־מיידל. שטייט מיר נישט אָן מיט דיר מער צו רעדן און דאָטס אָלל! וועל איך דעמאָלט וויסן, אַז איך דאַרף מער אַהער נישט גיין. אַזוי אָבער ווייס איך נישט, ווי איך האַלט מיט איר. אָט איז זי מיט מיר אַדרבה ואדרבה און אין אַ ווײַלע אַרום, — אויס! רייסט קעגן מיר די נאָז... וועלל, אָלל רייט, איך האָב שוין לאַנג געטראַכט נישט צו גיין מער אַהער!...

אָרע האָט זיך צוגעהערט צו אירע ווערטער, פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ קעלבערנעם בליק אויף איר רונדן, דיקן אָרעם, וואָס האָט מיט אַזאַ כשוף געווינקט צו אים דורך דעם דורכזיכטיקן אַרבל, און געטראַכט: „טאָמער וואָלט איך פאָרט אַ בעט געטאָן געמקען, אַז ער זאָל מיט איר אַ שמועס טאָן?‟ דערהערט אירע לעצטע ווערטער, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— האַ? וואָס זאָגסטו? וואָס הייסט? אַ, זיי דו נישט קיין נאַר, קום וואָס אָפטער צו אונז, קום יעדן טאָג, וועסטו זיין אַ גוטער אורח...

— אַ שיינער אורח בין איך ביי אייך, — האָט זי זיך ווידער אָנגערופן מיט גאַל אינם קול, —אייער מאַמע האָט מיך פיינט... מילא, אייער מאַמע האָט מיך קיינמאָל נישט האָלד געהאַט, אָבער עטל?

— פּטור נו, איר וועט זיך איבערבעטן, — האָט ער געזאָגט, — און זי וועט זיך מער מיט דיר נישט קריגן. איך וועל שוין איר זאָגן...

רייטשל האָט גערעדט ווייטער, מער צו זיך אַליין, ווי צו אָרען. דאָס, וואָס האָט זי געשטיקט די גאַנצע צייט, — די קנאה צו עטלען, די פאַרביטערונג קעגן איר און די בענקעניש נאָך סעמקען און דער אומעט, — דאָס, וואָס האָט זיך נאָר צייטנווייז און נאָר טיילווייז אַרויסגעריסן ביי איר, בעת זי האָט זיך די לעצטע צייט געטראָפן מיט עטלען, האָט זיך ביי איר אינגאַנצן, פול גאַל און פאַרצווייפלונג, אַרויסגעריסן:

— איך האָב אַזויפיל שכל ווי זי אין מיין מינדסטן נאָגל.
און עס איז גאָר צום לאַכן, ווען זי רייסט קעגן מיר די נאָז. גו, אַז איר טאַטע איז רייך געוואָרן, איז זי דערפאַר געוואָרן קליגער, שענער? די זעלביקע עטל, נאָך נאַרישער ווי פריער! איך וואָלט שוין לאַנג אַ שפּיי געטאָן, ווען איך וואָלט זיך געהאַט ווו אהינצו־טאָן... עס איז אַזוי אומעטיק, דאָס האַרץ ווערט אַמאָל צעריסן און אַ וואָרט אויסצורעדן איז נישטאָ מיט וועמען... בראָנזוויל איז אַזוי ווי אַ דאָרף. מען קען דאָ שטאַרבן פאַר אומעט... יאָ, יאָ, איך וועל זיך מוזן איבערקלייבן אין ניו יאָרק. — זי האָט צוגעטראָגן דאָס טיכל צו די אויגן, — נאָך נעקסטע וואָך. די גלייכסטע זאַך פאַר מיר. דעמאָלט וועל איך פאַרגעסן בראָנזוויל און אַלעמען! אויס. אַ סוף, אַן עק, נישט טראַכטן מער פון דעם, פאַרגעסן און דאַטס אָלל!...

זי האָט זיך אויפגעהויבן, אַריינגעשפּאַרט דאָס טיכל אין אַרבל און זיך געווענדעט צו אָרען:

— זאָגט אייער פּרינצעסין, אַז איך וועל זי שוין מער נישט באַאומרואיקן. גוד באַי!....

— דו גייסט גאָר אַוועק? — האָט זיך אָרע אַ כאַפּ געטאָן און זיך אויך אויפגעהויבן פונם שטול, — אַי, רייטשל, איך האָב גאָר נישט גערעכנט, אַז דו זאָלסט זיין אַזאַ פאַרביסענע. זיץ, זיץ נאָך אַ ווײַלינקע. איך מאַך שלום צווישן אייך, דו וועסט זען!

— מיך אַרט נישט, אַז ניין, ר׳ אָרע. עס איז ביי מיר גאָר נישט קיין גרויסע זכיה.

— וואַרט, דער דאָקטאָר קומט באַלד. דו וועסט זען, וואָס פאַר אַ חתן עטעלע קריגט.

— זאָל זיך עטל מיט אים פרייען. אַ פאַני דאָקטאָרשע, האַ?

— האָט זי צוגעלייגט און ביטער אַ שמייכל געטאָן.

— דיר וועט ער אויך געפעלן, דו וועסט זען! אַ חתן, אַ צאַצקע...

— און וואָס קאָסט אייך די דאָזיקע צאַצקע? — האָט רייטשל פּלוצים אַ פרעג געטאָן צערייצט.

— גענוג. אַ צען טויזנט וועט מען אים מוזן אָפּשטעקן, —

האָט אָרע געענטפערט מיט אַ שמייכל און זיך אַ גלעט געטאָן די באָרד.

— צען טויז...? — האָט רייטשל אַרויסגעשטאַמלט, געעפנט ברייט די אויגן און האָט זיך אַזש פאַר איבערראַשונג צוריק אָרונ־טערגעלאָזט אויף איר שטול. — צען טויז... מאַמעלעך מיינע!

— דאָס איז נאָך אַ מציאה, — האָט אָרע זיך אָנגערופן מיט אַ ברייטן שמייכל.

רייטשל האָט געשוויגן אַ ווײַלע און געקוקט אויף אים מיט אירע ברייטע פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן. דערנאָך האָט זי טיף אָפּ־געצויגן דעם אָטעם און אַרויסגערעדט:

— אַ־אַ־ז־וי? מוזט איר דאָך איצטער אודאי זיין אַ ראָטשילד?

— דאַנקען גאָט, נישט צו פאַרזינדיקן. איך האָב צו גאָט נישט צוגעלייגט...

זי האָט זיך פאַרטראַכט. דערנאָך האָט זי זיך ווידער אָנגע־רופן:

— אייך אַפּנים מוז איצט בראָנזוויל שטאַרק געפעלן?...

ער האָט אָנגעהויבן שטיל צו לאַכן.

— און איר אַליין וועט מסתמא איצט אויך חתונה האָבן מיט אַ מיידל...

ער האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— וואָס דען? מסתמא... פאַרוואָס זאָל איך נישט חתונה האָבן?... אז עס וועט זיך עפּעס מאַכן אַ ריכטיקע...

און ער האָט זיך פּלוצים פאַרשעמט, אָפּגעהאַקט אין מיטן די רייד און זיך געזעצט.

— וואָס מיינט איר אַ ריכטיקע?

— אָט... אַ שידוך מיין איך, — האָט ער געענטפערט און צעמישט געשמייכלט. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שפּאָטישע מינע צערייצט.

— ר׳ אָרע, — האָט זי געזאָגט, — האָט חתונה אויך מיט אַ דאָקטאָרשע. פאַר געלט וועט איר אויך קריגן די מציאה...

ער האָט זיך צעמישט פאַנאַנדערגעלאַכט:

— דו הייבסט שוין אָן מיט דיינע קאַטאָוועסלעך, רייטשל?...

— איך מיין אויף אַן אמת, אויב עטל האָט געקענט פאַר

געלט זיך א דאָקטאָר קריגן, פאַרוואָס זאָלט איר קיין דאָקטאָרשע נישט קענען קריגן...

ער האָט אַ מאַך געטאָן צו איר מיט ביידע הענט.

— אי, רייטשל, לאָך נישט פון מיר! — האָט ער געזאָגט, — איך בין נישט אַזאַ גראָבער נאַר, ווי דו מיינסט...

— אפנים אַז נישט... היינט, וואָס דען רופט איר אַ „ריכטי־קער" שידוך?...

— אָט עפּעס אַ ליטויש מיידל, — האָט ער פּלוצים געזאָגט און אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

„אָט האָסטו דיר", — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, — „אַ מיידל, אַ מכה אים אין האַרצן!"...

און זי האָט ווידער געפרעגט:

— און וויפל נדן דאַרף האָבן דאָס מיידל, אַז איר זאָלט מיט איר וועלן חתונה האָבן?...

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און זי נישט דרייסט אָנגע־קוקט.

— נדן גאָר?... איך וויל נישט קיין נדן... איך וויל אַן אָרעמע, אָבער ליטוישע מיידל...

— אַ מיידל, האַ? ווי אַלט זאָל זי זיין?... זיבעצן, אַכצן?...

ער האָט נישט געענטפערט און נישט דרייסט געשמייכלט.

— וואָס האָט איר מורא צו ענטפערן, ר' אָרע? זאָגט מיר, אפשר האָב איך פאַר אייך אַ שידוך?...

ער האָט שטיל געענטפערט מיט דעם אייגענעם נישט־דרייסטן שמייכל אויף די ליפּן און אין די אויגן:

—אַז דו ביסט אַ שדכנטע, היינט פאַרוואָס שדכנסטו נישט אויס פאַר זיך קיין חתן?....

— איך וויל נישט חתונה האָבן. פונמיינעטוועגן מעגן אַלע חתנים פאַרברענט ווערן.

אָרע האָט אַ ווײַלע געשוויגן. פּלוצים האָט ער זיך מוט אָנגע־נומען צו רעדן דרייסט:

— נו, גוט, איך וועל דיר זאָגן, וואָס פאַר אַ מיידל איך זוך. אין דיינע יאָרן. איר געלט דאַרף איך נישט. איך וועל איר געלט געבן, וויפל זי וועט אַליין וועלן. איך וועל זיך קויפן אַ שיין קאַ־

טערזש און מיר וועלן דאָרט וווינען, און פון פייגל־מילך וועט איר ביי מיר נישט פעלן...

— זייער שיין, — האָט רייטשל אַרויסגערעדט, — היינט ווו נעמט מען פאַר איך אַזאַ מיידל?

אָרע האָט שיער נישט אַרויסגעפּלאַצט: „און דו" — האָט זיך אָבער דערשראָקן און אָפּגעקערט דעם קאָפּ.

זי האָט געקוקט אויף אים מיט אירע שוואַרצע אויגן, פול שפּאָט, און האָט מיט גאַל געשמייכלט. און פּלוצים איז איר איינגעפאַלן: „אַי, ווען ער וואָלט טאַקע עפּעס חתונה געהאַט מיט אַ ריכטיקער מיידל, וואָס וואָלט געגעבן די וועלט צו זען עטלעכן און דער אַלטער פרומען, אַי וואָלט דאָס געווען אַ מצוה!" און גלייך נאָכדעם האָט זי אַ קלער געטאָן: „אפשר גאָר זאָל איך אַליין?... אָט האָבן דאָך ביי אונז אין שטאָט אַפילו טעכטער פון שיינע בעלי בתים אויך חתונה געהאַט מיט עלטערע מענטשן!

דער דאָזיקער געדאַנק האָט זיך אָבער איר אויסגעוויזן אַזוי ווילד, דאָס זי האָט זיך צעלאַכט הויך אויפן קול.

אָרע האָט זיך אומגעקוקט אויף איר.

— וואָס לאַכסטו? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— איך לאַך... כ'ווייס? — האָט זי געענטפערט און ווידער געלאַכט.

דאַן האָט זי מיט אַמאָל אויפגעהערט צו לאַכן: עס איז איר איינגעפאַלן, אַז אפשר וואָלט ער זי גאָר איצט נישט געוואָלט? פון וואַנען ווייסט זי, אַז זי וואָלט פאַר אים איצט אַ „ריכטיקער" שידוך געווען?... אמת, ער פלעגט פריער אַמאָל אַריינקוקן צו איר אינם צימער דורכן שליסל־לאָך, אָבער דאָס איז דאָך נאָך געווען פריער, בעת ער איז נישט געווען רייך. איצט אָבער, איצט...

און אין דער מינוט האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי פון אַ שטאַרקן שטויס, און איז צעטומלט געוואָרן: זי האָט דערזען נעבן גאַניק סעמקען, וועלכער האָט געקוקט אויף איר פאַרטראַכט.

ער איז נאָר וואָס צוגעגאַנגען, האָט זי דערזען און איז שטיין געבליבן אומאַנטשלאָסן. זינט די קלעפּ, וואָס ער האָט פון איר געקריגן, האָט ער באַשלאָסן, אַז זי איז אַ בחורטע, מיט וועלכער עס איז געזונטער נישט צו האָבן צו טאָן, און האָט זיך געהיט

פאר איר. ביז היינט האט ער יעדעס מאל, ווען נאר ער האט זי באמערקט, זיך באלד אפגעטראגן, איצט האט ער געטראכט, וואס ער זאל טאן: צי זאל ער זיך אפטראגן, אדער בלייבן, ווייל ער האט פארשפראכן הודקינען, אז ער וועט דא ווארטן אויף אים...

ארע האט אים דערזען, האט ער געגומען רופן: —

— קומט זיצט, מיסטער בלום. מיר ועלן באלד טרינקען טיי.

סעמקע האט נאך א ווילע זיך געקווענקלט. דאן האט ער א טראכט געטאן: „אי, וואס האב איך פאר איר מורא!" איז אויפן גאניק ארויף, צוגעגאנגען צו ארען און זיך געזעצט נעבן אים.

רייטשלען האט אין קאפ היים א מיש געטאן און זי האט דערפילט, ווי אירע באקן האבן זיך אנגעצונדן. אין די אויגן איז איר פינסטער געווארן, אזוי ווי דער שיין פון דעם העלן זומערדיקן נאכמיטאג וואלט מיטאמאל פון עפעס פארשטעלט געווארן. זי האט נישט געזען ווי ער איז פארבייגעגאנגען, נאר האט זיינע טריט געהערט, ווי דורך א חלום...

זי האט געוואלט זיך אויפהויבן און אנטלויפן, זי, וואס האט אים די גאנצע צייט מיט איר הארצן געזוכט, וועלכע איז נאך אויס בענקעניש נאך אים געגאנגען אין דאס דאזיקע הויז, וו אלע און אלצדינג איז איר פרעמד און אומדערטרעגלעך געווען, — זי, ווען זי האט זיך איצט מיט אים נאענט געטראפן, האט געוואלט פון אים אנטלויפן... זי האט אבער נישט געקענט: עפעס האט זי אין דער אייגענער צייט צוריקגעהאלטן...

— וואס איז דער מער, מיסטער בלום, — האט זי ווי דורך א חלום געהערט ארעס קול, — איר זענט גאר ברוגז מיט רייטשלען?...

און די דאזיקע פראגע האט זי צו זיך געבראכט. זי האט זיך א ריר געטאן, אנגעשטרענגט שארף דעם געהער און געווארט אויף זיין ענטפער.

אבער סעמקע האט געשוויגן.

— וואס שווייגט איר, מיסטער בלום? — האט זי ווידער געהערט ארעס קול.

און דאן האט זי דערהערט סעמקעס פייפן, דאס אייגענע פייפן ווי אין יענער נאכט, און עפעס האט אין איר פארצווייפלט אויסגעשריגן: „שארלאטאן!" און זיך געריסן ארויס... זי האט

אַלע אירע קרעפטן אָנגעווענדעט, כּדי זיך צו באַהערשן, האָט דאָך אָבער נישט געקענט און האָסטיק אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אויגן פול מיט פאַראַכטונג און פאַרצווייפלונג. ער האָט זיינע אויגן נישט אָפּגעקערט פון איר, געקוקט גלייך איר אין פּנים אַריין, געשמייכלט, און, ווי איר האָט זיך אויסגעוויזן, מיט שפּאָט און געפייפט...

„אוי, ווי פרעך!" — האָט זי פאַרצווייפלט אַ טראַכט געטאָן און אַזוי האָסטיק צוריק אָוועקגעדרייט פון אים די אויגן. און דאָ האָט זי זיך מיט אַמאָל די פראַגע געשטעלט: וואָס זוכט זי אים? ער ליבט זי דאָך נישט. ווען ער זאָל זי ליב האָבן, וואָלט ער ביז היינט עפּעס געטאָן, צו איבערבעטן זי... ער וואָלט נישט געקוקט אַזוי פרעך אויף איר, ווען דאָס האַרץ איז ביי איר צעריסן, וואָלט נישט געפייפט, וואָלט שוין געענטפערט אָרען אַזוי, דאָס זי זאָל דערפילן, אַז ער בענקט נאָך איר... ניין, ניין, ער האָט זי פריער אויך נאָר געזוכט אויסצונוצן און נישט מער... ער האָט זי פריער נישט געליבט, ליבט זי איצט נישט און אומזיסט טראַכט זי פון אים, און אומזיסט בענקט זי נאָך אים... אויפן בעסטן פאַל וועט ער זי ווידער אויסנוצן. דאָס אָבער זאָל ער נישט דערלעבן!...

און זי האָט זיך דערפילט אַזוי הילפלאָז, דאָס זי האָט זיך שיער נישט צעוויינט.

זי האָט דערהערט סעמקעס קול:

— העללאָו, דאָקטאָר!

דאַן איז סעמקע איר פאַרבייגעלאָפן און נאָך אים אָרע.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיי נאָכגעקוקט. זיי זענען ביידע געגאַנגען אַנטקעגן דאָקטאָר הודקין, וועלכער איז נאָר וואָס אויפן גאַניק אַרויף.

דער דאָקטאָר האָט געשמייכלט און זיי ביידן די הענט געדריקט. אָרע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר און מיט די ווערטער: „עטעלע, דיין דאָקטאָר איז דאָ!" איז ער אין דער טיר פאַרשוווּנדן.

סעמקע האָט דעם דאָקטאָר אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל, אומגעקוקט זיך אַהינטער, צו זען, אויב אימיצער הערט זיך נישט אונטער, און דערנאָך שנעל אַרויסגערעדט:

— עווערי טהינג איז אָ קיי... צען טויזנט דאָלאַר, מיי באָי! איך האָב דיר געזאָגט, אַז עס וועט דיר לוינען... צופרידן, העי?...

— גוד באָי! גוד באָי! — האָט דער דאָקטאָר מיט פרייד זיך אָנגערופן און אים אַ דריק געטאָן די האַנט. — טהענק יו, סעם!... און ווען קריג איך דאָס?...

— איך וועל שוין זען, אַז דו זאָלסט עס קריגן צו די תּנאים — האָט סעמקע שטיל געענטפערט — דערוויילע, ברודער דאָקטאָר, זיי אַ ראָמעאָ און גיי אויס, פגר אַוועק נאָך דיין זשור־ליעט... דערצייל איר די ריכטיקע מעשה...

זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט.

רייטשל איז דערווײַלע געקומען אַביסל צו זיך און האָט פון וויטן באַטראַכט מיט אַ נייגעריקער מינע דעם דאָקטאָר.

„רבונו של עולם” — האָט זי געטראַכט — „זאָל דאָס מעגלעך זיין, אַז דער דאָזיקער פיינער יונגער מאַן... אוי, וואָס פאַר אַ טריפהנעם מזל זי האָט!”

פונם שטוב איז אַרויסגעלאָפן עטל מיט אַ שטראַלענדן פּנים און גלייך נאָך איר האָבן זיך באַוויזן אָרע און די אַלטע פרומע, וועלכע איז געווען אויסגעפוצט שבתדיק מיט אַ נייעם ציפּיק אויפן קאָפּ.

עטל איז צוגעלאָפן צום דאָקטאָר און האָט זיך אַזוי ווי צו־געקלעפּט מיט איר אַקסל צו זיינעם. און דערמאָנט זיך, אַז רייטשל איז דאָ דערביי, האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ קול, וואָס רייטשל האָט נאָך ביי איר קיינמאָל נישט געהערט:

— פאַרוואָס אַזוי שפּעט, בעד באָי? איך האָב געוואַרט און געוואַרט...

ער האָט געענטפערט מיט אַ קול, אַזוי ווי ער וואָלט זי געגלעט:

— די פּאַציענטן האָבן מיר פאַרהאַלטן... איך האָב זיך קוים אַרויסגעריסן פון זיי... אָך, דאַרלינג, ווי מיר איז היינט אומאַנגענעם געווען, וואָס איך בין אַ דאָקטאָר... מיינע אַלע געדאַנקען און געפילן רייסן זיך אַהער; איך וואָלט שוין וועלן זיין נעבן מיין קליין מיידעלע און די פּאַציענטן פאַרהאַלטן מיך...

— איר הערט, מיסטער כּירינג? — האָט זיך אַריינגעמישט

סעמקע מיט א שמייכל — אפילו א דאָקטאָר צו זיין איז אויך נישט גוט.

און ער האָט צוגעלייגט שטיל, צובויגנדיק זיך צו אָרען:

— אָבער וואָס זאָגט איר, ווי ער איז פאַרליבט אין אייער עטעלען?...

אָרע האָט ברייט א שמייכל געטאָן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

די אַלטע פרומע איז געשטאַנען קעגן דעם דאָקטאָר, פאַרלייגט א האַנט אויף א האַנט אונטער דער גרינער, נייער ליוסטרירענער קאַפּטע, האָט געקוקט אויף אים און מיט הרחבה געשמייכלט.

רייטשל האָט געהערט דעם געשפרעך צווישן עטלען און דעם דאָקטאָר און איר פריערדיקע הילפלאָזיקייט האָט זיך אין אַן אוי־מעט פאַרוואַנדלט, אין אַזאַ קאַלטן, אין אַזאַ שטיקנדן... דער טאָן, מיט וועלכן עטל האָט צו אים גערעדט, און זיין טאָן, מיט וועלכן ער האָט איר געענטפערט, די ווערטער פון ליבע, אַרויסגערעדט פון אַזאַ פיינעם יונגן מאַן, פון א דאָקטאָר, פון איר עטלס חתן, פון איר, עטלס צוקונפטיקן מאַן, האָבן זי, רייטשלען געדרייצט, אויפגעבראַכט, געוועקט אין איר נשמה א גאַגעניש און יאַדעניש, און אַזאַ אומעט... אַזוי ווי דאָס אַלץ איז געטאָן און גערעדט גע־וואָרן איר נאָר אויף צו להכעיס, איר נאָר, רייטשלען... זיי אַלע האָבן זי גאָרנישט באַמערקט, אַזוי ווי זיי וואָלטן זי גאָר פאַר קיין מענטש נישט געהאַלטן!...

און דאָן האָט איר נשמה זיך א כאַפּ געטאָן און גענומען פּראָ־טעסטירן מיט האַס און פאַרצווייפלונג:

— ווער זענען זיי? דער טאַטע, א פריערדיקער פעדלער, די טאָכטער א גלאָמפּ, א גולם, א שטיק נבזה, די אַלטע איז א מכשפה, — ווער זענען זיי?? נו, און דערפאַר, ווייל גאָט האָט זיי גע־האָלפן, איז זי שוין אוים מענטש? מעג מען זי שוין אַזוי באַלייר דיקן?! נו, און ער, אָט דער דזשענטלמאַן מיטן גלאַטן צינגעלע, אָט דער שאַרלאַטאַן, ער, ער... ווי וואָגט ער גאָר צו שטיין דאָרט, ווו זי געפינט זיך?!... ווי קען ער רעדן אַזוי קאַלטבלוטיק און נאָך לאַכן, ווען זי, וועלכע ער האָט אַזוי שענדלעך באַטראָגן, זיצט דערביי?!... אוי, זי וועט צוגיין צו אים און אים אָנשפייען א פולן פּנים!... ניין,

זי וועט אים בעסער אויספּאַטשן... זי וועט אים אויסקראַצן די אויגן אינגאַנצן!... סיי ווי סיי איז מען שוין מער קיין מענטש נישט אין זייערע אויגן און אין זייגע אויגן נישט קיין ערלעך מיידל... אַ!...

אינם קאָפּ האָט איר הייס אַ מיש געטאָן און איר פּנים האָט זיך אָנגעצונדן פלאַם פייער...

פּלוצים האָט זי דערהערט אָרעם קול:

— דאָקטאָר, איך וויל אייך באַקענען מיט עטעלעס חברטע...

רייטשל — האָט זי דערנאָך דערהערט זיין קול גאַנץ נאָענט — דאָס איז עטעלעס דאָקטאָר!

זי האָט אָנגעקוקט אָרעם מיט אויגן, ווי זי וואָלט אים נישט פאַרשטאַנען.

זי האָט נישט באַמערקט ווי דער דאָקטאָר האָט אַרונטערגענו־מען דעם הוט און זיך העפלעך פאַרנייגט פאַר איר, און ווי עטל, וואָס האָט אים געהאַלטן אונטערן אָרעם, האָט מיט אַ ברוגזער מי־נע אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון איר און אַ ווונק געטאָן צו דער אַלטער פרומען, וואָס איז געשטאַנען פון וווייטן, די הענט נאָך אַלץ פאַר־לייגט אונטער דער גרינער קאָפּטע. זי האָט אויך נישט באַמערקט, ווי סעמקע האָט זיך אוועקגעשטעלט אָן אַ זייט און פאַרגנבעט גע־קוקט אויף איר.

און מיט אַמאָל האָט זי זיך אויפגעהויבן פונם אָרט און, נישט קוקנדיק אויף קיינעם, מיט אַ פּנים פלאַם־פייער, איז זי אַוועק נישט געזעגנטערהייט.

זיי אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט. אָרע האָט איר נאָכגעשריגן צעמישט:

— רייטשל, וואָס אַנטלויפסטו?

זי האָט אים אָבער נישט געענטפערט.

— וואָס איז זי אין כעס? — האָט פרומע זיך אָנגערופן.

— עטל האָט זיך מיט איר עפּעס צעווערטלט — האָט אָרע געענטפערט מיט אַ צעמישטן שמייכל.

— נו, אז זי וועט זיין אין כעס, בין איך גאָר אומגליקלעך, איך זאָג דיר! — האָט עטל זיך אָנגערופן מיט פאַראַכטונג אינם קול, איז אָפּגעטרעטן פון דעם דאָקטאָר, צוגעגאַנגען צו פרומען און שטיל אַרויסגערעדט:

— איך בין צופרידן, וואָס זי איז ברוגז געוואָרן...

— זאָל דאָס זיין דיין לעצטע דאגה, מיין קינד! — האָט פרומע געזאָגט.

סעמקע האָט אַ צופּ געטאָן דעם דאָקטאָר ביים אַרבל און שטיל אַרויסגערעדט:

— דו האָסט געזען אַ בחורטע? אַן אַנטיקעלע, ניין?...

דער דאָקטאָר האָט אַ שמייכל געטאָן און שטיל געפרעגט:

— ווער איז זי?

— זי וואָלט געווען אַל־רייט, זי האָט אָבער נעגל, אַ שוואַרץ יאָר אויף איר! — האָט סעמקע געענטפערט ווי מיט פאַרדרוס אין קול.

— דו האָסט זיך נישט געדאַרפט מיט איר קריגן, עטעלע, — האָט אָרע זיך אָנגערופן, אָנקוקנדיק זי מיט פאַרטראַכטע אויגן — איר זענט געווען די בעסטע חברטעס. פע, נישט שיין פון דיר!...

און ער האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ.

— פּטור, נו, — האָט די אַלטע געזאָגט — מער קיין דאגה זאָלסטו אויך נישט האָבן, אָרע!... קומט אַריין אין שטוב און מיר וועלן טרינקען טיי. איר נאָר — האָט זי זיך געווענדעט צו סעמקען מיט אַ בעטנדיקער מינע — זאָלט נישט פאַרגעסן, אַז מיר האַלטן פון שבת...

און זיי זענען אַלע אַריין אין שטוב...

15

משה בער די „קאַלאַקאָטקע“ און רייטשלס באַשלוס

ווי נאָר רייטשל איז אַרונטער פון גאַניק, אַזוי גלייך האָט איר פאַרדראָסן, וואָס זי איז אַנטלאָפן פון זיי. זי האָט עס נישט געדאַרפט טאָן — האָט זי זיך פאָרגעוואָרפן מיט כּעס אויף זיך אַליין — פאַרקערט, זי האָט געדאַרפט דאָרט בלייבן, מאַכן צום דאָקטאָר אַ פריינדלעכע מינע, זוכן מיט אים צו רעדן, זאָגאַר שפּאַסן, און זאָל עטל צעפּוקעט ווערן... אָדער זי האָט געדאַרפט באַלידיקן סעמקען פאַר זיי אַלעמען אין די אויגן... פאַרוואָס האָט

זי דאָס נישט געטאָן? זי האָט דאָך דאָס שוין גערעכנט צו טאָן? אוי איז זי אַ גלאָמפּ! איצט איז זי אַנטלאָפֿן, ווי אַ נאַר... זיי לאַכן מסתּמא דאָרט פֿון איר. און עטל, און די אַלטע זיידלען זי מסתּמא, און ער, דער דזשענטעלמאַן, קען זיין, באַרעדט זי דאָרט אויך.

אוי, זי וועט זיך דאָס קיינמאָל נישט מוחל זיין, וואָס זי האָט אים אַזוי דורכגעלאָזן! איצט וועט זי אים שוין מער קיינמאָל נישט טרעפֿן. ווו?... צו עטלען וועט זי שוין מער נישט קענען גיין נאָך דעם היינטיקן אַוועקגיין. אויס! געענדיקט מיט אים! — האָט זי פֿאַרצווייפֿלט גענומען טראַכטן און פּלוצים האָט אַלצדינג אין איר אויפֿגעציטערט און אירע אויגן זענען פֿאַרלאָפֿן מיט טרערן — אַזוי אים געליבט, אַזוי געבענקט נאָך אים!...

און זי האָט זיך דערפֿילט אַזוי עלנט, אַזוי אַליין, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט פֿאַר איר אויסגעשטאָרבן.

„צו וועלכן שוואַרץ יאָר לעב איך!" — האָט זי געטראַכט מיט גאַל — „ווער דאַרף מיך! ווער ליבט מיך! ווער וועט בענקען נאָך מיר, ווען איך זאָל אַפֿילו היינט אַ מיתה משונה איננעמען!"..

איבער אירע צעפּלאַמטע באַקן האָבן טרערן גערונען...

אַזוי איז זי אַריין אין דער גאַס, וווּ איר שוועסטער האָט געוווינט. די זון האָט פֿייערדיק געאָטעמט. די שטיינער פֿונם טראָטואַר אונטער רייטשלס פֿיס האָבן געברענט. אַרום האָבן זיך געשפּילט קינדערלעך מיט פֿאַרברודיקטע פּנימלעך, האָבן זיך געיאָגט מיט אַ געפֿילדער איינס נאָכן אַנדערן און געהויבן אַ הייסן שטויב פֿון דער נישט־ברוקירטער גאַס, וועלכער האָט זיך געלייגט אויף די פּנימער און אויף די קליידער פֿון די יידישע מענער און פֿרויען, וואָס זענען געשטאַנען אויף די גאַניקעס פֿון די צוויי־שטאָקיקע הייזלעך. אַ ציג האָט ערגעץ געמעקעט. אַ קאַץ מיט אַ שוואַרצן גלאַנציקן קאָפּ איז געלעגן אויף אַ פֿענסטער־געזימס אונטער אַ ווייסן, טולענעם פֿאָרהאַנגל, וואָס האָט זיך אַביסעלע באַוועגט הין און צוריק, און האָט געזשמורעט אירע געלע אויגן קעגן דער זון. פֿון צייט צו צייט האָט זיך דאָ און דאָרט אַ פֿראַזע דערהערט, דאָ פֿון אַ מאַן און דאָ פֿון אַ פֿרוי; דאָ פֿון אַ גראָבער, באַסאָווער שטימע און דאָ פֿון אַ קוויטשענדיקן קול, ווי פֿון ערגעץ אָפּגעריסן: „דער „פֿאַרסעל" איז נישט ווערט דאָס געלט!"... „סעמקע ממזר,

איכל דערציילן דעם טאטן! גיי זאג פרק!"... „שבת, איציק! ווארט, ווארט, איך וויל דיך דערהרגענען, שגץ!"... „חיים־זוסע פליוך שטעלט זיך אויך באלד בויען!"...

רייטשל האט גאר נישט באמערקט און גאר נישט געהערט, איינגאנצן פארטאן אין זיך. זי איז געגאנגען און האט געטראכט, און זיך געמוטשעט און געוויינט אין זיך.

זי האט זיך אפגעשטעלט נעבן דעם הויז, וווּ איר שוועסטער האט געוווינט — א צוויי־שטאקיק, הילצערן הייזל, וואס איז אמאל געווען בלוי געפארבט און האט איצט אויסגעזען בלייך און אפ־בלאקירט. איר שוועסטערס ווייסע ציג, וואס איז געשטאנען נעבן גאניק, האט זי אנגעקוקט מיט אירע גרויסע תמעוואטע אויגן, און ווען רייטשל איז נאענט איר פארבייגעגאנגען, האט זי אויסגעצויגן צו איר די האלז און האט מיט פארטרויען א רייב געטאן דאס בערדל אן רייטשלס קלייד. רייטשל האט מיט כעס א מאך געטאן אויף איר מיט דער האנט און א געשריי געטאן:

— אין דער ערד אריין גיי, דו אויך!...

זי האט דערהערט א געלעכטער און זיך אומגעקוקט. איר שוועסטער, א בלייכע פרוי אין די מיטעלע יארן — מיט שפורן פון אמאליקער שיינקייט אויף איר פארוועלקטן פנים, איז געזעסן אויפן גאניק מיט א טייטש־חומש אויפן שויס, האט געקוקט אויף איר און געלאכט.

— ווער נאך זאל גיין אין דער ערד, חוץ דער ציג? — האט די לעצטע געפרעגט לאכנדיק.

— איך! — האט רייטשל געענטפערט מיט גאל אין איר קול און איז אריין אין הויז.

אויף דער זאפע, אינם עס־צימער, איז געלעגן איר שוואגער משה־בער, א לאנגער, דארער ייד מיט א געל בערדל, א פרעסער פון קינדער־מאנטלען און האט געקוקט מיט פארמאכטע אויגן ארויף אויף דער סטעליע.

ווען רייטשל איז אריין, האט ער מיט אימפעט א דריי געטאן צו איר דעם קאפ און מיט התפעלות זיך אנגערופן:

— רייטשל, איך האב פאר דיר א שטיקל נייעס. דו קענסט דאך יאכען?...

רייטשל האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס פאַר אַ יאָכען? — האָט זי געפרעגט מיט כּעס.

— דו קענסט נישט יאָכען?... יאָכען! — האָט ער גערעדט ווייטער און האָט פאַר התפּעלות אַזש געקוויטשעט — יאָכען! געוואַלד, יאָכען! דו קענסט דאָך זי! אונזער לאַנדס־מיידל, אבֿרהמל יאָכנע־ביילעס טאָכטער, אַט די דיקע מויד, דער קאָזאַק, מיטן פּיס־קעלע. אַי — האָט ער זיך מיט אומגעדולד אונטערבראָכן און אַ מאַך געטאָן צו איר מיט דער האַנט — דו קענסט דאָך זי. זי פלעגט דאָך צו דיר אַריינקומען...

— נו, נו, איז וואָס? — האָט אים רייטשל אונטערבראָכן.

— נו, ווייסטו שוין וועלכע יאָכען איך מיין?

— איך ווייס. נו, וואָס איז מיט איר?

— זי איז שוין פאַרטיק! — האָט ער ווידער געזאָגט מיט התפּעלות.

— געשטאָרבן?

— געשטאָרבן גאָר? ניין, חתונה געהאַט.

— נו, פרייט זיך. וואָס דערציילט איר דאָס מיר?

— אָבער הער נאָר, ווי אַזוי...

— מיך אינטערעסירט דאָס נישט...

— הער, דו וועסט לאַכן — האָט ער געזאָגט און זיך ראַפּ־טאָם אויפגעזעצט — דו ווייסט, מיט וועמען זי האָט חתונה גע־האַט? מיט אַ יידן פון אַ יאָר זעכציק...

— יאָכע? — האָט זיך ביי רייטשלען האַן אַרויסגעריסן.

— יאָ, יאָ, יאָכע, יאָכע... נו, וואָס זאָגסטו צו דעם?...

רייטשל האָט איצט געקוקט אויף איר שוואַגער מיט אַזאַ מינע, אַקוראַט ווי מען וואָלט איר דערציילט, אַז אירע אַ באַקאַנטע, וועלכע זי האָט געהאַלטן פאַר אַ גרויסע חכמה, האָט מיט אַמאָל דעם פאַרשטאַנד פאַרלוירן. די דאָזיקע יאָכע, אַ שיינע, געזונטע מיידל, פלעגט איר אַלץ דערציילן, אַז צענטליקער יונגעלייט זענען פאַרליבט אין איר און זי ווייסט נישט, אין וועלכן באַי זיך צו פאַרליבן. רייטשל האָט איר דערפאַר מקנא געווען. און מיט אַמאָל נאָר אַזאַ געשיכטע!... דערנאָך האָט זי אַרויסגערעדט:

— מסתּמא איז ער זייער אַ רייכער מאַן...

— רייך איז ער. ער האָט אַ גרויסן שאַפּ פון קליידער אויף ספרינג סטריט אין ניו יאָרק. זיין נאָמען איז אייזיק זוסמאַן. צו ווינט דאָ אין ברוקלין, אויף בוירגען סטריט. זי האָט ביי אים געאַרבעט אינם שאַפּ.

רייטשל האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט. דאַן האָט זי אַרויסגערעדט פאַרטראַכט:

— גערעכט. וואָס קען מען האָבן פון די יונגע לייט? מיט אַזאַ מאַן וועט זי לכל הפּחות קענען לעבן אַ גוטן טאָג...

— אָבער דער עיקר איז נישט דאָס — האָט ער זיך אָנגע־רופן און זיך הויך צעלאַכט — אוודאי איז גלייכער חתונה צו האָבן מיט אַן עלטערן רייכן מאַן, ווי מיט אַ יונגן קבצן, אָבער פאַרוואָס זי האָט מיט אים חתונה געהאַט, אָט דאָס איז דער עיקר!...

— וואָס מיינט איר?

— איך מיין... הערסט דאָך: איך בין היינט געווען ביי עט־לעכע לאַנדסלייט אין ניו יאָרק און יעדער האָט מיר דערציילט די אייגענע געשיכטע. מעגסט הערן, רייטשל. יאָכע איז איינגעשטאַ־נען ביי אונזערן אַ לאַנדסמאַן. דו קענסט אים נישט. אַ שיינע מויד איז זי, דער שד נעמט זי נישט — נו, האָט דער לאַנדסמאַן גע־וואָרפן אַן אויג אויף איר. ער איז דווקא אַ פאַרהייראַטער מאַן — האָט אַ ווייב, קינדער, נאָר ביי שאַרלאַטאַנעס שפּילט דאָס עפּעס אַ ראָלע?... בקיצור, אַ יונג איז ער אַ ביטערער, אַ צינגעלע האָט ער אַ גלאַטינקן, די אַלע שאַרלאַטאַנסקע שטוקעס ווייסט ער אויך... נו, וואָס דאַרף דען נאָך אַ נאַריש מיידל?... איז געוואָרן צווישן זיי אַ פאַרבליאַפּעניש, און זי האָט נישט גוט פון דעם אָפּגעשניטן... אַי, שלעכט, וואָס טוט מען? און ווער ווייסט וואָס עס וואָלט נאָך געווען, ווען דער באָס אירער, מיסטער זוסמאַן, ביי וועמען זי האָט געאַרבעט, וואָלט אין דער אייגענער צייט אין איר זיך אויך נישט פאַרבליאַפּעט און איר געזאָגט: אַזוי און אַזוי, יאָכע, דו שד, דו טייוול, איך וויל מיט דיר חתונה האָבן, און זי, נישט קיין נאַרישע מיידל, האָט זיך אין דעם אָנגעכאַפּט, ווי אַ הונגעריקער אין אַ הייסן קוילעטש, פאַרשטייסטו מיך, האָט מיט אים חתונה געהאַט, און שאַ!...

רייטשעל האָט געקוקט אויף אים מיט אַלץ גרעסערע און גרעסערע אויגן. די דאָזיקע געשיכטע איז אַביסל ענלעך געווען צו איר אייגענער געשיכטע מיט סעמקען. זי האָט אויך נישט גוט אָפּגעשניטן פון דער דאָזיקער ליבע, האָט נאָך געקענט פיל ערגעו אָפּשניידן...

אויף איר פנים האָט זיך אָפּגעמאָלט שרעק און עס האָט איר אַ שווידער געטאָן.

„געוואַלד, ווו איז מיין שכל?״ — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, — „איך וואָלט זיך דאָן געמוזט באַגראָבן לעבעדיקערהייט!...״

פלוצים האָט זי אַ געשריי געטאָן מיט אַ קול, פול האַס:

— אי, אַז באַגראָבן זאָלן ווערן אַלע מענער, אַז קיין געדעכעניש זאָל פון זיי נישט פאַרבלייבן!...

משה־בער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איך אויך?

רייטשעל האָט אים נישט געענטפערט און איז אַן אויפגערעגטע אוועק צו זיך אין צימער.

זי האָט געהאַט אַ באַזונדערן צימער מיט אַ פענסטער צום גאַניק. דאָרט האָט זי ארונטערגענומען דעם נייעם הוט פונם קאָפּ און אים אַ שליידער געטאָן מיט בעם אויפן קליינעם טישל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקעלע, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם בעט אין דעם נייעם קלייד און טיף איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין דעם קישן.

באַלד איז איר שוואָגער אַריינגעקומען.

—דו שלאָפסט נאָר? — האָט ער זיך אָנגערופן.

— מיר טוט ווי דער קאָפּ — האָט זי געזאָגט.

— רייטשעל, פונדעסטוועגן דערציי דאָס קיינעם נישט. דאָס איז אַ סוד. איר מאָן קען זיך נאָך דערוויסן וועגן דעם, קען זי נאָך האָבן „טראָבל״... און טאָמער וועסטו דאָס וועמען יאָ דערציילן, זאָלסטו למען השם אָנזאָגן, אַז דאָס איז אַ סוד...

— איך דערצייל קיינעם נישט און איך וועל קיינעם נישט דערציילן, און טשעפעט זיך אָפּ פון מיר! — האָט רייטשעל מיט כעס אַרויסגערעדט — איר מיינט, איך בין אַזאַ קאַלאַקאַטקע, ווי איר? וויפל מענטשן האָט איר דאָס שוין דערציילט?... די גאַנצע וועלט ווייסט שוין מסתמא וועגן דעם, האַ? פאַנאַנדערגעטראָגן

צווישן אַלע לאַנדסלייט, האַ? וואָס לאַכט איר? וואָס שטשירעט איר אייערע ציין, קאַלאַקאַטקע! — האָט זי גענומען שרייען אויף אים מיט גאַל — גייט, עס איז גאָר אַ חרפה מיט אייך צו רעדן!

און זי האָט זיך אומגעדרייט צו אים מיטן רוקן.

ער האָט שטיל און גוטמוטיק געלאַכט. ביי זיך אין האַרצן האָט ער דוקא געהאַלטן מיט איר: ער איז טאַקע אַ „קאַלאַקאַטקע". זיין ווייב און רייטשל זענען גערעכט. אַ ייד אין זיינע יאָרן, אַ פיר־און־פערציקער, אַ טאַטע פון זעקס קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין, האָט נישט געדאַרפט האָבן אַזאַ לאַנגע צונג... דאָס וואָלט גע־פאַסט פאַר אַ פרוי, צי פאַר אַ מאַן אַ יונגאַטש, און ער איז דאָך דוקא אַן אַנשטענדיקער, פרומער ייד, מיט גאָט אין האַרצן... נאָר גאָרנישט, שוין אַזאַ טבע האָט ער: נאָר גערעדט, נאָר געמאָלן מיט דער צונג. דערהערט עפּעס וועגן אַ באַקאַנטן, אַ באַקאַנטער, אַ לאַנדסמאַן, אַ לאַנדס־פרוי, דערציילט ער באַלד איינעם, אַ צווייטן, אויף זיין באַזונדערן שטייגער, אַלע מאָל שטאַרק באַזאַלצן און באַפּעפּערט, לויפט אַרום פון הויז צו הויז, פאָרט אַריבער צו־ליב דעם עקסטרע אין ניו יאָרק צו לאַנדסלייט, דערציילט וואָס ער האָט געהערט און אַ סך מאָל, וואָס ער האָט נישט געהערט, נאָר אַליין אויסגעטראַכט, און דערביי פאַרגעסט ער נישט יעדעס מאָל אויפמערקזאַם צו מאַכן יעדן איינעם, אַז מען זאָל למען השם נאָר נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז אַ סוד. אַ סך מחלוקות האָט ער אַזוי אַריינגעבראַכט צווישן זיינע לאַנדסלייט, צווישן מענער און פרוי־ען, מענער און מענער, און צווישן פרויען און פרויען... דערנאָך האָט עס אים פאַרדראָסן, ער האָט חרטה געהאַט אויף דעם, זיך געזידלט אינם האַרצן, געטראַכט ביי זיך, אַז אין אים זיצן גלגולים פון צען ווייבער און זיך אַ וואָרט געגעבן: נישט מער. נאָר באַלד ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט ער ווידער אָן זיין חרטה פאַר־געסן און ווידער צעטראָגן זיינע געשיכטעס, האָט דערפון ווילד הנאה געהאַט און דערנאָך, אַז אומיצער האָט דערפון געליטן, האָט ער, משה־בער, ווידער אויף אַ ווײַלע חרטה געהאַט און זיך ווידער געזידלט, ביז ער האָט ווידער אויף דאָס ניי אָן זיין חרטה פאַר־געסן...

אַזאַ מענטש איז ער געווען און אַזאַ מיאוסע שוואַכקייט האָט

ער געהאט... זיינער א לאנדסמאן, וואס האט געארבעט אין א יידישער צייטונג, האט אים גערופן „משה־בער דער פאעט'', זיין ווייב און רייטשל האבן אים גערופן „די קאלאקאטקע''. און א סך לאנדסלייט האבן אים א נאמען געגעבן „די אנשיקעניש''. אין דעם שאפ, וווּ ער האט געארבעט, האבן די ארבעטער צווישן זיך נישט געטארט רעדן, בעת דער ארבעט, איז ער דעם גאנצן טאג געשטאנען מיטן שווערן, הייסן פרעס־אייזן און האט אין זיין קאפ געשפינט מעשיות, וועלכע ער האט דערנאך דערציילט מיט אזא הנאה זיינע באקאנטע... די דאזיקע אלע מעשיות האבן געהאט, געוויינלעך, א טראפן ווארהייט אין זיך. פון אווארט אמת האט ער געשאפן א קווארט ליגן. ער האט עס אנערקענט ביי זיך אין הארצן. דערפאר האט ער קיין פאראיבל נישט געהאט, ווען מען האט עס אים אמאל אפן געזאגט, און דערפאר האט ער איצט אויך נישט פאראיבל געהאט אויף רייטשלען פאר אירע גראבע ווערטער. ער איז געשטאנען נאך א ווײַלע, געקוקט אויף איר, דערנאך האט ער זיך אנגערופן:

— אז דו ביזט אזוי אין כעס, מסתמא מוז דיר גוט ווי טאן דער קאפ. שלאף, שלאף, עס וועט פארבייגיין...

און ער איז אויף די שפיץ פינגער ארויס פון איר צימער.

דערהערט, אז ער איז ארויסגעגאנגען, האט רייטשל זיך צוריק אומגעדרייט מיטן פנים צום פענסטער.

— אזוי, יאכע האט חתונה געהאט מיט אן אלטן, רייכן מאן — האט זי געטראכט — יאכע... אזא פארשוין... אזא פיקטשור... — זאל דאס אמת זיין?... די קאלאקאטקע האט אפשר אויסגעטראכט די געשיכטע מיט דעם לאנדסמאן, וואס האט זי פאראומגליקט... אפשר איז די געשיכטע מיטן לאנדסמאן אויך נישט אויסגעטראכט? האט דאך מיט איר, מיט רייטשלען, אליין אויך עטוואס אזוינס פאסירט... זאל יאכע דערפאר האבן חתונה געהאט מיטן אלטן? קען זיין. זי אליין וואלט עס אפשר אויך געטאן... ניין, זי וואלט עס געטאן אן דעם אויך. א רייכער מאן... נו איז ער עלטער... וואס דען, אויסגעריסן ווערן מיט א יונגן?... וועמען קען זי נעמען, אן ארעמע ארבעטערין? אויך אן ארבעטער. וועט לעבן, ווי איר שוועסטער, אזא פינסטערן לעבן. דער מאן

וועט אַרבעטן אין שאָפּ. זי אין הויז, וואַשן און סקראָבען, און קאָכן און נייען, און ניאַנטשען די קינדער, אַ שיין לעבן! אַ זיס לעבן!...

— און עטל וועט זיין אַ פּאַני דאָקטאָרשע! — האָט זי פּלוצים אַרויסגעמורמלט מיט גאַל און אירע אויגן האָבן אַ ברען געטאָן מיט האַס — און זי וועט זיך שעמען מיט דעם, וואָס זי איז גאָר אַמאָל מיט מיר באַקאַנט געווען...

זי איז אַרונטערגעשפּרונגען פונם בעט און גענומען שפּרייזן אויפגערעגט איבערן צימער.

„שוין היינט שטייט איר נישט אָן מיר צו קענען!" — האָט זי געטראַכט און זיך דערמאָנט נאָך אָן סעמקען, האָט זי זיך ווידער שיער נישט צעוויינט, — „קיינער וויל מיך שוין מער נישט קענען, קיינער... פריער האָט ער מיך משוגע געמאַכט מיט זיינע ליבע־ערקלערונגען, האָט מיך ליב געהאַט און היינט... היינט... אוים! מען דערקענט מיך נישט... מען וויל מיך נישט דערקענען... מען באַליידיקט מיך... אוי, ווען איך וואָלט זיי אַלעמען געקענט..."

זי איז שטיין געבליבן אין מיטן צימער מיט די שוואַרצע, פאַרטראַכטע אויגן אויסגעגלאָצט אויפן פענסטער. אַזוי איז זי געשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע. דערנאָך האָט זי אַ טופּע געטאָן מיטן פוס אָן דער פּאָדלאָגע.

— אָלל־רייט, איבל דאָס טאָן! — האָט זי כמעט אויסגעשריגן.

זי האָט ווידער גענומען גיין איבערן צימער הין און צוריק און געטראַכט:

„יאָ, יאָ, אַזוי וועל איך טאָן. נישט געפערלעך, וואָס ער איז אָן עלטערער מענטש... סיי־ווי־סיי וואָלט איך איצט קיינעם נישט געקענט ליבן. און ער איז רייך. צען טויזנט דאָלאַר גרן גיט ער יענער, מוז ער זיין זייער רייך... דאָן וועל איך זיך מיט זיי אַלעמען אָפּרעכענען. אוי, וועל איך זיך מיט זיי אָפּרעכענען, אוי!... דעם שאַרלאַטאַנס פוס וועט נישט טאָרן אַריבערטרעטן דעם שוועל, ווי אַ הונט וועל איך אים פאַריאָגן פון דאָרט... און די.. די פּאַני דאָקטאָרשע, וועל איך דאָן אויך לערנען דרך־ארץ. איך וועל זיי אַלעמען דרך־ארץ לערנען, אַלעמען!"...

זי האָט זיך געזעצט נעבן אָפענעם פענסטער און געטראַכט

וויטער: „ער איז מיאוס, חלשות אויף אים צו קוקן... עס מאַכט אָבער נישט... ער וועט זיך ביי מיר אויספוצן, די באָרד וועט ער ביי מיר ארונטערנעמען... איך וועל זען אים אויסצומענטשלען אַ ביסל... און ווידער,—האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן,—איך דאַרף איצט נישט אויסקלייבן, איך טאָר נישט... איך בין שוין נישט די פריי־ערדיקע רייטשל נאָך יענער נאַכט... נאָך יענער נאַכט... נאָך יענער נאַכט"...

זי האָט ארומגעכאַפּט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט און אים פאַרצווייפלט געדריקט.

— שאַרלאַטאַן, באַנדיט — האָט זי געמורמלט — אַזוי מיך באַטראָגן און היינט דערקענט ער מיך נישט!... וואַרט, וואַרט, מיר וועלן שוין זען!...

און מיט אַמאָל איז איר ווידער איינגעפאַלן, ווי פריער ביי אָרען אויפן גאַניק, בעת זי האָט צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטאָן, הגם מער אין ביטערן שפּאַס, וועגן חתונה האָבן מיט אים, דער געדאַנק: טאָמער וועט ער זי גאָר נישט וועלן... זיין מאַמע און עטל וועלן געוויס נישט וועלן דערלאָזן, אַז ער זאָל מיט איר חתונה האָבן...

זי האָט זיך אַ הויב געטאָן פון איר אָרט.

„נו, וועלן מיר שוין זען! אַט דוקא ווייל זיי וועט דאָס נישט שמעקן, וועט ער מיט מיר חתונה האָבן, אַט דוקא!" — האָט זי געטראַכט מיט האַס.

איר שוועסטער איז אריינגעקומען.

— דיר טוט ווי דער קאָפּ, רייטשל? — האָט זי געפרעגט.

רייטשל האָט זי אָנגעקוקט, ווי מיט פאַרשלאָפענע אויגן.

— וואָס איז דער מער, רייטשל? דו קוקסט אויס עפּעס?...

און דאַן האָט רייטשל זיך אָנגערופן:

— וואָס זאָגסטו? מען רעדט מיר אַ שידוך...

— אַ שידוך? מיט וועמען?

— מיט אַ רייכן מאַן, אַן אַלמן...

— גאָר נישט קיין קרומע זאַך, אויב ער איז גאָר רייך...

— זייער רייך. ער גיט זיין טאָכטער צען טויזנט דאָלאַר נדן...

— צען טויזנט דאָלאַר, מאַמעלעך מיינע! — האָט רייטשלס

שוועסטער א פּאַטש געטאָן אין די הענט — נו, וואָס דענקסטו וועגן דעם?

— איך דענק, אַז עס לוינט זיך וועגן דעם א טראַכט צו טאָן — האָט רייטשל געענטפערט.

— וואָס הייסט עס לוינט זיך? — האָט רייטשלס שוועסטער זיך א כאַפּ געטאָן מיט התפעלות — נאַרעניו, סטייטש, דאָס איז דאָך עפּעס אַזאַ גליק, אַזאַ... האָט ער א סך קינדער?...

— ניין. די קלענסטע טאָכטער גיט ער איצט אויס פאַר א דאָקטאָר.

— און מער קיין קינדער האָט ער נישט? רייטשעלע, דאָס איז דאָך עפּעס... ווי הייסט ער? ווער איז ער?...

— דאָס קען איך דיר נאָך איצט נישט זאָגן, — האָט רייטשל געענטפערט פאַרטראַכט.

— וואָס האָסטו מורא? איך וועל דאָך דיר אודאי פאַרגינען...

— דו וועסט שוין וויסן...

— נו, גוט, דערציייל נישט. איך בין דיר מוחל. אָבער, רייטשעלע, מאַמינקע, זע, לאָז דאָס נישט דורך. עס מאַכט נישט וואָס ער איז אַן עלטערער מענטש... ביי אונז אין שטאָט האָבן רייכערע מיידלעך, ווי דו, חתונה געהאַט מיט עלטערע מענטשן און זייער לעבן אויף דיר געזאָגט געוואָרן. ווי אַלט איז ער: זעכ-ציק? פינף און זעכציק? זיבעציק? קוק נישט אויף דעם, טייערינ-קע!... אברהמל דעם דיינס טאָכטער האָט ביי אונז אין שטאָט חתונה געהאַט מיט שלמה־איצען דעם שניט־קרעמער, ווען ער איז אַלט געווען איבער זעכציק. און זי איז געווען א מיידל פון שיינעם יחוס....

— ער מוז זיין א יאָר פופציק — האָט רייטשל געזאָגט.

— פופציק? נישט מער? מאַמעלעך מיינע, איז ער דאָך נאָך גאָר אין די בעסטע יאָרן! — האָט רייטשלס שוועסטער אויסגע-שריגן.

משה־בער איז אַריינגעקומען. זיין ווייב האָט זיך א וואָרף גע-טאָן צו אים:

— משה־בער, וואָס זאָגסטו? מען רעדט איר א שידוך מיט א גביר...

— וועמען, רייטשלען? נו?...

רייטשל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— דערציייל אים נישט קיין מעשיות, דער קאַלאַקאַטקע. ער וועט דאָס נאָך פאַנאַנדערטראָגן, איידער וואָס ווען...

— איך? — האָט זיך משה־בער אָנגערופן — איך וועל קיינעם נישט דערציילן...

— רייטשל איז טאַקע גערעכט — האָט זיין ווייב געזאָגט — בעסער, אַז דו וועסט נישט וויסן...

— וואָס? וואָס? דערצייל. מען רעדט איר אַ שידוך מיט אַ רייכן מאַן? — איז משה־בער צוגעשטאַנען צו זיין ווייב און זיינע אויגן אונטער די געלע ברעמען האָבן זיך צעבראַנט: — טאַקע?...

— ניין, ניין, גאָרנישט, גאָרנישט, — האָט זיין ווייב אים געענטפערט — עס וועט זיין אַ סך גלייכער, ווען דו וועסט דאָס נישט וויסן.

— וואָס האָסטו מורא צו זאָגן?

— איך ווייס גאָרנישט, גאָרנישט. שווייג, קאַלאַקאַטקע! — האָט זי אויף אים אַ געשריי געטאָן.

דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו רייטשלען און זיין פּנים מיטן געלן בערדל האָט אויסגעדריקט די העכסטע נייגעריקייט:

— רייטשל, טאַקע?...

— וואָס טאַקע? וואָס טאַקעוועט איר? גאָרנישט. מען רעדט נישט קיין שידוכים און עס איז נישט אייער זאַך! — האָט אים רייטשל געענטפערט מיט כּעס.

— קום אַרויס פון דאַנען, זי וויל זיך צולייגן — האָט דאַן זיין ווייב זיך אָנגערופן צו אים און אים אַ שלעפּ געטאָן ביים אַרבל — קום, זי האָט אַ קאָפּ־ווייטאָג.

— איך גיי, איך גיי. אַזוי, מיט אַ רייכן מאַן?... טאַקע? — האָט ער גערעדט, גייענדיק צו דער טיר.

— רייטשל — האָט איר שוועסטער אַרויסגעשעפּטשעט, צו־גייענדיק צו איר נאָענט: — געדענק, אַז עס מאַכט זיך אַזאַ גליק, לאָזט מען נישט איין...

און זי איז אַרויס נאָך איר מאַן.

געבליבן אַליין, האָט זיך רייטשל ווידער געזעצט ביים פענס־

טער און גענומען טראַכטן, ווי אַזוי איצט צו האַנדלען.

זי מוז איצט טרעפן אַרען. ווו קען זי אים טרעפן? גיין צו אים אַהיים וועט איצט זיין אומאַנגענעם... סיידן אין סטריט אים טרעפן, אָבער ווו?... בעסער וואָלט געווען, אַז זי זאָל קומען צו אים אַהיים מיט אַ תירוץ. וואָס פאַר אַ תירוץ?... זי האָט עפּעס פאַרגעסן דאָרט... אָבער ווען זי טרעפט עטלען דאָרט און נישט אים?... אוי, פאַרוואָס איז דאָס איר פריער נישט איינגעפאַלן, זי וואָלט זיך דאַן נישט צעקריגט מיט יענער. פאַרקערט, זי וואָלט זיך געסטאַרעט אויסצוקומען מיט יענער אדרבה ואדרבה און דער־ ווײַלע געזוכט צו געפעלן אַרען, אַריינקריגן אים, ביז זי וואָלט אים אַזוי ריכטיק אין די הענט געהאַט, דערנאָך גערעכנט זיך מיט זיי ווי געהעריק איז... איצט איז פאַרפאַלן, מען מוז אויסטראַכטן עפּעס אַנדערש...

זי האָט זיך אויפגעהויבן פונם אָרט, גענומען אַ יידישן ראָ־ מאַן פונם טישל און זיך געלייגט אויפן בעט. זי האָט אָבער נישט געקענט לעזן און אים באַלד געוואָרפן.

,,ווען איך וואָלט געקענט איינשלאָפן'' — האָט זי אַ טראַכט געטאָן און איינגעגראָבן דעם פּנים אין קישן. עס האָט איר גענו־ מען אַ היפּשע ווײַלע, — ביז זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין אַ שטונדע אַרום. דאַן איז זי אַ ווײַלע געלעגן מיט אָפענע אויגן און דערנאָך איז איר איינגע־ פאַלן, זי וועט זיך גאָר אַביסל דורכגיין אין סטריט.

זי איז אַרונטער פונם בעט, פאַרריכט אויף זיך דאָס קלייד, איז אַריין אין קיך, האָט זיך איינגעוואַשן דאָס פּנים, דערנאָך זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי און איז מיט דעם אַריין אין עס־צימער. דאָרט איז איר שוועסטער געשלאָפן אויף דער זאָפע און געכראָ־ פעט. זי האָט איר כראָפּען נישט געקענט פאַרטראָגן, איז זי מיטן טיי אַריין צו זיך אין צימער און האָט זיך געזעצט ביים אָפענעם פענסטער מיט דער גלאָז אין דער האַנט.

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט איר שוואָגערס קול פונם גאַ־ ניק. זי האָט זיך גענומען צוהערן. ער האָט עפּעס דערציילט...

— הקיצור, — האָט יענער דאָרט דערציילט, — רייטשל איז דאָך אַ מיידל. איינע אין דער וועלט... ווו זעט מען נאָך אַזאַ פאַר־

שוין?... האָט יענער שיער די אַפּאָפּלעקסיע נישט געכאַפּט, אַז ער האָט זי דערזען... און ער האָט גענומען שיקן צו איר שדכנים און אַזוי גוטע פריינט: „רייטשעלע לעבן, איך קאָן אָן דיר נישט לעבן. דעם חיות האָסטו ביי מיר אַפּגענומען. אינם הארצן ביזטו מיר איינגעבאַקן. דאָס אויג פונם קאָפּ ביזטו ביי מיר. איך גיב דיר מיינע אַלע מיליאָנען, מיינע פערד און קערידזשעס, מיין גאַנצן האָק און פּאַק, אַבי האָב חתונה מיט מיר...״

— אוי, ער קאַלאַקאַטעוועט שוין דאָרט — האָט רייטשל אַרויסגעמורמלט און האָסטיק אַרויסגעשפּאַרט דעם קאָפּ דורכן פענסטער. זי האָט דערזען אויפן גאַניק צוויי שכנות, איינע מיט אַ קינד אויפן שויס, און איר שוואָגער צווישן זיי. ער האָט זי דער־זען, האָט ער צעמישט אַפּגעהאַקט אין מיטן און דערנאָך געפרעגט:

— וואָס מאַכט דיין קאָפּ, רייטשל?

זי האָט אים נישט געענטפערט, נאָר אַ קוק געטאָן אויף אים מיט פאַראַכטונג. האָט זיך צוריק אַ כאַפּ געטאָן און מיט געפיל־דער פאַרמאַכט דעם פענסטער.

דאַן האָט זי אָנגעטאָן איר הוט און איז אַרויס פון הויז.

די צוויי שכנות און איר שוואָגער האָבן זיך גענומען סודען, בעת זיי האָבן זי דערזען. זי האָט זיך אָבער נישט אומגעקוקט אויף זיי און איז אַוועק צו פּיטקין עוועניו.

צוגעקומען צו פּיטקין עוועניו, איז איר איינגעפאַלן צו גיין אַביסל אויפן בולוואַר, און זי איז אַוועק אין יענער ריכטונג. אַרום און אַרום, פון ביידע זייטן, האָבן זיך געצויגן ליידיקע, נישט־פאַרבויטע פּלעצער. נאָר דאָ און דאָרט איז געשטאַנען אַ נייע הויז, אַרומגעצוימט מיט אַ הילצערנעם פּאַרקאַן, צי אַ הילצערנער פאַר־קאַן אַרום אַ ליידיקן פּלאַץ אָן אַ הויז... עטלעכע שווערע וועגן מיט ציגל זענען פאַרביינגעפאָרן און האָבן זיך אַריינגעקירעוועט אין אַ זייטיק געסל...

באַלד איז זי געווען אויפן בולוואַר. צווישן די גרינע רייען בוימער האָט זיך יעדע וויילע דורכגעטראָגן דאָ, פייל פון בויגן, אַ מאָטאָר־סייקעל מיט אַ לאַנגען זשווזשען, ווי אַ האָסטיק־פליענ־דער ווינט, און געקנאַקט, אַזוי ווי ער וואָלט מיט אַ פּיסטאָלעט געשאָסן. און באַלד מיט אַ רוישן און קלינגען אַן אויטאָמאָביל...

קאַרעטן מיט קוטשערס אין צילינדערס זענען געפאָרן. שווערע וועגן מיט שטאַרקע האָרעפּאַשנע פערד, אָנגעטריבן פון שטאַרקע, האָרעפּאַשנע מענטשן, האָבן זיך געשלעפּט. פרויען מיט קינדער האָבן געשפּאַצירט. יונגע מאַמעס האָבן אויסגעפּוצטע בייביס אין אויסגעפּוצטע וועגעלעך געפירט און צו זיי מיט מוטערלעכער התפעלות גערעדט...

די גרינע בערגלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן אין דער לענג פונם בולוואַר, זענען אויך געווען באַלעבט. אויף איין בערגל האָבן אַרומגעשפּאַצירט הינער. אויפן צווייטן האָבן געשריגן גענז. און דאָרט, אויפן בערגל, האָבן זיך געפּאַשעט ציגן. און דאָרט איז אַרומגעגאַנגען אַ ווייסער פערד און געשציפּליעט די גראָז. אויף אַ בערגל, וואָס איז געווען העכער פון די אַנדערע, איז געלעגן אַ ניגער מיטן קאָפּ צום בולוואַר, די הענט פאַרלייגט אונטערן נאַקן. אין דער אַרומיקער העלקייט און גרינקייט האָט זיין שוואַרצער קאָפּ מיט די געקרויזטע האָר, ווי ביי אַ שעפּס, אויסגעזען פון ווייטן ווי אַ גרויסער שוואַרצער קנויל וואָל...

גייענדיק פאַרטאָן אין זיך, האָט רייטשל יעדע ווילע אויפגעציטערט, דאָ פון אַ פייפן פון אַן אויטאָמאָביל אַהינטער איר און דאָ פון אַ מאָטאָר־סייקעל־שיסעריי. פּלוצים האָט זי זיך אַ צאַפּל געטאָן און איז שטיין געבליבן. עטלעכע טריט פאַר איר איז געשטאַנען אַ וואָגן, אויף וועלכן עס זענען געזעסן עטל און איך דאָקטאָר. ווייטער אַביסל אָן אַ זייט איז געשטאַנען סעמקע מיט אַן אומבאַקאַנטן יידן און האָט מיט היץ עפּעס גערעדט און געמאַכט מיט די הענט.

רייטשל האָט זיך צוריקגעקוקט.

„הייסט עס, אַז דער אַלטער איז דאָרט אַליין‟ — האָט זי אַ טראַכט געטאָן — „אפשר זאָל איך איצט אַהין צוגיין?... יאָ! אַפּלייגן טאָר מען נישט. ווייבאַלד, אַז ער טראַכט וועגן אַ שידוך, וועלן זיך געפינען מיידלעך געפינען, וואָס וועלן זיך איילן אויף זיין געלט‟...

אַ ווילע שפּעטער, ווען זי האָט דערזען פון ווייטן אָרעם הויז, האָט זי זיך אַ פרעג געטאָן: „אָבער ווי הייבט מען דאָס אָן‟?

און זי האָט זיך גלייך געענטפערט: „ניש־קשה, איך וועל שוין ווייסן ווי!"

און זי האָט גענומען. גיין שנעלער.

קיין קלאָרן, אויסגעאַרבעטן פּלאַן האָט זי נאָך אינם קאָפּ נישט געהאַט, נאָר זי האָט דערשפּירט אין זיך די דערוואַכונג פון יענעם באַזונדערן אינסטינקט פאַר אינטריגעס, יענעם שאַפונג־אינסטינקט, וועלכער איז אין יעדער פרוי דאָ, און זי האָט זיך אויף אים גאַנץ אומבאַוווסטזיניק פאַרלאָזן...

אויפן גאַניק איז אָרע נישט געווען. האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. אפשר איז ער ערגעץ אַוועק? אפשר שלאָפט ער? דאָן לוינט זיך נישט אַריינגיין אין הויז.

פונדעסטוועגן איז זי פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז און האָט זיך פאַרקוקט אויף די פענסטער, טאָמער וועט זי אים דערזען. זי האָט אים נישט געזען.

מיט אַמאָל האָט זי דערהערט זיין שטימע:

— רייטשל, וווהין גייסטו?

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, אומגעקוקט זיך און אים דער־זען אויף דער אַנדערער זייט קעגנאַיבער, וווּ מען האָט געגראָבן די פונדאַמענטן פאַר סעמקעס הייזער.

— איך האָב אייך געוואָלט זען, ר' אָרע! — האָט זי זיך אָנ־גערופן אַביסעלע צעמישט.

ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו איר.

— דו ווילסט מיך זען. קום, מיר וועלן זיך צוזעצן.

— איך וויל נישט. דאָרט איז אייער עטל. מיר איז נישט אָנ־גענעם — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַן ערנסטער מינע.

— עטל איז נישטאָ. זי איז אַוועק מיט איר חתן. און ווידער, קיין בייז נישט — האָט ער זיך צעלאַכט — איר וועט זיך נאָך איבערבעטן. ווייס איך!... קום, קום אויפן גאַניק, זיי נישט קיין קינד...

זי איז כלומרשט נישט ווילנדיק מיט אים אויפן גאַניק אַרויף און האָט זיך דאָרט געזעצט.

ער האָט זיך געזעצט נעבן איר.

זי האָט אַרויסגעצויגן דאָס טיכל פונם אַרבל און זיך גענומען מיט אים פּאָכען. דאַן האָט זי זיך אָנגערופן:

— ר׳ אָרע, איך וויל ביי אייך פרעגן אַן עצה. דעם אמת געזאָגט, האָב איך דאָס נאָך פריער ביי אייך געוואָלט פרעגן. נאָר, איר ווייסט דאָך, אין מיטן דערינען האָב איך זיך מיט עטלעך צעווערטלט און איך בין אַוועק אָן אייער עצה. איך האָף, אַז איר זענט מיר אַן אמתער פריינט און איר וועט מיר געבן אַ ריכטיקע עצה.

— אוודאי, רייטשל, גלויב מיר, ווי אַן אייגן קינד ביזטו ביי מיר — האָט ער געזאָגט מיט אַ וואַרעמקייט אינעם קול.

— איר, ר׳ אָרע, זענט אַ ייד מיט שכל — האָט זי ווייטער גערעדט מיט זייער אַן אומשולדיקער מינע — אַ באַוויז, אַז איר האָט אין אַזאַ קורצער צייט זיך אַזוי אַרויפגעאַרבעט...

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ:

— דאַנקען גאָט, קיין נאַר בין איך דאַכט זיך נישט...

— אַ נאַר גאָר? — האָט רייטשל ווי מיט התפּעלות אויסגעשריגן — אַ ייד אַ חכם זענט איר! מיין שוועסטער זאָגט מיר: גיי צו אָרען און זיי זיך מיט אים מיישב. אויף זיין עצה וועסטו זיך קענען פאַרלאָזן... הקיצור, ר׳ אָרע, עס איז אַזאַ געשיכטע, איך בין אַ מיידל, וואָס איך האָב נישט קיין סך פריינט, מיט וועמען איך זאָל זיך קענען מיישב זיין. און אויף מיין אייגענעם שכל וויל איך זיך נישט פאַרלאָזן. וואָס ווייס איך? דעם אמת געזאָגט, בין איך דאָך נאָך גאָר אַ קינד. וואָס פאַרשטייט אַ מיידל פון ניינצן יאָר? — האָט זי גערעדט מיט אַן אומשולדיקער מינע — אַמאָל האָב איך ליב אַ שטיף צו טאָן, אייער מאַמע מיינט, אַז איך שטיף, ווייל איך בין אַ הולטייקע. אין דער אמתן אָבער, ר׳ אָרע, גאָט איז מיין עדות, אַז איך שטיף נישט, ווייל איך בין אַ הולטייקע. גאָרנישט, מען האָט קינדערשן שכל, שטיפט מען!...

— אמת! אמת! — האָט אָרע אונטערגעכאַפּט מיט התפּעלות.

— דו ביזט נאָך גאָר אַ קינד...

— איך וועל עלטער ווערן, וועל איך מסתמא מער נישט שטיפן.

— ווען מען אַרט עס, אַז דו שטיפסט? — האָט אָרע זיך אַ

כאַפּ געטאָן — פאַרקערט, געזונטערהייט... דו טוסט עפּעס אַ הול־טייסטווע?...

— איר ווייסט דאָך, ר׳ אָרע, מיט קיין באַיעס, ווי אַנדערע מיידלעך, גיי איך נישט אַרום. אין אַ דענסינג־סקול איז מיין פוס קיינמאָל נישט געווען. איך בין, דאַכט זיך, אַ מיידל, ווי גאָט און לייט האָבן געבאָטן...

— אויף אַלע יידישע מיידלעך געזאָגט געוואָרן. איך קען דיך נישט, וואָס?...

— אָבער וואָס האָב איך זיך צערעדט וועגן זיך? הקיצור, ר׳ אָרע, מען רעדט מיר שידוכים...

— האַ? — האָט זיך אָרע אַ כאַפּ געטאָן און צעמישט גענו־מען שמייכלען.

אָרע האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך שטיל אַרויסגערעדט:

— מיט וועמען רעדט מען דיר?

— מען רעדט מיר אַ באָי, אַ גאַנץ פיינעם באָי, האָט אַ שטיקל געשעפט אין ניו יאָרק, וויל מיך נעמען אָט אַזוי ווי איך שטיי און גיי...

אָרע האָט זיך אויפגעהויבן פונם אָרט, איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן גאַניק, האָט זיך געגלעט פאַרטראַכט די באָרד און דער־נאָך זיך ווידער אָפּגעשטעלט נעבן איר.

— נו? — האָט ער אַרויסגערעדט — וואָס איז די מניעה?

אַ באָי, אַ פּאַרדינער... אַ פיינער... גאַנץ גוט.

— מיר אָבער איז ער נישט געפעלן...

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— האַ?

— איך האָב עפּעס נישט קיין צוטרוי צו בויעס, איך מיין צו אַמעריקאַנער באָיעס... וואָס איז אייער עצה, ר׳ אָרע?

אָרע האָט אַ דריק געטאָן די אַקסלען, גענומען ווידער שפּרייזן איבערן גאַניק הין און צוריק און געגלעט זיך די באָרד. דאַן האָט ער טיף אַ זיפץ געטאָן, איז צוגעגאַנגען צו איר און געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקטן קול:

—דו פרעגסט ביי מיר אַן עצה, מוז איך דיר געבן, ווי אַזוי איך פאַרשטיי... הער־זשע, רייטשל — ער האָט אַ הוסט געטאָן,

אזוי ווי די דאָזיקע ווערטער האָבן זיך ביי אים אין האַלז פאַר־טשעפּעט און ער האָט זיי מיט געוואַלד פון דאָרט געוואָלט אַרויס־הוסטן — הער־זשע... דו ביזט אַן אָרעמע מיידל, קלייבן דאַרפסטו נישט. מאַכט זיך דיר אַ באַי, אַ פיינער און נאָך דערצו אַ פאַר־דינער אויך. דאַנק גאָט, און לאָז אים נישט איין. דאָס איז מיין עצה.

„אָט האָסטו דיר" — האָט רייטשל אַ טראַכט געטאָן — „קלאָרע דבורים, אַ באַווייז, אַז ער האָט מיך איצט אפילו נישט אין זינען".

און אויף אַ רגע איז זי צעטומלט געוואָרן. באַלד אָבער איז זי געקומען ווידער צו זיך און גענומען ווייטער פלעכטן איר אינטרי־גע, איצט שוין מיט אַ מין פאַרצווייפלונג:

— יאָ, איר זענט גערעכט, ר' אָרע. אָבער איך וויל טאָן אַ שידוך מיט אַן עלטערן מענטשן, נישט מיט אַ באַי. מיין שווער־טער רעדט מיך אויך צו.

אָרע האָט אויף איר אויסגעגלאָצט די אויגן.

— וואָס זאָגסטו? — האָט ער אַרויסגערעדט.

— מען רעדט מיר אַ שידוך מיט אַן עלטערן מענטשן — האָט זי געענטפערט — ער איז זייער רייך...

— האַ? — האָט ער אַרויסגעמורמלט, נישט אַרונטערנעמענ־דיק די אויסגעגלאָצטע אויגן פון איר פּנים, און זיך אַרונטערגע־לאָזט אויפן שטול נעבן איר.

— אַן עלטערן מענטשן? — האָט ער געמורמלט — ווי אַלט איז ער?...

— אַ יאָר זעכציק מסתמא — האָט זי שטיל געענטפערט.

— זעכציק? אזוי? זעכציק? נו, און דו וואָלסט גע־טאָן — האָט ער געמורמלט.

— איך וויל הערן אייער עצה — האָט זי נאָך שטילער גע־זאָגט און צוליינגנדיק: „אוי ווי הייס!" האָט זי גענומען רייבן דעם אַרבל פונם קלייד אַן אָרעם, האָט אים הויך אַרויפגעקאַשערט, כמעט ביזן סאַמע אַקסל און אים בלומרשט פאַרגעסן אַרונטערצוציען.

איר יונגער, רונדער, דיקער טונקל־ראָזעווער אָרעם האָט אַ בלענד געטאָן פאַר זיינע אויגן און ער האָט אינגאַנצן אַ צעמישטער

אַפּגעקערט דעם קאָפּ. דאַן האָט זי זיך פּלומרשט מיט שרעק אַ כאַפּ געטאָן:

— אוי, וואָס איז דאָס!

און האָט שנעל אַרונטערגעצויגן דעם אַרבל אויפן אָרעם.

— אַנטשולדיקט, ר׳ אָרע, איך האָב גאָר נישט באַמערקט — האָט זי צוגעלייגט מיט אַ שטיל קול.

— עס מאַכט נישט, עס מאַכט נישט — האָט ער געמורמלט מיט אַ קעלבערנעם שמייכל.

דאַן איז ער ווידער אויפגעשטאַנען און האָט ווידער גענומען שפּרייזן איבערן גאַניק הין און צוריק. דאָס מאָל מיט אַ צעמישטן שמייכל, צעגאָסן איבערן גאַנצן פּנים, אין די אויגן און זאַגאַר איבער זיין משונהדיקער באָרד, האָט זיך געדוכט, אויך. מיט אַמאָל האָט ער זיך אָנגערופן:

— קום, וועסט זיך אַביסל דורכגיין מיט מיר?

„אַהאַ! געטראָפן!” — האָט זי אַ טראַכט געטאָן מיט אַ גע־פיל פון פריידיקן נצחון און געענטפערט:

— געוויס, וואָס זיצן מיר אויף איין פּלאַץ? עס איז אַזוי גוט איצט זיך דורכצוגיין...

16

אָרעס דערקלערונג

זיי זענען אַוועק אין דער ריכטונג, ווו דער וואַלד איז פריער געשטאַנען. דאָ איז איצט געווען שטיל. די אַרבעטער, וואָס האָבן דאָרט די נייע סטריטן געשניטן, זענען איצט געווען שוין אַוועק. די זון איז אונטערגעגאַנגען. דער האָריזאָנט האָט געפלאַקערט.

אַ ווײַלע זענען זיי געגאַנגען און האָבן געשוויגן. דערנאָך האָט אָרע זיך אָנגערופן מיט אַן אויפגערעגטן קול:

— רייטשעל, נו? און וואָס איז דיין מיינונג מכּוח אַזאַ עלטערן מענטשן?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט. מיר געפעלט בעסער חתונה צו האָבן מיט אַן עלטערן מענטשן. אודאי, זעכציק יאָר אַ מאַן איז

אביסל צו אלט, מיט א מאן פון א יאר פופציק וואלט איך אודאי צופרידענער געווען חתונה צו האבן, נאר...

זי איז אנטשוויגן געווארן.

„און מיר איז געווארן צוויי און פופציק", האט ער א טראכט געטאן.

— איך רעכן אויך, רייטשל, אז דו וואלסט געקענט קריגן א יינגערן מענטשן פון זעכציק,—האט ער זיך דערנאך אנגערופן,— ווייבאלד אז דו ביזט מסכים חתונה צו האבן מיט אן עלטער׳ן מענטשן...

— זיכער, זיכער, נאר מיט אן עלטערן... — האט רייטשל געזאגט — מיט אן עלטערן מענטשן איז מען זיכערער אין אלע הינזיכטן און...

— דו ביזט גערעכט — האט ארע אונטערגעכאפט מיט היץ — אן עלטערער מענטש, ווען גאט זאל אים מזכה זיין מיט אזא ווייב ווי דו, וויי! ווי א בת מלכה וואלסטו ביי אים געלעבט. פון פויגל־מילך וואלט דיר נישט געפעלט. אויף די הענט וואלט ער דיך געטראגן. אין קערידזשעס וואלסטו ביי אים געפארן. גאלד אינם האלז וואלט ער דיר געגאסן.

זי האט א קוק געטאן אויף אים פון דער זייט און פלוצים האט זי געפרעגט:

— ווי אלט זענט איר, ר׳ ארע?

ארע האט זיך א צאפל געטאן.

— איך?... ווי אלט איך בין?...

ער האט א ווײלע נאכגעטראכט און האט נישט גאנץ דרייסט געענטפערט:

— זעקס און פערציק...

און אזוי ווי ער האט נישט געוואלט זאגן קיין ליגן, האט ער נאך צוגעלייגט:

— זעקס און פערציק מיט עפעס...

זי האט א טראכט געטאן: „אזוי פיל מכות עטלען מיט יענעם שארלאטאן, פיל יאר איר האט ביי זיך ארונטערגעלאטכנט!" און זיך אנגערופן מיט אן אומשולדיקער מינע:

— זענט איר דאך נאך גאר א יונגערמאן!

— וואָס דען האָסטו געמיינט?
ער האָט אָנגעהויבן צו לאַכן.
דאַן האָבן זיי א ווײַלע ווידער געשוויגן.
מיט אַמאָל האָט זי ווידער געפרעגט:
— נו, און ווען וועט איר אַליין חתונה האָבן?
— איך?... כ׳ווייס?... ווען עס זאָל זיך מיר מאַכן עפּעס...
ער האָט זיך אויסגעהוסט. דאַן האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, אַקוראַט ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז אימיצער זאָל נישט אונטערהערן, און דערנאָך האָט ער געזאָגט מיט א שטאַרק אויפגערעגטן קול:
— רייטשל, הער נאָר... א שטייגער ווי וואָלט געווען...
ער האָט אָפּגעהאַקט.
— וואָס? — האָט זי געפרעגט.
— א שטייגער ווי וואָלט געווען... אַז איך... קען איך מיט דיר רעדן אָפן, רייטשל?
— געוויס, רעדט נאָר...
— איך האָב געוואָלט צו דיר שיקן א שדכן, רייטשל...
— צו מיר?
— יאָ, דו ביזט באמת אײַנגעבאַקן בײַ מיר אינם האַרצן, רייטשל...
רייטשל האָט אים אָנגעקוקט, אַזוי ווי זי האָט אים בלומרשט נישט פאַרשטאַנען.
— וואָס מיינט איר?
— איך מיין... איך מיין... — ער האָט זיך אָפּגעווישט מיטן אַרבל דעם שווייס פונם שטערן — וואָס זאָל איך מיינען?... אודאי חתונה האָבן... רייטשל, איך זאָג דיר... איך זאָג דיר... וואָס זאָל איך דיר זאָגן? — האָט ער גערעדט מיט א מין רחמנותדיק קול — דו ווייסט גאָר נישט, ווי איך וואָלט דיר געקוקט אין די אויגן אַרײַן. דאָס שענסטע הויז וועל איך דיר געבן. דאָס טעלערל פונם הימל. און מיין נישט, — איז ער ביסלעכווייז געוואָרן בײַ זיך אַלץ דרייסטער און זיכערער — אַז איך בין אַן עלטערער מענטש. איך בין א סך יינגער פון א סך היינטיקע בחורים... איכל דיר זאָגן, רייטשל, מיין ווייב חוה־דוואָשע, דיר צו לאַנגע יאָר, זאָל זי

מיר מוחל זיין... איז פאר די לעצטע יארן געוועו, עט, זאל זי מיר מוחל זיין! קראנק און קראנק, און קראנק!... קורץ, רייטשל, די ביזט א יונג קינד, אפשר וועסטו מיך אינגאנצן נישט פארשטיין...

ער איז מיט אמאל אנטשוויגן געווארן און האט זיך ווי פאר־שעמט.

— רעדט, רעדט, פארוואס זענט איר אנטשוויגן געווארן? — האט רייטשל זיך אנגערופן גאנץ שטיל.

— איך וויל נישט... עפעס נישט שיין... אפשר פאסט נישט צו רעדן צו אזא קינד, ווי דו — האט ער געמורמלט און גע־שמייכלט צעמישט.

— אויב עס איז נישט שיין, טא רעדט בעסער נישט — האט זי מיט אן אומשולדיקער מינע געזאגט.

— ניין, פארוואס נישט שיין? — האט ער זיך דאן מיט אמאל א כאפ געטאן — דו מעגסט עס טאקע וויסן! רייטשל, הקי־צור, מיין ווייב איז קיין ווייב נישט געווען, מיט אנדערע האב איך אודאי נישט הולטאיעוועט, חלילה. קורץ: איך בין מער בחור פון אלע בחורים!...

רייטשל האט זיך צעלאכט, און ער האט זיך דאן ווידער פאר־שעמט און גענומען מורמלען:

— איך מיין... דו פארשטייסט... האב קיין פאראיבל נישט... איך בין א פשוטער ייד... איך רעד דעם הוילן אמת...

רייטשל האט געלאכט אין זיך, און איר הארץ, פול נצחון, האט געטאנצט אין איר ברוסט. זי האט זיך גאר נישט געריכט, אז דאס זאל איר אנקומען אזוי לייכט און אזוי שנעל. איצט האט זי גענומען ארומטראכטן, ווי אזוי זאל זי ווייטער האנדלען: צי זאל זי אים גלייך ענטפערן „יא", צי זאל זי אים נאך אביסל „ציען די עצמות"... צום סוף האט זי אויסגערעדט:

— איך וועל אייך זאגן דעם אמת, אויף דעם האב איך זיך גאר נישט געריכט... איך בין געגאנגען צו אייך, ווי איך וואלט צו מיין לייבלעכן טאטן געגאנגען, וועגן אן עצה, און מיט אמאל...

ער האט איר אונטערבראכן:

— דו וועסט זען, רייטשעלע, אז דו וועסט נישט חרטה האבן. דאס אויג פונם קאפ וועסטו ביי מיר זיין. טייערער ווי דאס

שוואַרץ־אַפּל פון מײַנע אויגן װעסטו בײַ מיר זײַן... נו, װאָס זאָג־סטו?...

זי האָט געשוויגן.

— װען דו בּיזט מסכּים, קויף איך בּאַלד אַ שײנע הויז פאַר דיר — האָט ער װײַטער אָנגעהויבן — און שוין מאָרגן אַרבּעטסטו נישט מער... גלויב מיר, רײַטשעלע, — האָט ער צוגעלײגט מיט גע־בּעט אין זײַן קול — גלויב מיר... אוי, אַז איך האָב גאָר קיין װערטער נישט פאַר דעם!...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און האָט זיך שיער נישט צעלאַכט. אַזוי קאָמיש האָט ער אויסגעקוקט, אַזאַ נאַרישער און קעלבּערנער אויסדרוק איז אויף זײַן פּנים צעגאָסן געװען. זי האָט אָפּגעקערט פון אים דעם קאָפּ, װײַל זי האָט דערפילט, אַז אירע שוואַרצע, קאָכעדיקע אויגן, פון װעלכע אַ געלעכטער האָט גע־שפּריצט, פאַרראַטן זי...

דערנאָך, אַז זי האָט זיך בּאַהערשט, און אַגב אויסגעטראַכט װאָס אים צו זאָגן, האָט זי זיך װידער אַ קער געטאָן צו אים און אַרויסגערעדט:

— איך קען אײַך איצט גאָר נישט זאָגן...

— פאַרװאָס?

— װײַל אַזאַ זאַך מוז מען פריער בּאַטראַכטן...

ער האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ װײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ ציטערדיק קול:

— װען װעסטו מיר געבּן אַ תּשובה?

— װען?... כ'װייס?.. אַזאַ זאַך מוז מען גוט אַרומטראַכטן...

— האַ? װאָס איז דאָ לאַנג צו טראַכטן?... װיבּאַלד אַז דו װילסט חתונה האָבּן מיט אַן עלטערן, איז, דאַכט זיך, די גלײַכסטע זאַך, נישט צו מאַכן קיין שהיות — האָט ער געזאָגט שטיל, מיט בּענקעניש אין קול — גלויב מיר, װי דאָס אויג פונם קאָפּ...

— איך װעל אײַך אפשר נאָך מאָרגן געבּן אַ תּשובה...

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— מאָרגן? גוט, געדענק, רײַטשל, װי דאָס אויג פונם קאָפּ..

און דערנאָך האָט ער נאָך אַ קורצן שװײַגן זיך אָנגערופן:

— און פאַרוואָס עפּעס נישט איצט?... ווי באַלד מיט אַן עלטערן מענטשן... פאַרוואָס זאָלסטו מיר טאַקע גלייך נישט זאָגן?

זי האָט אים געענטפערט:

— גלייך ענטפערן אייך וועגן אַזאַ זאַך טאָר איך נישט. איך וויל אייך נישט אָפּנאַרן. איצט ליב איך אייך, ווי אַ ליבלעכן טאַטן, שפּעטער אפשר... יאָ, יאָ, איך פֿיל, אַז איך וועל אייך נאָך אַנדערש אויך ליבן, אָבער באַדענקען אַזאַ זאַך מוז מען...

— רייטשל, גלויב מיר, ווי דאָס אויג פֿונעם קאָפּ... — האָט ער ווידער אַרויסגעמורמלט, נישט געפֿינענדיק קיין איין אַנדערן אויסדרוק פֿאַר זיינע געפֿילן, מיט וועלכע זיין האַרץ איז איבערפֿולט געווען.

פּלוצים איז איר איינגעפֿאַלן: פֿאַרוואָס אים טאַקע נישט באַלד זאָגן? מאַלע-וואָס עס קען נאָך געשען. אָפּגעפּטרט און אַ סוף! דערנאָך לאַכן פֿון זייערע אַלעמענס קעפּ!...

און זי האָט זיך אָנגערופֿן:

— אָלל-רייט, איך בין צופֿרידן...

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— האַ?!...

— איך האָף, אַז מיר וועלן ביידע נישט חרטה האָבן, — האָט זי וויטער גערעדט.

ער האָט געקוקט אויף איר, רויט ווי פֿייער, און זיין גאַנצער שווערער קערפּער מיט די ברייטע אַקסלען האָט אויפֿגעציטערט פֿאַר אויפֿרעגונג. אַ ווײַלע איז ער נישט אימשטאַנד געווען קיין וואָרט אַרויסצוברענגען. האָט נאָר מיט די ליפּן געמאַכט. דערנאָך האָט ער זיך אַ כּוח אָנגעטאָן און אַרויסגערעדט מיט אַ ציטערדיק קול:

— רייטשל, דו מיינסט עס טאַקע... אויף אַן אמת?...

— געוויס, וואָס דען האָט איר געמיינט?... וועגן אַזוינע זאַכן שפּאַסט מען נישט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. די פֿיס האָבן זיך אונטער אים געבויגן. ער האָט זיך שיער אויף דער ערד נישט אַרונטערגעלאָזט פֿאַר אויפֿרעגונג.

— הייסט עס — האָט ער געמורמלט — הייסט עס, אַז דו ביזט מסכים צו חתונה האָבן מיט מיר?

— יאָ.

— יאָ? נאַרסט מיך נישט אָפּ, האַ? — האָט ער ארויסגעפּליסטערט מיט געבעט, שיער מיט טרערן אינעם קול — דו האָסט דאָך אַמאָל האַלד אַ שטיף צו טאָן, האַ?

— איך זאָל אַזוי גליק האָבן, ווי איך מיין דאָס, וואָס איך זאָג אייך — האָט זי געענטפערט מיט געפיל אינעם קול.

„געוואַלד!" — האָט עפּעס אין אים אויסגעשריגן, פול היסטערישן פרייד, און עס איז אים געוואָרן היים און קאַלט, קאַלט און היים... דאַן האָט ער אַ כאַפּ געטאָן איר האַנט און עס האָט אים גענומען עטלעכע רגעס, ביז ער האָט קוים אַרויסגערעדט:

— רייטשל, געדענק... ווי דאָס אויג פונם קאָפּ...

— איך האָף, אַז איך וועל נישט דאַרפן חרטה האָבן — האָט זי געזאָגט.

— ווי דאָס אויג פונם קאָפּ, ווי דאָס שוואַרץ־אַפּל פון מיינע אויגן... דיינע טריט וועל איך קושן... גאָלד אין האַלז וועל איך דיר גיסן... דו וועסט קיין חרטה נישט האָבן... דו וועסט זען, רייטשל, דו וועסט...

ער האָט נישט דערענדיקט, איינגעלאָזט איר האַנט, אוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון איר און באַמיט זיך מיט אַלע קרעפטן צו דערשטיקן אין זיך די געוואַלטיקע אויפרעגונג, וואָס האָט אויפגעטרייסלט זיין גאַנצע נשמה און קערפּער. דערנאָך האָט ער אַרויסגעשטאַמלט מיט ציטערדיקע ליפּן די ווערטער, וואָס יעדעס ווינקעלע פון זיין נשמה און יעדער גליד פון זיין קערפּער האָט געשטאַמלט:

— גאָטעניו, גאָטעניו, גאָטעניו, איך דאַנק דיר, איך דאַנק דיר!...

ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף איר, און אין זיינע אויגן האָבן טרערן געבלישטשעט און זיין פּנים האָט אינגאַנצן געשטראַלט.

זיי זענען אוועק ווייטער. די זון איז אונטערגעגאַנגען. טונקעלע שאָטנס זענען פון ערגעץ אַרויסגעקראָכן און האָבן אין דער

לופט געשוועבט. און קיינמאָל נאָך אין זיין לעבן האָט אָרע געזען אַזאַ שיינעם פאַרנאַכט, ווי איצט... אַלצדינג ארום אים האָט איצט אויסגעזען אַזוי פריילעך, אַזוי יום־טובדיק, אַזוי שמחת־תורהדיק, דאָס אָרע האָט געפילט, אַז ער וואָלט, דאַכט זיך, איצטער הוליען זיך אַוועקגעלאָזט און וואָלט געהוליעט און געהוליעט אַזוי ווי דער גרעסטער „הוליאַקע" האָט נאָך קיינמאָל נישט געהוליעט...

ער האָט געקוקט פון דער זייט אויף רייטשלען, וועלכע האָט געטרעטן נעבן אים פאַרטראַכט, און זי איז געווען שענער פון אַלצ־דינג, איינגאַנצן אַ שטיק פריילעכער יום־טוב, דער פריילעכסטער יום־טוב, וואָס אָרע האָט נאָך נישט געקענט...

אַזוי פילן זיך האָט אָרע זיך נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געפילט. דער דאָזיקער עלטערער ייִד האָט איצט צום ערשטן מאָל אויף זיין לעבן, ווי דורך אַ כּישוף, דערפילט אין אַלע זיינע גלי־דער, אין יעדן ווינקעלע פון זיין נשמה דעם באַגייסטערטן פריידנס־געזאַנג פון דערוואַכטער יוגנט...

דאַן האָט זיך רייטשל אָנגערופן:

— עס ווערט שפּעט... מיר זענען צו־ווייט פאַרגאַנגען. קומט צוריק.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אַי, איך האָב נאָך קיין מנחה נישט געדאַוונט! זעסטו, פאַר שמחה האָב איך גאָר פאַרגעסן!...

ער האָט זיך ארומגעקוקט און אָנגעוויזן רייטשלען אויף אַ גרויסן שטיין, וואָס איז געלעגן ביי דער זייט פון דעם וועג.

— זעץ זיך צו אויף אַ ווייל־ינקע. איך וויל נאָר אָפּדאַווענען מנחה — האָט ער געזאָגט ווייך.

בעת ער האָט געפּעדלט, האָט ער אָפּט, ווען ער האָט זיך פאַר־שפּעטיקט אין דעם וועג, געדאַוונט מנחה ערגעץ אויף אַ פעלד.

זי האָט זיך געזעצט, געקוקט אויף אים מיט אַ שפּאָטישן שמייכל און געטראַכט:

„איך וועל מוזן אַרבעטן מיט דער גאַל, ביז איך וועל אים אַביסל אויסמענטשלען!"

ער איז געשטאַנען אויף דער אַנדערער זייט פון דעם וועג מיטן רוקן צו איר, האָט זיך געשאָקלט מיטן גאַנצן קערפּער, גע־

דאַוונט מיט התלהבות, מיט שמחה, און האָט פון צייט צו צייט צו־געפּאַטשט מיט די הענט. אַ ווינטעלע האָט געבּלאָזן. אָרעם באָרד האָט זיך באַוועגט און יעדע ווײַלע האָט זיך אַ בינטל האָר פון איר אָפּגעטיילט און זיך געדרייט אונטער אָרעם אויער אָדער נע־ציטערט אויף זיין אַקסל, ווי אַ קליין שלאַנגעלע...

„אַ שיינער מאַן פאַר מיר!״ — האָט רייטשל ווייטער גע־טראַכט — „ער און יענער!.. מילא, נישט קלערן... ער איז רייך... מיר וועט זיין גוט ביי אים.... איך וועל אַזוי לעבן, דאָס יענע זאָלן צעפּוקעט ווערן... די באָרד זיינע וועט ער מוזן אַרונטערנעמען — האָט זי ווייטער געטראַכט — פּשוט אַ חלשות צו קוקן!״...

אָרע האָט אָפּגעדאַוונט און איז צוגעגאַנגען צו איר מיט אַ צופרידענער מינע, גלעטנדיק בהרחבה די באָרד מיט ביידע הענט.

— דאַנקען גאָט, אָפּגעדאַוונט, קום.

זי האָט זיך אויפגעהויבן. איר נייע קלייד האָט אָנגענומען שטויב פונם שטיין.

ער האָט עס דערזען.

— דיין קלייד איז פון אונטן אַביסל איינגעריכט — האָט ער זיך אָנגערופן.

זי האָט זיך איינגעבויגן און אַ טרייסל געטאָן איר קלייד.

— נו, און איצט?...

— נאָך אַביסעלע פאַרשטויבט. אַפּנים פון דעם שטיין, וווּ דו ביזט געזעסן...

זי האָט אַרויסגענומען דאָס טיכל פון דעם אַרבל און אים דערלאַנגט:

— ווישט אָפּ...

און זיך געשטעלט צו אים מיטן רוקן.

ער האָט צעמישט גענומען שמייכלען, זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן און דערנאָך האָט ער זיך איינגעבויגן און מיט ציטערנ־דיקע הענט גענומען ווישן דעם שטויב פון איר קלייד און דער־פילט אַ קאַלטן שווייס אויפן שטערן...

דאַן האָבן זיי גענומען גיין צוריק.

— קומט — האָט זי זיך מיט אַמאָל אָנגערופן — מיר וועלן גיין מיט אַן אַנדער וועג. קומט איבער די „לאַטס״.

— פאַרוואָס?

— איך וויל נישט פאַרבייגיין אייער הויז. בעסער אַז נישט.

— דו ביזט גערעכט — האָט ער געזאָגט.

און זיי זענען אַוועק איבער דער גרינער לאַנקע אַרויף. פון ווייטן האָבן זיך געזען פאַרמערישע הייזלעך. דאָ און דאָרט האָט אַ ווייסע פליגל פון אַ ווינט־מיל געווינקען, אַ פערד האָט זיך געפּאַשעט, בהמות...

— דערוויילע דאַרף קיינער פון דעם נישט וויסן — האָט זי ווידער געזאָגט — ביז אונזער חתונה...

— חס וחלילה! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן. — קיינער טאָר וועגן דעם נישט וויסן. זאָל מען דערוויילע נישט זיין אין לייטישע מיילער. איך וועל אַפריער חתונה מאַכן עטלעך מיטן דאָקטאָר. טאַקע גיך חתונה מאַכן, גיך. און דערנאָך... דערנאָך...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט שטראַלנדע אויגן און צוגעלייגט:

— אוי, לעבן זאָלסטו... אוי! אוי!

זי האָט זיך פריילעך צעלאַכט און דערנאָך געפרעגט:

— פאַרוואָס געפעל איך אייך אַזוי?

ער האָט געענטפערט:

— רייטשעלע־האַרצעלע, ווי אַזוי זאָלסטו מיר נישט געפעלן, ווען אַ מלך אַפילו האָסטו געדאַרפט געפעלן, ווען דו ביזט שענער פון אַ בת־מלכה, שענער פון אַלע זיבן זונען, ווען... ווען... אַי, רייטשעלע, אוי, מאַמעלע מיינע, אוי, אַז איך האָב גאָר קיין לשון נישט פאַר דעם!...

און מיט אַמאָל האָט ער זיך אונטערבראָכן:

— הער אויס, רייטשעלע, איך קליב זיך שוין לאַנג צו קויפן אַ הויז. איצט מוז איך דאָך שוין קויפן. עס איז דאָ אַ הויז אויף פּענסילווייניאַ עוועניו, אַ שיינע סטריט, און דאָס הויז איז אויך זייער אַ שיינע, אַ קאָטעדזש, און אַ צווייטע הויז, אויך אַ קאָטעדזש, אויף סטאָון עוועניו, נעבן צוויי דאָקטוירים. ווו וואָלסטו געוואָלט וווינען?

— אויף סטאָון עוועניו — האָט זי גלייך געענטפערט.

— גוט, וועל איך זען איה״ש מאָרגן, צי איבערמאָרגן דאָס הייז אויף סטאָון עווענױ צו קויפן. וואָס דו ווילסט נאָר וועל איך דיר קויפן. יענע הויז, וואָס אויף פענסילווייניאַ עווענױ, וועט מסתמא סעמקע בלום קויפן.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— האַ? ער וויל קויפן דאָס הויז?

— יאָ, דאָס הויז געפעלט אים זייער. ער וויל נאָר אַרונטערדינגען פינף הונדערט דאָלאַר פון דעם פרייז...

— בעסער קויפט יענע הויז אויף פענסילווייניאַ עווענױ. איך האָב פריער אַ טעות געהאַט.

— גוט. פון מיינעטוועגן.

ביי רייטשעלען האָבן זיך די אויגן אָנגעצונדן מיט פרייד און נצחון און זי האָט אַרויסגערעדט:

— איך דאַנק אייך. איך האָף, אַז איך וועל מיט אייך גליקלעך זיין...

— אַזוי האָף איך צו גאָט — האָט ער אַרויסגערעדט מיט התפעלות — אפשר וואָלסטו אפריער אָנגעקוקט דאָס הויז, רייטשעלע?

— איך ווייס אַליין נישט. טאָמער פּאַסט נישט?...

— ווער וועט עס ווײסן? גיי צו מאָרגן. איך וועל דיר געבן דעם אַדרעס. דערנאָך וועסטו מיר זאָגן, ווי דיר געפעלט דאָס...

— אָל־רייט.

— און וועגן שאַפּ, פאַרשטייסטו דאָך אַליין, אַז דו דאַרפסט איצט פאַרגעסן. איצט רו זיך אויס און טאָמער וועסטו וואָס דאַרפן, וועט חלילה דיר נישט פעלן...

מיט אַמאָל האָט זי זיך אָנגערופן:

— מען זאָגט, אַז איר זענט רייך. איז דאָס אמת?

— דאַנקען גאָט, זינדיקן דאַרף איך נישט — האָט ער געענטפערט.

— וויפל טויזנט אַן ערך האָט איר?

— איך ווייס נישט, רייטשעלע — האָט ער געענטפערט — איך ווייס נאָר, אַז איך האָב, דאַנקען גאָט, גליק. יעדן „פּאַרסעל״, וואָס איך קויף, טראָגט מיר אַריין געלט. איך האָב געהאַט אפילו

געקויפט אַ גרויסן „פּאַרסעל" אין קאַנאַרסי, און איך האָב שוין גערעכנט, אַז איך וועל פאַרלירן עטלעכע טויזנט אין אים, האָב איך אין אים אויך געמאַכט איבער צוועלף טויזנט דאָלאַר. איך האָב נאָך עטלעכע „לאָטס" אויפן בולוואַר, עטלעכע אויף פּיטקין עוועניו, אַ פינף „לאָטס" אויף האָפּקינסאָן עוועניו, פיר אויף דעגראַו סטריט, — און דאָס אַלץ וועט אַריינברענגען געלט... אין דער באַנק בין איך, דאַנקען גאָט, אויך אַ שטאַרקער בטוח...

זיי זענען אַריין אין דער סטריט, ווו רייטשעלס שוועסטער האָט געוווינט.

— דאָ זאָלן מיר זיך אָפּשטעלן — האָט רייטשל זיך אָנגערופן — איר זעט דאָס בלויע הויז מיטן גאַניק? דאָרט וווינט מיין שוועסטער. אויב איר וועט מיר וועלן זען, וועט איר מוזן קומען אַהער, ווייל צו אייך וועל איך מער נישט גיין.

— איך וועל בײַ דיר זיין, אַז מיר וועלן דערלעבן, מאָרגן בייַנאַכט — האָט ער געזאָגט.

— ניין, בײַנאַכט קומט נישט. בעסער בײַטאָג. ווייל דער שוואָגער מיינער איז אַ שרעקלעכער קאַלאַקאַטקע און ער טאָר וועגן דעם אינגאַנצן נישט וויסן...

— ווי אַזוי אָבער וועט ער נישט וויסן? — האָט אָרע זיך אָנגערופן.

— מיין שוועסטער וועט אים נישט דערציילן און איך אוודאי נישט. קומט בעסער בײַטאָג.

— אויך רעכט. איך וועל זיין בײַ דיר מאָרגן בײַטאָג און וועל דיר אויך ברענגען דעם אַדרעס פון דעם הויז אויף פּענסילווייניאַ עוועניו.

רייטשל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— שאַ, מיין שוואָגער טרייבט שוין אַהער די ציג. זאָל אונז בעסער די קאַלאַקאַטקע נישט זען. אַ גוטן שבת אייך!

— אַ גוטן שבת דיר, אַ גוטן, געזונטינקן יאָר דיר, רייטשעלע! — האָט ער געענטפערט מיט טיפער פריידי און כוונה אינם קול.

זי איז אַוועק גלייך און ער האָט זיך פאַרקירעוועט רעכטס.

אינם האַרצן האָט בײַ אים געטאַנצט און זיינע ליפּן האָבן געמורמלט:

— איך דאַנק דיר, איך דאַנק דיר, גאָטעניו...

ווען ער איז צוגעקומען צום הויז איז שוין געווען גאַנץ טונקל. אויפן הימל איז די לבנה אַרויסגעשווומען און זי האָט געקוקט אויף אָרען מיט אַזאַ ליכטיקער, פריילעכער, יום־טובדיקער מינע...

17

אָרע און רייטשל פלאַנעווען

אויף מאָרגן אַ זייגער צוויי ביי טאָג איז אָרע געקומען צו רייטשלען. זי און איר שוועסטער האָבן אויף אים געוואַרט. איר שוועסטער האָט זייער געוואָלט דעם שידוך. ערשטנס, ווייל רייטשל האָט אים דערציילט, ווי רייך אָרע איז, און, צווייטנס, ווייל זי האָט בכלל געוואָלט, אַז איר שוועסטער רייטשל, אַ מיידל אַזאַ ברען, זאָל שוין חתונה האָבן.

אָרע איז געקומען אָן אויסגעפּוצטער מיט אַ פונאַנדערגעקאַמטער באָרד און מיט אַ נישט־דרייסטן שמייכל אויף די ליפּן. אויפן וועג איז אים מיט אַמאָל עפּעס אומאַנגענעם געוואָרן צו גיין צו איר. עפּעס האָט זיך אים פּלוצים אויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער באַזוך שמעקט אַביסל מיט מעשה שיינע, כאָטש ער האָט איצט שוין גערעכנט רייטשלען נישט פאַר קיין פרעמדע. ווען ער האָט געקוקט דורכן שליסל־לאָך צו איר אין צימער אַריין, האָט ער אַזוי אומאַנגענעם קיינמאָל נישט געפילט. דאָן האָט ער געשפּירט אַ פאַרבאָרגענע זינד אינם האַרצן און איצט, מיט דעם דאָזיקן גיין צו איר, האָט ער מיט אַמאָל דערפילט, אַזוי ווי ער וואָלט די דאָזיקע זינד בפרהסיה אַרויסגעטראָגן...

אמת, ער האָט זיך געפּרוווט פאַרענטפערן, געטענהט צו זיך, אַז ער גייט נישט צו אַ פרעמדער, חלילה, אַז זי איז באַלד זיין כלה, זיין ווייב, דערפאַר מעג ער גיין צו איר, טראַכטן וועגן איר, אָבּ־טונג געבן, איר זאָל גאָר נישט פעלן, מיישב זיין זיך מיט איר וועגן אַ הויז. דאָך דעם אומאַנגענעמען געפיל, וואָס האָט מיט אַמאָל דערוואַכט אין אים, אַז עס איז מעשה שנץ, האָט ער בשום אופן נישט געקענט אין זיך דערשטיקן...

אפשר האָט ער דערפֿאַר אַזוי גענומען פּילן, ווייל די גאַנצע געשיכטע מיט רייטשלען האָט ער געהאַלטן בסוד פֿון זיין מאַמען און טאַטן, ווייסנדיק, אַז זיי וועלן זיין שטאַרק קעגן איר און אַז זיין מאַמע וועט אויף אים קוקן ווי אויף אַ הולטײַ, און אפשר דערפֿאַר, מחמת ער איז פּשוט נישט געווינט געווען צו אַזוינע באַזוכן...

ער האָט זיך נאָך מער אומאָנגענעם דערפילט, בעת רייטשל האָט אים פֿאָרגעשטעלט פֿאַר זיין שוועסטער, ער איז כּמעט צע־טומלט געוואָרן.

רייטשל איז היינט נאָך געווען שענער און רייצענדער, ווי גע־ווײַנלעך. זי האָט אין דער פֿרי געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט איר שוועסטער, דערציילט איר, אַז זי ריכט זיך אויף אַ סקאַנדאַל פֿון דער אַלטער פֿרומען, טאַטן און אפשר נאָך פֿון אָרעם עלטערער שוועסטער אויך, און זי און איר שוועסטער האָבן באַשלאָסן אָנצו־ווענדן אַלע מעגלעכקייטן איינצוהאַלטן אָרען.

— דאָס איז אַ גליק פֿאַר דיר, רייטשעלע, — האָט איר שוועס־טער מיט התפּעלות גערעדט, — אַן אַלמן כּמעט אָן קינדער און אַזוי רייך, וועסט זיך לעבן ווי אַ גראַפֿין. טו אַלצדינג, וואָס דו קענסט, דו זאָלסט אים, חלילה, נישט אָנווערן...

רייטשל האָט זיך אויסגעפּוצט, ווי זי וואָלט באמת ערוואַרטעט אַ חתן, וועלכער איז איר געפֿעלן געווען. זי האָט אָנגעטאָן איר רויטע בלוזקע, איר „יצר־הרע" ווייסטל, ווי זי פֿלעגט דאָס רופֿן, וואָס האָט זייער געפּאַסט צו איר טונקעלן, חנעוודיקן פּנים, אירע קאָכעדיקע, שוואַרצע אויגן און פּעך־שוואַרצע האָר, און דורך וועלכן אירע רייכע פֿאָרמען, פֿול מיט כּשוף, זענען שאַרף אַרויס־געטרעטן. איר שוועסטער האָט געהאַט אַ גאָלדענע שפּילקע. האָט זי רייטשל ביים האַלז צוגעשפּיליעט און איר פּנים האָט זי אויך באַצירט מיט אַן ערנסטער, סאָלידער מינע...

רייטשלס שוועסטער האָט דערלאַנגט טיי צום טיש.

אָרע איז געזעסן ווי אויף שפּילקעס און האָט פֿאַר צעמישט־קייט נישט געוווּסט וואָס צו רעדן. ער האָט געקוקט אויף די ווענט, אויפֿן סופֿיט, אויף דער פּאָדלאָגע, אויף די פֿענסטער, נאָר נישט אויף רייטשלען.

די כיטרע רייטשל האָט אַ ווונק געטאָן צו איר שוועסטער, זי זאָל אַרויסגיין, און איר שוועסטער, נישט קיין נאַרישע יידענע, האָט זיך דאַן אָנגערופן:

— רייטשל, איך קום באַלד. איך מוז גיין זוכן אונזער ציג, זי איז ערגעץ אַנטלאָפן.

און זי איז אַרויס פון הויז.

דאַן האָט זיך רייטשל אויפגעהויבן פון איר אָרט ביים טיש און געזאָגט:

— פאַרוואָס טרינקט איר נישט אייער טיי?...

— האַ? — האָט ער זיך אָנגערופן און זי אָנגעקוקט מיט אַ צעמישטן שמייכל.

זי האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס האָט איר זיך פאַרטראַכט? טרינקט אייער טיי. וואַרט, איך וועל אייך אַריינוואַרפן צוקער אין גלאָז.

און זי איז צוגעגאַנגען נאָענט צו אים פון הינטן, האָט זיך איבערגעבויגן איבער זיין אַקסל — דערביי האָט זי, ווי נישט ווילנדיק, צוגעפּרעסט איר שטייפן, הייסן בוזעם צו אים, האָט דער־פילט, ווי ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן — און אַריינגעוואָרפן עט־לעכע שטיקלעך צוקער אין זיין גלאָז. דערנאָך האָט זי מיט אַ לעפע־לע אויסגעמישט דעם טיי און געזאָגט:

— טרינקט!...

זי האָט אָפּגעטרעטן פון אים און אַ קוק געטאָן פון דער זייט אויף אים. אויף זיין פּנים איז אויסגעגאָסן געווען אַ קעלבערנער, נאַרישער אויסדרוק. זי האָט אַ לאַך געטאָן אין זיך, האָט אָבער איינגעהאַלטן די ערנסטע, סאָלידע מינע אויף איר געזיכט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער שוין געקוקט אויף איר, ווי אַ פאַרשיכורטער, און גערעדט צו איר. אין זיין נשמה איז ווידער גע־ווען יום־טוב.

ער האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל געלט פון אונטערן בוזעם און דערלאַנגט איר מיט די ווערטער:

— נאַ, טאָמער ווילסטו זיך עפּעס מאַכן... אַ קלייד, צי וואָס?... דאָ זענען פופציק דאָלאַר...

זי האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ, אַ דריי געטאָן דעם אַקסל און אַרויסגערעדט:

— גאָר נו!... איך וועל ביי אייך קיין געלט נישט נעמען.

— נעם, נעם, זיי דו נישט קיין נאַרעניו. דו נעמסט דאָך נישט חלילה, ביי קיין פרעמדן...

זי האָט זיך אָנגערופן:

— דערווייל זענען מיר פרעמדע. איר וועט צייט האָבן, צו געבן מיר געלט, ווען איך וועל זיין אייער פרוי.

— אַי, גיי שוין, גיי, וואָס רעדסטו! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און אָנגעהויבן צו לאַכן — נעם, און ניי זיך עפּעס אויף. זע זיך צו. דיר טאָר גאָרנישט פעלן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צו איר, מיט דעם פּעקל געלט אויסגעשטרעקט צו איר, און האָט איר מיט געוואַלד דאָס אין האַנט אַריינגעשפּאַרט.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן און מיט אירע שוואַרצע אויגן אים אַ ברי געטאָן.

— ווײַל, איך וועל נעמען. איך דאַנק אייך. איך וועל האַלטן, אַז איך בין אייך שולדיק פופציק דאָלאַר — האָט זי געזאָגט — שפּעטער אַמאָל וועל איך אייך דעם חוב אָפּגעבן.

— שפּעטער, שיקסעלע, וועסטו ביי מיר נאָך קריגן, נאָך און נאָך — האָט ער זיך אָנגערופן מיט טיפן געפיל אינם קול, גע־קוקט אויף איר מיט פאַרשכורטע אויגן און געלאַכט אַזוי גוט, אַזוי האַרציק.

זי איז אַוועק צו זיך אין צימער מיט דעם געלט און עס דאָרטן באַהאַלטן. דערנאָך איז זי אַרויסגעקומען, איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט אים אַרויפגעלייגט אירע ביידע הענטלעך אויף די אַקסלען און אים אַריינגעקוקט גלייך אין פּנים אַריין.

— זאָל איך היינט גיין אָנקוקן דאָס הויז אויף פּענסילווייניא עווענױ? — האָט זי געפרעגט.

— אויב דו ווילסט זיך מטריח זיין, — האָט ער געענטפערט.— איך האָב מיט זיך געבראַכט דעם אַדרעס. מיר פאַלט אָבער איין, אַז איך זאָל מיט דיר גיין.

— אָל־רייט. איך בין צופרידן.

— מיר וועלן גיין מיט אַ זייטיקער סטריט, קיינער וועט אונז נישט זען...

— און וואָס האָט איר מורא, אַז מען וועט אונז יאָ זען?...

— קיין מורא האָב איך נישט — האָט ער געענטפערט — נאָר, כ'ווייס? בעסער אַזוי. לאָמיר אָקאָרשט אַ פריער חתונה מאַכן עטעלען, דערנאָך...

זי האָט אַ טראַכט געטאָן און דערנאָך אַרויסגערעדט:

— יאָ, איר זענט גערעכט. עס איז טאַקע גלייכער, אַז מען זאָל דערווײַלע נישט ווּיסן, אַז מיר גייען חתונה האָבן. מיר האָבן נאָך נעכטן וועגן דעם גערעדט. אָבער טאָמער באַגעגנט אונז אַ באַקאַנטער?...

— אַז אַ באַקאַנטער זאָל אונז באַגעגענען, אַרט מיך נישט, אַבי נישט די מאַמע, צי עטל... זיי וועלן נעמען פרעגן און איך האָב פיינט צו זאָגן אַ ליגן — האָט אָרע געענטפערט.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי אַוועק, אָנקוקן דאָס הויז. אַפריער זענען זיי אַ היפּשע צייט געגאַנגען איבער אַ גרינער לאָנקע, דערנאָך האָבן זיי זיך פאַרנומען לינקס און זענען אַריין אין אַ נייער סטריט, וועלכע איז ערשט מיט איין וואָך צוריק באַדעקט געוואָרן מיט אַספאַלט. קיין איין הויז איז נאָך נישט געשטאַנען אויף דער דאָזיקער סטריט, נאָר אַ הילצערנע ביידל מיט אַ גרויסן שילד, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעוויזן די קאָמפּאַניע, וואָס איז דערווײַלע געווען די אייגנטימערין פון דערדאָזיקער גאַס. דאָן האָבן זיי זיך ווידער פאַרקירעוועט אין אַ צווייטער נייער גאַס, פון וועלכער עס האָט זיך געטראָגן קעגן זיי דער געפילדער פון אַ שלעפּ־מאַשין. דאָ האָט מען געבויט הייזער. קופּעס ציגל, זאַמד זענען דאָ געלעגן פון ביידע זייטן גאַס און עס האָט דאָ געשמעקט מיט וואַרעמער וואַפּנע און מיט דעם רויך פון דער שלעפּ־מאַשין, וועלכע האָט מיט אַ סאָפּען און געפילדער געשלעפּט די ציגל פון אונטן צו די מויערשטשיקעס, וואָס זענען געשטאַנען אויבן אויף די געבײַדעס...

די זון האָט שטאַרק געברענט. אָרע און רייטשל האָבן געסאָפּעט פאַר היץ.

— אַ געוואַלד — האָט זיך אָרע אָנגערופן — וואָס פאַר אַ

בריות אונזערע יידן זענען! אַט ערשט מיט אַ חדשים זיבן צוריק בין איך דאָ געגאַנגען און נישט געקענט דורכגיין פון בערגלעך און גריבער און זומפן... און מאָסקיטאָס זענען דאָ געווען, זאָל זיך גאָט דערבאַרעמען, און היינט? קיין שליאַד אפילו פון דעם נישט פאַרבליבן, נישטאָ קיין בערגלעך און קיין גריבער, קיין בלאָטעס און קיין זומפן און קיין מאָסקיטאָס. נייע סטריטן זענען דאָ געוואָרן, גלייכע, טרוקענע; די בלאָטעס זענען פאַרשאָטן, די בערגלעך אָרונ־טערגעריסן און מען לייגט אוים סטריטן, אַלץ נייע, אַלץ נייע. און בראַונזוויל וואַקסט, וועט ווערן אַ גרויסע שטאָט. אַט אַזוי, רייר־טשעלע, יידן האָבן פאַרט גוטע קעפּ...

— איר האָט אויך אַ גוטן קאָפּ, — האָט זי זיך אָנגערופן.

— יאָ, דאַנקען גאָט, קיין פויערשן קאָפּ האָב איך נישט. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, רייטשעלע, איך אַליין וואונדער זיך אַמאָל, פון וואַנען קומט צו מיר אַזאַ גוטער קאָפּ? — האָט ער גאַנץ ערנסט געזאָגט — סטייטש אַ קאָפּ... איך זאָג דיר... איך זאָג דיר, אַ קאָפּ טאַקע פון אַ חכם, פון אַ גרויסן ביזנעסמאַן... וואָס איך קויף, איז גאָלד, קיינמאָל גאָר איך זיך נישט אָפּ, קיינמאָל נישט... אַי, עס איז געווען אַ פעלער, וואָס איך האָב זיך שוין לאַנג נישט גענומען צו ביזנעס. איך וואָלט דעמאָלט נישט געליטן אַזוי פיל און ביז היינט וואָלט איך שוין אפשר אַ ראָטשילד געווען... אָבער ווער האָט געקאָנט וויסן, אַז איך זאָל אַזוי טויגן צו ביזנעס?... איך נעם זיך באַלד בויען אויך...

— איר?!

— יאָ. ווען איך פאַרקויף נישט מיינע „לאָטס" אויף דעם פרייז, וואָס איך וויל, שטעל איך זיך בויען...

זיי זענען צוגעקומען צו פעסטיקווויקניא עוועניו און זענען צו־געגאַנגען צו אַ גרויסן, נייעם קאַטעדזש מיט אַ גאַניק.

די ברייטע, שיינע סטריט איז נאָך נישט געווען פאַרבויט. פון ווייטן האָבן געגרינט בוימער און לידיקע שטרעקעס לאַנד.

— אָט דאָ איז דאָס! — האָט אָרע זיך אָנגערופן — וואַרט דאָ, איך וועל אַ רוף טאָן דעם מאַן מיט די שליסלען.

ער איז אַריין אין אַ הויז קעגנאיבער און האָט זיך באַלד צו־ריקגעקערט מיט אַ הויכן, מאָגערן יידן.

פון פאַרנט איז געווען אַ גערטל מיט בלומען. ביים אַרויפגאַנג אויפן גאַניק זענען פון ביידע זייטן געשטאַנען צוויי ליבן מיט אָפענע מיילער. רעכטס האָט געפירט א ווייסער אַספאַלט־וועג אויף אַ ברוקירטן הויף, וווּ עס איז געשטאַנען א רויט־געמויערטע שטאַל מיט רויטע טירן פאַר אַ פערד און וואָגן.

רייטשל איז באַגייסטערט געוואָרן.

— ווי שיין! — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט.

זיי זענען אַריין אין הויז. די צימערן זענען געווען גרויסע, ברייטע, ליכטיקע, מיט געפאַרבטע פאַרלאָגעס, מיט טייערע האָלץ־אַרבעט שניצערייען. די ווענט מיט טייערע טאַפּעטן באַשלאָגן און יעדעס צימער איז פאַרזאָרגט געווען מיט גאַז־ברענערס און עלעק־טרישע לעמפּלעך.

— דאָ איז דאָס עס־צימער, — האָט דער מאַן דערקלערט, פירנ־דיק זיי איבער די צימערן — איר זעט אַ רום? פאַר הונדערט מענטשן פּלאַץ גענוג... און דאָרט איז דער לייבאָרי... ווי געפעלט אייך אַזאַ רום פאַר אַ לייבראַרי?...

רייטשל האָט דערהערט דעם וואָרט „לייבראַרי" האָט זי זיך פאַרוואונדערט. זי האָט געוווּסט, אַז „לייבראַרי" איז דער פּלאַץ, וווּ מענטשן נעמען ביכער, האָט זי זיך געטראַכט, וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס מיט דעם צימער. דאָך האָט זי זיך אָנגעשטויסן, אַז עפּעס אַ שייכות מוז דאָס אפנים האָבן, און געמאַכט מיטן קאָפּ צום מאַן, אַז זי איז מיט אים, הייסט עס, איינפאַרשטאַנען, און גע־שמייכלט צו אים מיט זייער אַ ליבער מינע.

דער מאַן האָט זיי דורכגעפירט אַלע צען צימערן, דעם קעלער און דערנאָך זיי אַריינגעפירט אין שטאַל.

רייטשל איז געווען אויסער זיך פאַר באַגייסטערונג.

דערנאָך, ווען זיי זענען ווידער אַריין אין הויז און זענען אַליין געשטאַנען אין דעם גרויסן פראָנט־צימער און האָבן באַטראַכט די ווענט, וואָס זענען מיט רויטע, גלאַנציקע טאַפּעטן באַשלאָגן גע־ווען, האָט זיך אָרע צו איר אָנגערופן:

— נו, איז דאָס נישט אַ פּאַלאַץ? מעג דאָ אפילו נישט וווינען דער קייסער אַליין?...

— יאָ, יאָ, — האָט זי אַרויסגעמורמלט, און אירע שוואַרצע

אויגן האָבן געברענט פאַר באַגייסטערונג — ראָקפעלער מעג דאָ אַפילו וויינען, וואַנדערבילט... איך האָב נאָך אַזוינס אויף מיין לעבן נישט געזען!...

זי האָט אַ טראַכט געטאָן: „שוין־זשע וועט דאָס זיין מיין הויז?‟ און עס האָט זיך איר גאָר נישט געגלויבט. זי האָט זיך דערמאָנט אָן אירן אַ לאַנדסמאַן אין ניו יאָרק, וועלכער האָט געוווינט אויף איסט בראָדוויי אין אַ רייכן הויז. איין מאָל נאָר איז זי געווען אין יענעם הויז, באַלד ווי זי איז געקומען פון רוסלאַנד. זי האָט דאַן אַ בריוו געבראַכט דעם רייכן לאַנדסמאַן פון זיין אַלטער מוטער, וועלכע האָט געוווינט אויף דער איינגענער גאַס, ווו רייטשעלס מאַמע האָט געוווינט, און זי האָט נאָך ביז היינט נישט פאַרגעסן דעם איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט אויף איר יענע שיינע הויז אויף איסט בראָדוויי, מיט די גאָלדענע שפּיגלען, ווייכע טעפּיכער און וועגט מיט די שיינע מאַפּעטן. די לאַנדסלייט אירע האָבן געהאַלטן פאַר אַ גרויסע זכיה אַריינצוקומען אין יענעם הויז, און נישט אַלע לאַנדסלייט האָבן געקענט האָבן די דאָזיקע זכיה... אַזאַ אָרעמע מיידל, ווי רייטשל, האָט אַפילו נישט געוואָגט צו חלומען, אַריינצוקומען אַהין און איצט וועט זי אַליין האָבן נאָך אַ שענערע הויז... ווו? נאָך אַ טויזנט מאָל שענערע!... און אַלע אירע לאַנדס־לייט וועלן זיך וווּנדערן, וועלן איר מקנא זיין, וועלן האַלטן פאַר אַ זכיה, ווען זי וועט זיי אין איר הויז אַריינלאָזן...

די פּייערדיקע קאָכעדיקע רייטשל איז ווי פאַרשפּורט געוואָרן פון אַ שטראָם פון פרייד און שטאָלץ, און אַ שטאַרקע באַדערפע־ניש אויסצודריקן די דאָזיקע פרייד דורך אַ געשריי, דורך לויפן, דורך טאַנצן, דורך אַ שפּיל טאָן זיך מיט וועמען, דורך קושן וועמען, האָט אין איר דערוואַכט. און נישט ווויסנדיק אַליין, וואָס זי טוט, האָט זי זיך פּלוצים אַ וואָרף געטאָן צו אָרען און אים אַ קוש געטאָן...

ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און איז פאַר איבערראַשונג צע־טומלט געוואָרן. דאַן האָט ער זיך צעלאַכט אַזוי גליקלעך און געזאָגט:

— נו, שיקסעלע, דו ביזט צופרידן, האַ? וואָס אַרט דיך, איך האָף צו גאָט, אַז דו וועסט נישט חרטה האָבן!...

אויפֿן וועג צוריק האָט רייטשל אַ פֿרעג געטאָן:

— נו, און וועגן מעבל פֿאַר דעם הויז? איך וואָלט אַליין וועלן אויסקלייבן דאָס מעבל.

אָרע האָט זיך פֿאַרטראַכט.

— איך ווייס נישט וואָס מען טוט — האָט ער דערנאָך זיך אָנגערופֿן. — ווײַבאַלד, אַז איך קויף דאָס הויז, וועל איך באַלד דאַרפֿן אַהין אַריינמופֿן. וואָלט גלייכער געווען, אַז עטל זאָל אָנקוקן מעבל, אַנישט וועט ווערן טענות און שאלות און מיר ווילן דאָך נישט, אַז מען זאָל איצט וויסן...

— מען קען געפֿינען אַן עצה צו דעם, — האָט רייטשל געזאָגט — איך וועל פֿריער אָנקוקן דאָס מעבל מיט אייך און וואָס אונז וועט געפֿעלן, וועלן מיר אָפּקלייבן. דערנאָך וועט איר נעמען עטלען, זי זאָל אויך אָנקוקן דאָס מעבל, און דאַן האָט איר יוצא געווען פֿאַר איר.

— וואָס וועט אָבער זיין, ווען איר וועט נישט געפֿעלן ווער־דאָס, וואָס דו וועסט זיך אויסקלויבן? — האָט אָרע געפֿרעגט.

— פֿרעגט זי בחרם. פֿאַרוואָס זאָל איר עפּעס נישט געפֿעלן? און, ווידער, וועט איר קענען איר זאָגן, אַז אַ רייכע לײדי האָט פֿאַר אייך אויסגעקלויבן די מעבל. יאָ, יאָ, — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן — די בעסטע זאַך. איר וועט זאָגן, אַז אַ רייכע לײדי האָט דאָס אויסגעקליבן, וועט עס איר שוין אויך געפֿעלן. גלויבט מיר, איך קען עטלען. וואָס דער רייכער לײדי וועט געפֿעלן, וועט איר אויך געפֿעלן.

און זאָגנדיק דאָס האָט רייטשל שטיל געלאַכט.

אָרע האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דאַן האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— אָבער זאָגן אַ ליגן... איך האָב דאָס פֿיינט...

— וואָס פֿאַר אַ ליגן וועט איר זאָגן? — האָט רייטשל זיך אַ כאַפּ געטאָן — בין איך נישט קיין לײדי? — און וועל איך אין גיכן נישט זיין אַ רייכע לײדי?...

דאַן האָט זיך אָרע צעלאַכט:

— כאַ־כאַ־כאַ! אָבער אַ קעפּעלע האָסטו, שיקסעלע!... דו ביזט גערעכט. דאָס וועט נישט זיין קיין ליגן!...

18

אָרעס רייכע הויז

אין צוויי וואָכן ארום האָט אָרע זיך אריינגעצויגן אין זיין נייע הויז אויף פּענסילווייניא עוועניו. די טייערסטע שטיקל מעבל האָט רייטשל אויסגעקליבן און נישט פאַרגעסן צו פאַרזאָרגן דאָס „לייבּרארי״־צימער אויך מיט טייערע ביכער־שראַנקן, אַ שרייבּ־טיש און די אַנדערע זאכן, וואָס פּאַסן צו אַ ביבּליאָטעק. איידער זי האָט דאָס אַלצדינג אויסגעקליבן איז זי געווען בּיי איר רייכן לאַנדסמאַן אינם הויז אויף איסט בּראָדוויי און האָט דערציילט זיין ווייבּ, אַז זי גייט חתונה האָבּן מיט אַ רייכן מאַן און וויל זיך איינ־ריכטן אַ שיינע הויז. דערפאַר איז זי געקומען פרעגן וואָס פאַר אַ מעבּל, אַן ערך, זי דאַרף האָבּן. די לאַנדס־פרוי האָט איר געוויזן אַלע צימערן און אויך דאָס „לייבּרארי״־צימער מיט די בּיכער אין די שראַנקען.

דאָן איז זי אַוועק מיט אָרען אין אַ גרויסן מעבּל־געשעפט.

זי האָט אויך אויסגעפונען אַן אַגענט פון בּיכער און אים גע־הייסן בּרענגען צו אָרען אַלע בּיכער, „וואָס מען דאַרף האָבּן, אום אויסצופאָרניטשורן ריכטיק אַ „לייבּרערי״, ווי זי האָט אים גע־זאָגט... אויך אַ פּאַנאָגראַף האָט זי פאַר אָרען געקויפט. איר רייכער לאַנדסמאַן האָט אויך אַ פּאָנאָגראַף געהאַט.

עטל איז געווען אונטער דעם איינדרוק, אַז זי האָט עס אויס־געקליבּן די אַלע „שיינע זאכן״ פאַר דאָס הויז און האָט יעדעס מאָל, ווען איר חתן איז צו איר געקומען, מיט שטאָלץ אים גע־פרעגט, ווי געפעלט אים איר געשמאַק. די אַלטע פרומע האָט זיך די ערשטע צייט געפילט ווי אַ צעדולטע אין דעם רייכן הויז, האָט נישט געוואָגט צו טרעטן איבּער די ווייכע סאַמעטענע טעפּיכער און איז תמיד זיי אַרומגעגאַנגען בּיי די זייטן, טראַכטנדיק: „ווייז מיר, אין דער היים ליגט דאָס בּיי די גבירים אויף די טישן, צי גאָר פאַרשלאָסן אין קאָמאָדן, און דאָ בּיי אונז ליגט דאָס אויף

דער ערד און מען טרעט אויף דעם״... און האָט מען די עלעקטריישע לעמפּלעך אָנגעצונדן, האָט זי געקוקט אויף דעם פאַרוואונדערט, געשאָקלט דעם אַלטן קאָפּ, געדריקט די אַקסלען און געמורמלט: „נאָ! נאָ!״ — קיין אַנדערע ווערטער האָט זי פאַר איבעראַשונג נישט געקענט געפינען. און האָט דער פּאַנאָגראַף גענומען שפּילן, איז זי אומרואיק געוואָרן, האָט געקוקט צעמישט אויפן קאַסטן און האָט געטראַכט: „ווער זינגט עס דאָרטן?״...

אין דעם אַלטן אָרעמען הויז אויף קריסטאָפּער סטריט האָט זי זיך געפילט אַ סך רואיקער, אַ סך מער אין דער היים, ווי דאָ.

אָרעע האָט אַריינגענומען אַ צווייטע דינסט אין הויז. פרומע האָט עס נישט געוואָלט ליידן.

— גענוג איין דינסט — האָט זי געטענהט — גלאַט אַרויסגעוואָרפן געלט. און מיר וועט זיין שווערער. אַזוי דאַרף איך אַכטונג געבן אויף איין דינסט, און איצט אויף צוויי...

און איר איז טאַקע שווערער געוואָרן, ווייל איר האָט זיך אַלץ געדאַכט אַז די דינסטן טוען נישט ריכטיק זייער אַרבעט, ברענגען אויס צופיל אין ניוועץ דאָס, יענץ, היטן נישט גענוג אָפּ די כּשרות און זי איז שטענדיק אַרומגעלאָפן איבערן שטוב פון איין צימער אין דעם אַנדערן פאַרהאַוועט און האָט זיך אַרומגעריסן מיט די דינסטן. היינט האָט זי שטענדיק איצט געהאַט אַן עסק מיט פיניען, צי מיט זיין ווייב שרהקען, וועלכע זענען כּמעט יעדן טאָג געקומען אויף באַזוך צו אָרען.

זיי האָבן נישט געוואָלט אַפּווישן די פיס, איידער זיי זענען אין הויז אַריין, און זי, פרומע, האָט פון זיי געפאָדערט, זיי זאָלן נישט אַריינגיין, ווי אין אַ חזיר־שטאַל.

שרהקע מיט איר מאַן פיניען האָבן איר געטאָן אויף צולהכעים. זיי זענען געווען בייז אויף אָרען און אויף איר און האָבן מיט זיי תּמיד צו טאָן געהאַט: סטייטש, עטלעך גיט ער צען טויזנט דאָלאַר נדן. אַזאַ שיינע הויז האָט ער זיך געקויפט און איר, זיין עלטסטער טאָכטער און איר מאַן, גיט ער גאָרנישט, חוץ אַמאָל אַ גמילות־חסד. אָרע האָט זיי געענטפערט אין אַ האַרבן טאָן: ער גיט נישט פיניען, ווייל ער, פיניע, איז אַ שלימזלניק, אַ נאַר, אַן עזות־

פּנים. ווען ער וואָלט געהאַט אַביסל שכל, וואָלט ער איצט אויך גע־קענט זיין רייך.

און פרומע האָט זי געענטפערט:

— גזלנים, וואָס ווילט איר פון אייער טאַטן? וואָס האָט איר זיך אַנגעזעצט אויף אים? לאָזט אים אַביסל קומען צו זיך, ער וועט אייך אַלעמען מיט גאָטס הילף געבן.

און געענדיקט האָט זי תמיד:

— רעדט צו אים מיט גוטן, נאָר מיט גוטן. דו, פּיניע, ביזט אַלע מאָל געווען צו אים אַ העזהניק. רעד צו אים מיט גוטן, וועט ער פאַרגעסן, אַז דו ביזט פריער געווען אַזאַ העזהניק...

און פּיניע האָט גערעדט צו אַרען אי מיט גוטן, אי מיט בייזן, געפאָדערט פון אים כאָטש אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר אויף אַ געשעפט, נאָר אַרע האָט נישט געגעבן.

האָבן פּיניע און שרהקע זיי געטאָן צו להכעיס, זענען געקומען אַהין אין פאַרבראָדיקטע קליידער, צעקרומטע שיך, ווען דער דאָק־טאָר איז דאָרט געווען. און ווען עטל האָט זיך ביי זיי דאַן געבעטן: „האָט רחמנות, וואָס פאַרצאַפּט איר מיר דאָס בלוט? ווי גייט איר אַרום?" — דאַן האָט שרהקע איר געענטפערט:

— וואָס איז, צען טויזנט דאָלאַרדיקע מויד, דיר שטויט נישט אָן, האַ? זאָג דעם טאַטן ער זאָל מיר אויך געבן צען טויזנט דאָ־לאַר — נישקשה, איך בין אויך זיינע אַ טאָכטער — דאַן וועל איך קומען אויסגעפּוצט ווי אַ ליידי און דו וועסט זיך נישט דאַרפן שעמען!

— אויף דער חתונה וועלן מיר אויך קומען אַזוי! — האָט דאַן פּיניע אַרייַנגעוואָרפן.

פרומע האָט זיך דאַן אַנגענומען פאַר עטלען און געזידלט פּי־ניען און זיין פרוי, זענען זיי, אום איר צו טאָן להכעיס, אַריין אין זאַל און גענומען טופּען איבערן טעפּיך...

ביז איינמאָל האָט אַרע זיי דערקלערט:

— איך וועל נאָר חתונה מאַכן עטעלען, וועט איר קריגן געלט...

און דערביי האָט ער געהאַט אַזאַ רעכענונג: נאָך עטלס חתונה, ווען ער אַליין וועט דערקלערן, אַז ער גייט חתונה האָבן מיט רייטש־

לען, וועט זיך דאָך מסתמא אויפהויבן א ליארם, וועט ער דעמאָלט פאַרשטאָפּן פּיניען דעם מויל מיט א פּאָר טויזנט דאָלאַר און זאָל ער באַטש שווייגן...

חאָן האָט פּיניע אומגעדולדיק גענומען וואַרטן ביז נאָך עטלס חתונה. אָרע האָט אויך מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, באַלד נאָך סוכּות זאָל מען פּראַווען עטלס חתונה מיטן דאָקטאָר.

דערווײַלע האָט אָרע יעדן טאָג באַזוכט רייטשלען, אויסער שבת, ווען רייטשלס שוואָגער, משה־בער, איז אין דער היים געווען. פאַר אים האָט מען זיך נאָך אַלץ געהיט. אָרע האָט איר געגעבן געלט אויף קליידער און זי האָט זיך יעדע פּאָר וואָכן א נייע קלייד געננייט. משה־בערן האָט מען דערציילט, אַז רייטשל טוט מאַקע א שידוך מיט א רייכן מאַן, זיין נאָמען טאָר ער אָבער דערווייַלע נישט וויסן. האָט ער אַליין דעם נאָמען פון דעם רייכן חתן געשאַפן און באַלד האָבן אַלע רייטשלס באַקאַנטע זיך דערוווּסט, אַז זי גייט חתונה האָבן מיט זייער א רייכן מאַן, מיסטער ציטלין — אַזאַ נאָמען האָט משה־בער פאַר אים געשאַפן — וואָס פאַרמאָגט צען פעקטאָריס אין ניו יאָרק און א סך מיליאָנען. עטל האָט פון דעם אויך זיך דערוווּסט און דורך איר די אַלטע פרומע און זיי האָבן אָרען אויך דערציילט. ער האָט געשמייכלט און זיך געגלעט בהור־חבה מיט ביידע הענט די באָרד.

דערנאָך, אַז ער האָט דערציילט רייטשלען און איר שוועסטער, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז משה־בערס אויפטו און האָבן געלאַכט.

איין מאָל, ווען רייטשל האָט אים ערוואַרטעט, איז זי געזעסן מיט איר שוועסטער און איר דערציילט וועגן א פּאָר טייערע אויר־רינגען, וואָס זיי האָבן נעכטן געזען אין א דזשועלרי סטאָר אין ניו יאָרק.

— איך וואָלט וועלן, אַז ער זאָל מיר די אויערינגען קויפן— האָט זי געזאָגט.

— וועסט ביי אים בעטן? — האָט די שוועסטער געפרעגט.

— ניין, דאָס איז קיין קונץ נישט. ער דאַרף מיך בעטן, איך זאָל אים לאָזן קויפן די אויערינגען פאַר מיר — האָט רייטשל גע־

ענטפערט — דו װעסט זען, אַז ער װעט מיך בעטן. דו נאַר לאָז מיך איבער מיט אים אַליין.

ער איז געקומען. רײטשעלס שװעסטער איז גלייך אַרױס.

— נו, װאָס מאַכסטו, רײטשעלע? — האָט ער געפרעגט, װענדיק זיך.

— איך דאַנק אײך. װי געװײנלעך.

פּלוצים האָט זי זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— אַ מאָדנע זאַך, װאָס עס קען זיך אַמאָל חלומען.

— װאָס איז?...

— מיר האָט זיך די נאַכט געחלומט... איך װײס נישט, צי דאָס איז אַ גוטער, צי אַ שלעכטער חלום...

— דהיינו? װאָס אַזױנס האָט זיך דיר געחלומט?

— איך האָב נעכטן געזען אין ניו יאָרק בריליאַנטענע אױ־רינגען אין אַ דזשועלערי סטאָר, זענען זײ מיר שטאַרק געפעלן גע־װאָרן. חלומט זיך מיר די נאַכט, אַז איך טראָג די דאָזיקע אױרינ־גען און איך פרײ זיך אַזױ... װאָס קען אַזאַ חלום מײנען, האָ? — האָט זי געפרעגט מיט אַן אומשולדיקער מינע.

ער האָט אָנגעהױבן צו לאַכן:

— אַ סימן, אַז איך װעל דיר קױפן בריליאַנטענע אױרינגען — האָט ער געענטפערט.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ און געזאָגט מיט אַ קאַפּריזנער מינע:

— איך װעל נישט נעמען. איך קאָסט אײך אָפּ שױן גענוג...

— װאָס איז דער חילוק, שפּעטער װעל איך דאָך דיר דאַרפן סײ־װי־סײ קױפן...

— די אױרינגען זענען צו טײערע, — האָט זי געזאָגט אין אַ טאָן װי אַ נאָכגעגעבן קינד, און אַ דרײ געטאָן דעם אַקסל.

— צו־טײערע?... נישט דײן דאגה. קײן זאַך איז נישט טײע־רער פון דיר...

— אי, איר זאָגט דאָס נאָר... אין דער אמתן באַנעמט איר זיך קעגן מיר גאָר נישט, װי איר װאָלט זיך געקליבן מיט מיר התונה צו האָבן...

ער האָט זי אָנגעקוקט פאַרװוּנדערט.

— וואָס מיינסטו?... איך פאַרשטיי דיך נישט...

— איר פאַרשטייט יאָ, נאַר... איר שעמט זיך...

— איך שעם זיך? וואָס?...

— איר שעמט זיך! איר שעמט זיך!... — האָט זי נאָך אַמאָל געזאָגט אין אַ טאָן פון אַ קאַפּריזנעם קינד — פאַרוואָס ווייזט איר מיר נישט אַרויס, אַז איר ליבט מיך?

— וואָס הייסט, איך ווייז דיר נישט אַרויס?... ווי דאָס אויג פונעם קאָפּ, ווי דאָס שוואַרץ־אַפּל פון מיינע אויגן, אַזוי טייער ביזטו ביי מיר, רייטשעלע...

— איך זע דאָס נישט — האָט זי שטיל געזאָגט און, אָפּ־קערנדיק דעם קאָפּ, האָט זי צוגעלייגט, ווי פאַרשעמט:

— איך שעם זיך דאָס איך אפילו צו זאָגן, אָבער עס פאַר־דריסט מיר... איר זאָגט, אַז איר האָט מיך ליב, היינט פאַרוואָס שעמט איר זיך אפילו מיך... אַ... גלעט צו טאָן? — האָט זי נאָך שטילער צוגעלייגט. — אַזוי ווייזט זיך רק אויס, אַז איר זענט אַ פרעמדער...

— האַ?

ער האָט אַזש דעם מויל געעפנט. דאַן האָט ער זיך צעלאַכט און זיך אָנגערופן מיט אַ ציטערדיקן קול:

— איך שעם זיך... וואָס הייסט, איך שעם זיך?... גאָרנישט. מען איז דאָך עפּעס נישט קיין יונגאַטש, חלילה... אַ ייִד, ווי זאָגט מען, מיט אָנשטענדיקייט...

ער איז צוגעגאַנגען נעענטער צו איר:

— רייטשעלע, דו מיינסט, אַז איך וואָלט וועלן, וואָלט איך נישט געקענט מאַכן אָט די אַלע תנועות פון די היינטיקע יונגע שקצים?...

ער האָט איר אַ גלעט געטאָן די באַק און אַרויסגעפּליסטערט:

— אוי, אַ זיסע נכפּהלע דיר אינם האַרצן!... ווען מען האָט זיך געחלומט, אַז דו, אַזאַ מויד, קיין עין הרע, זאָל אַמאָל וועלן קוקן אין מיין זייט!... געוואַלד! — האָט ער גענומען ירדן העכער און מיט התלהבות — ווי שיין דו ביזט, רייטשעלע, אַ בת־מלכּה. ממש! הויך און דיק, אַ שיינער בוים! באַקן, ווי אַ פּאָר גע־ראָטענע היימישע פּרעפּעשקעס! אויגן — שטיקער פייער!... אוי,

רייטשעלע, אוי, אוי, אוי... — האָט ער גערעדט און געגלעט אירע באַקן.

— טוט מיך אַ קוש — האָט זי פּלוצים געזאָגט.

— האַ?...

ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און גענומען זיך אומקוקן אויף אַלע זייטן.

— וואָס קוקסט איר זיך אום? וואָס האָט איר מורא? נאָך דער חתונה וועט איר אויך מורא האָבן? — האָט זיך רייטשל אָנגע־רופן.

אָרע האָט אַרויסגעמורמלט:

— איך האָב נישט מורא, נאַר...

ער האָט נישט דערעדט, אַ ווײַלע זי אָנגעקוקט מיט באַגײַס־טערטע אויגן און דערנאָך האָט ער פּלוצים אויסגערעדט, אַזוי ווי ער וואָלט אַרויסגעקרעכצט:

— אוי, דו מאַכסט מיר גאָר צעלאָזן, שיקסעלע דו!...

ער האָט זי אַ קוש געטאָן און אָנגעהויבן צו ציטערן מיט הענט און מיט פּיס...

זי האָט זיך צעלאַכט:

— וואָס טרייסלט איר זיך אַזוי?...

און זי האָט זיך פון אָרט אויפגעהויבן.

ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ באַגײַסטערטן שמייכל און מיט פאַרשכּורטע אויגן און געמורמלט:

— דו ביזט אַ גן עדן, דער בעסטער חלק עולם הזה...

מיט אַמאָל האָט ער זיך אונטערבראָכן און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— גיי, גיי, עס איז גאָר אַ סכּנה אויף דיר צו קוקן. עפּעס אַ בראַנד, אַ שטיק פייער... דו... דו.. דו ביזט אינגאַנצן אַ פייער־דיק שטיק עבירהלע!...

זי האָט אַ שמייכל געטאָן:

— גענוג אייך צו רעדן אַזוינע נאַרישקייטן. איכל ווערן בייז. גוט. אַט דערפאַר וועל איך בײַ אייך נישט נעמען די אויריגנגען!

— ניין, ניין — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן — די אויריגנגען זאָלסטו יאָ נעמען. אויב דיר געפעלט, קויף זיי. איך וועל באַצאָלן.

— ווייס איך, אזויפיל געלט! — האָט זי געזאָגט.

— עס מאַכט נישט. וויפל וויל מען?

— פינף הונדערט דאָלאַר — האָט זי שטיל געזאָגט.

— פינף הונדערט?!...

ער איז צעמישט געוואָרן:

— אזוי פיל געלט פאַר אוירינגען?...

— בריליאַנטענע... אָבער מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט. מאַלע וואָס מיר איז געפעלן!....

ער האָט זיך פאַרטראַכט. דאַן האָט ער ארויסגערעדט:

— מילאַ, זיי זענען דאָך דיר געפעלן, האַ? טאַ קויף זיי.

— איך וויל נישט. צופיל געלט. דאָס הייסט — האָט זי פאַר־כאַפּט — נישט צופיל. זיי זענען אַ מציאה. אָבער פאַר אייך איז צופיל געלט...

— אז דיר געפעלן זיי, איז פאַר מיר גאָר נישט צופיל. קויף זיי.

— וועלל, אויב איר ווילט — האָט זי ארויסגערעדט מיט אַן אומשולדיקע מינע — איך מוז דאָך אייך פאָלגן...

און אין דער אייגענער וואָך האָט זי די דאָזיקע אוירינגען באַקומען.

19

רייטשל די כּלה

נאָך אַ מאָנאַט איז פאַראיבער, און נאָך אַ מאָנאַט. די יום־טובים זענען אויך אוועק און אין אָרעם הויז האָט מען זיך אָנגע־הויבן צו גרייטן צו עטלס חתונה.

און מיט אומגעדולד האָט אָרע געוואַרט, אז די דאָזיקע חתונה זאָל פאַראיבער. ער האָט איצט די גאַנצע צייט געטראַכט פון רייטש־לען, איז איינגאַנצן פול געווען מיט איר, פונקט ווי פריער מיט זיינע „פאַרסעלס". נאַטירלעך, ער האָט איצט זיינע געשעפטן אויך גע־טריבן, האָט געקויפט און פאַרקויפט „פאַרסעלס", נאָך גרעסערע ווי פריער, ביי וועלכע ער האָט פאַרדינט נאָך מער געלט. וועגן דעם

אבער איז אים נישט נויטיק געווען צו טראכטן: דאס האט פאר אים שוין געטאן די ,,בום־מאשין''. ווי זי וואלט דאס געטאן פאר אים, ווען ער זאל אפילו אינגאנצן נישט האבן קיין קאפּ, ווען ער וואלט אפילו אינגאנצן געווען א ליימענער גולם, אבי ער האט זיך באוועגט מיט דעם כּוח און ווילן פון איר, דער דאזיקער ,,בום־מאשין'', וועלכע האט מיט אזא ליאַרם און אימפּעט זיך געטראגן אין פאראויס, נישט טראכטנדיק גאר וועגן אָפּשטעלן זיך... ער, ארע, האט נאר געדארפט פארקויפן, האט ער שוין פארדינט. עס האט גאר נישט אויסגעמאכט, וואס פאר א ,,פארסעל'' און ווו עס איז געלעגן. עס האט אפילו געמעגט ליגן צווישן זומפּן...

אמת, ווען נישט ווען האט געטראפן, אז אינמיטן האסטיקן פליען האט זיך די ,,בום־מאשין'' א שאקל געטאן אהין און אהער, דאן האבן זיך די אלע מענטשן, וואס האבן זיך געטראגן מיט איר כּח, ווי גולמס, מיינענדיק, נאטירלעך, אז זיי שלעפּן זי, — זיך אויך א שאקל געטאן צוזאמען מיט איר און האבן זיך אנגעקוקט מיט אומרואיקע אויגן... אויף א קורצער צייט איז דאן א שטילשטאנד איינגעטרעטן, מען האט נישט געקויפט און נישט פארקויפט. אבער נאר א קורצע צייט, באלד איז זי די ,,בום־מאשין'' ווידער געלאפן, נאך האסטיקער, נאך מיט מער געפילדער ווי פריער, און די אלע מענטשן, געשטופּט און געטריבן פון איר, האבן זיך ווידער א ריר געטאן, געקויפט און פארקויפט די ,,פארסעלס'', און געמיינט, אז זי ווערט געשטופּט און געטריבן פון זיי, פון זייערע פעאיקייטן און זייער חכמה...

אזוי האט איצט געדענקט ארע און אזוי די אלע איבעריקע, וואס זענען איצט רייך געווארן פון דעם ,,ריעל־עסטייט־בום''...

קורץ, ביי ארען זענען איצט די געשעפטן גוט געגאנגען, ווען אפילו זיינע אלע געדאנקען זענען פארנומען געווען מיט רייטשלען.

ער האט בסדר געטראכט פון איר. ווען ער האט אפילו געדאוונט האט זי זיך געטראגן פאר זיינע אויגן. און ימים נוראים, ווען ער האט אין די תפילות ביי גאט לעבן געבעטן פאר זיך און זיין הויז־געזינד, האט ער מיט באזונדער כּונה געבעטן לעבן, לאנגע יארן און גליק פאר איר, פאר רייטשלען.

ער האָט זיך איצט געפֿילט פֿרייער מיט איר און האָט זי אָפּט געקושט. און אַמאָל, אַז ער האָט זיך דערפֿילט זייער זינדיק אין זיינע געדאַנקען, האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר גאָט: „גאָטעניו, זיי דו מיר מוחל פֿאַר דער מחשבה זרה: זי איז ביי מיר אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן. זי איז דאָך אַזאַ פֿאַרשווין!... זיי מיר מוחל, גאָטעניו, דו ווייסט דאָך, אַז זי איז מיר נישט קיין פֿרעמדע, אַז זי וועט ווערן באַלד מיין ווייב!"

און נאָך אָפּטער איז ער אַזוי איינגאַנצן איבערגעפֿולט געוואָרן מיט גליק, דאָס מיט טרערן אין די אויגן האָט ער גאָט געדאַנקט:

— איך דאַנק דיר, גאָטעניו, פֿאַר דעם שיינעם חלק עולם הזה, מיט וואָס דו האָסט מיך מזכּה געווען!...

פֿאַר ימים נוראים האָט ער אויס דאַנקבאַרקייט צו גאָט אַ נייע ספר תורה אין שול אַריינגעגעבן און רייטשלען האָט ער געזאָגט, אַז איה"ש נאָך זייער חתונה וועט ער אַ שול בויען, וואָס זאָל הייסן „אָרע בּירינגס שול".

ער, דער עלטערער ייד, האָט איצט דורכגעלעבּט אַ פֿרילינג אין זיין נשמה, אַ פֿרילינג, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געקענט. זי, רייטשל, איז דאָרט געווען די שיינע פֿרילינגס־זון. ער איז מיט אַמאָל יונג געוואָרן, ווי נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן...

איינמאָל, אַ פֿאַרנאַכט, עטלעכע טעג פֿאַר איר חתונה, איז עטל געקומען אַהיים און האָט דערציילט מיט התפּעלות אָרען אין פֿרומען, אַז זי האָט זיך איבערגעבעטן מיט רייטשלען, און אַז זי, רייטשל, וועט דאָ באַלד זיין.

אָרע איז געוואָרן אויפֿגערעגט, אַז ער האָט עס דערהערט, און פֿרומע האָט זיך אָנגערופֿן:

— וואָס איז דיר עפּעס מיט אַמאָל איינגעפֿאַלן, זיך איבערצובעטן מיט דער טענצערקע?

— איך בין געווען אויף פּיטקין עוועניו, טרעף איך זי אָן. אָבער וואָלט איר זען, ווי שיין זי איז... היינט אויסגעפּוצט איז זי, מאַמעלעך מיינע, טאַקע ווי עפּעס אַ וואַנדערבּילטס טאָכטער... איך האָב זיך דערמאָנט, אַז זי גייט חתונה האָבן מיט אַ רייכן מאַן, טראַכט איך מיר: פֿאַרוואָס זאָל איך מיט איר נישט גוט ווערן? איצט

וועט זי דאָך מיר שוין פאַרגינען מיין חתן. און איך רוף זיך אָן: „העללאָ, רייטשעל!״ דעם אמת געזאָגט, איך האָב מורא געהאַט, אַז זי איז נאָך ברוגז און וועט מיר נישט ענטפערן, אָבער זי האָט יאָ געענטפערט: „העללאָ, עטל״, און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דערנאָך, האָבן מיר זיך צערעדט און איך האָב זי געבעטן, קומען זען אונזער נייע הויז און מיינע חתונה־קליידער.

— נו, וועט זי קומען? — האָט אָרע געפרעגט מיט פאַרשטיק־טער אויפרעגונג אינם קול.

— יאָ, זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט דאָ באַלד זיין — האָט עטל געענטפערט און זיך געוווּנדערט צו פרומען: — באָבע, דו זייַ נאָר מיט איר פריינדלעך, פאַרגעס נישט, אַז זי וועט אויך באַלד זיין אַ רייכע לידי און איך וויל מיט איר אָנהאַלטן די פריינד־שאַפט...

— איך האָב זי אפילו נישט אַזוי האַלד! — האָט די אַלטע געזאָגט — נאָר גאָרנישט. קריגן וועל איך זיך מיט איר נישט, אַז זי וועט קומען. וואָס האָט זי דיר געזאָגט, ווען גייט זי חתונה האָבן?

— גאָר אינגיכן, זאָגט זי, וועט זי מיר לאָזן וויסן — האָט עטל געענטפערט.

— טאַקע אַ רייכער מאַן?

— ער מוז אָפּנים זיין זייער רייך. דו וואָלסט זען, באָבע, ווי זי איז אויסגעפּוצט. זי זאָגט, אַז דאָס איז אַלץ איר חתנס.

— אַ שיינע מציאה כאַפּט ער, — האָט די אַלטע זיך אָנגע־רופן — זי וועט אים שוין גוט פאַרטאַנצן די יאָרן. ער איז אַן עלטערער מענטש, וואָס זאָגט זי?...

— זי זאָגט, אַז ער איז דער בעסטער מענטש אויף דער וועלט — האָט עטל געענטפערט — זי איז, קענטיק, אין אים שטאַרק פאַרליבט.

אָרע האָט אויפגערעגט גענומען גלעטן מיט ביידע הענט די באָרד און אָנגעהויבן צו הוסטן, אַזוי ווי אין דעם האַלז וואָלט אים עפּעס געבליבן שטיין. דאַן האָט ער זיך אויפגעהויבן פונם אָרט, איז צוגעגאַנגען צו עטלען, האָט זי אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן.

— דו ביזט א וווילינקע, האסט א גוט הערצעלע — האט ער ארויסגעמורמלט, שמייכלענדיק אזוי גליקלעך: — בעט זי אויף דיין חתונה אויך...

און געזאגט עס, — איז ער ארויס אויפן גאניק און האט זיך דארט אוועקגעזעצט.

,,זי זאגט, אז ער איז דער בעסטער מענטש אויף דער וועלט— האט ער אין די געדאנקען איבערגעגרעדט עטלס ווערטער, און זיין פנים האט געשטראלט פאר גליק — זי איז, קאנטיק, אין אים פארליבט!"...

— גאט מיינער, גאט מיינער — האט ער ארויסגעמורמלט — איך דאנק דיר, איך דאנק דיר פאר דיינע גרויסע חסדים מיט מיר!..

עס איז שוין געווען נאכט, ווען רייטשל איז געקומען. דאס הויז פון דרויסן איז געווען באלויכטן פון א גרויסן עלעקטרישן לאמפ, וואס איז געהאנגען ביי דער ארייננגאנג-טיר אויפן גאניק און האט געלויכטן ווי א לבנה דורך א לייכטן נעפל.

זי איז געווען אויסגעפוצט ווי צו א באל, אין א העלן, טייערן קלייד, מיט ווייסע האנדשו, וואס זענען הויך ארויפגעצויגן געווען אויף אירע רונדע, דיקע ארעמס. און אויפן קאפ האט זי קאקעטיש געטראגן א טייערן הוט און ארום האלז א מעדאליאן אין דער פארם פון א הערצעלע, אויסגעזעצט מיט בריליאנטן און אנגעבונדן אן א דין גאלדן קייטעלע און אין די אויערן האבן געפינקלט די פינף הונדערט דאלארדיקע אויררינגען. זי איז געווען אומגעווויינלעך שיין אין דעם דאזיקן אוונט, אין גאנצן כשוף, האט זיך געדאכט, אין גאנצן טונקעלער, פייערדיקער צוויבער מיט איר שלאנקער פיגור, הויכן רייצנדען ביוסט, טונקעלן, לענגלעכן באוועגלעכן פנים, רויטע, פולע ליפן און מיט אירע גרויסע שווארצע, ברענענדיקע אויגן. אויף איר שטערן אונטער דעם הוט מיט די גרויסע ווייסע פעדערן האבן טיף-שווארצע לאקנדלעך זיך געקרויזט אין שווארצע רינגעלעך.

ווען פרומע האט זי דערזען, האט זי פאר איבערראשונג אויסגעשריגן:

— קיין עין-הרע נישט, דאס ביזטו, רייטשל? מאמעלעך מיינע, ווי זי שיינט!...

— גיט מיר נישט קיין עין־הרע, פרומע! — האָט רייטשל זיך אָנגערופן מיט אַ צופרידענעם שמייכל.

אָרע, וועלכער איז געשטאַנען הינטער פרומעס רוקן מיט אַ שטראַלענדן פּנים און האָט געקוקט אויף רייטשלען, האָט מיט הרחבה אַ גלעט געטאָן זיך די באָרד און אַ טראַכט געטאָן:

„רייטשעלע — מאַמעלע, קיין בייז אויג זאָל דיר נישט שאַטן!"

עטל האָט גענומען רייטשלען אונטער דער האַנט מיט זייער אַ פריינטלעכער מינע.

— נו, ווי געפעלט דיר אונזער הויז, רייטשל? — האָט זי געפרעגט.

— ווי מיר געפעלט דאָס הויז? מיר געפעלט שוין דאָס הויז אַלל־רייט — האָט זי געענטפערט און אַ קוק געטאָן מיט לאַכעדיקע אויגן אויף אָרען, וועלכער האָט איר געענטפערט מיט אַ גליקלעכן שמייכל.

— און ווי געפעלט דיר מיין געשמאַק, רייטשל? — האָט עטל ווידער געפרעגט — אַלצדינג, וואָס דו זעסט דאָ, דאָס גאַנצע מעבל האָב איך אַליין אויסגעקליבן...

— דו אַליין! אַזוי? — האָט זיך רייטשל אַ כאַפּ געטאָן מיט כּלומרשדיקע התפּעלות — אויב אַזוי, עטל, מוז איך צוגעבן, אַז דו האָסט זייער אַ פיינעם געשמאַק.

— אָט דער טאַטע וועט דיר זאָגן, אַז אַלצדינג האָב איך אַליין אויסגעקליבן. נישט אמת, פּאַפּאַ? — האָט עטל זיך צו אים געווענדעט.

ער האָט אַרויסגעמורמלט:

— מילאַ, אַבי עס איז שיין...

רייטשל האָט דערווייל זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן. פּלוצים האָט זי געזאָגט גאַר מיט אַן אַנדערן טאָן:

— אָ, דאָס גאַנצע הויז מוז איבערגעמאַכט ווערן... דאָ מוז שטיין אַ קושעטקע. אַנדערע פאָרהאַנגען דאַרף מען האָבן ביי די פענסטער... און דאָ דאַרפן הענגען בילדער, און דער שפּיגל דאַרף דאָ אויך נישט זיין... אַלצדינג מוז דאָ איבערגעמאַכט ווערן, ווי ביי לייטן...

פרומע האָט זיך באַליידיקט.

— זע נאַר — האָט זי זיך אָנגערופן — האָסט געהערט אויף דיין לעבן, וואָס זי האָט דאָ אָנגערעדט! רייטשעלע, אונזער הויז געפעלט דיר נישט? ווו האָסטו עפּעס געזען אַ שענערע הויז? אפשר ביי דיין טאַטן? דו האָסט מיר עפּעס געקריגן אַ רייכן יצר הרע, אַ נכפה אויף דיר!

רייטשל האָט געענטפערט:

— יאָ, פרומע, איך האָב זייער אַ רייכן יצר הרע געקריגן.

— איז ביי דיין חתן אויך אַזאַ שיינע הויז? — האָט עטל געפרעגט.

— ביי מיין חתן וועט נאָך זיין אַ שענערע הויז — האָט רייטשל געענטפערט.

— ווייסט כאָטש דיין חתן, וואָס פאַר אַ טענצערקע דו ביזט? — האָט פרומע זיך פלוצים אָנגערופן.

אָרע האָט צעמישט אַ קוק געטאָן אויף איר.

— אַהאַ! — האָט זיך רייטשל אַ כאַפּ געטאָן — איר קריגט זיך שוין מיט מיר, פרומע?

— באָבע — האָט עטל זיך אויך אַריינגעמישט — איך האָב דאָך דיך עפּעס געבעטן...

פרומע האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט.

— זע נאַר, איך מיין דאָך, חלילה, גאָרנישט. איך פרעג נאָר אַזוי גלאַט, וואָס האָב איך איצט צו רייטשלען?...

און זי האָט צוגעלייגט מיט אַ ווייכן טאָן, ווענדנדיק זיך צו רייטשלען:

— נעם נישט פאַראומגוט, רייטשל. איך האָב, חלילה, גאָר־נישט געמיינט.

— מילא, מיר וועלן זיך שוין אַמאָל אויסרעכנען מיט אייך — האָט רייטשל געזאָגט.

אָרע איז צו איר צוגעגאַנגען.

— די מאַמע האָט, חלילה, גאָרנישט געמיינט — האָט ער געזאָגט. — קום, דו וועסט אָנקוקן אונזער זאַל.

און זיי אַלע זענען אַריין אין זאַל. אָרע האָט אַ דריק געטאָן

א קנאַפּ אויף דער וואַנט, און דער גאַנצער זאַל איז באַגאָסן גע־וואָרן מיט עלעקטרישן ליכט.

— שיין! — האָט אַרויסגעמורמלט רייטשל, און איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל, ווי באַצויבערט.

און א־ן א ווײַלע אַרום, ווען זי איז אַוועק איבערן ווייכן טעפּיך צום הויכן שפּיגל וואָס איז געשטאַנען אין אַ גאָלדענע ראַם אויף דעם אַנדערן עק פונם זאַל, האָט פרומע צו איר גענומען שרייען:

— טרעט נישט אויף דעם, דו פּירסט איבער! גיי אַרום בּרעג!...

אָרע האָט זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ האַנט.

— מאַמע, גוואַלט!...

און עטל האָט אַרויסגעפּליסטערט:

גוואַלט, באָבע, שוין צייט דו זאָלסט זיך באַנעמען, ווי אַ לײַדי!...

— מען טרעט נישט אויף אַזוינע טייערע זאַכן! — האָט די אַלטע געבורטשעט — זי ווייסט דאָס נישט, דאַרף מען דאָס איר זאָגן...

— באָבע, דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט! — האָט עטל געזאָגט און איז אַליין אַוועק איבערן טעפּיך צום שפּיגל, קעגן וועלכן רייטשל איז געשטאַנען.

די אַלטע האָט פאַרבראָכן די הענט.

— נו? — האָט זי אַרויסגעמורמלט — וואָס זאָגסטו עפּעס צו דעם, אָרע? מען וועט דאָך דיר, ווי איז מיר, מאַכן אַ תל פון אַלצדינג!...

— וואָס ווילסטו, מאַמע? — האָט אָרע זיך אָנגערופן — ע־ליגט דאָך דאָרטן, אַז מען זאָל אויף אים טרעטן...

— וואָס נאָך וועט מען דיר איינרעדן, האַ, אָרע? דו נעם לייג דאָרטן אַוועק גאָלד, אַז מען זאָל אויף דעם טרעטן. איך פאַר־שלים דעם זאַל און מער לאָז איך קיינעם נישט אַריין! — האָט פרומע געזאָגט מיט כעס.

„דו וועסט שוין בײַ מיר פאַרשלים!“ האָט רייטשל אַ טראַכט געטאָן, שטייענדיק נעבן עטלען קעגן שפּיגל און פאַרריכטנדיק אויף זיך דעם הוט.

ארע איז געוואָרן אומרואיק פון זיין מוטערס האַלטונג און זיך באַמיט צו מאַכן רייטשלען אַנגענעמער. ווען זיי זענען אַרויס פונם זאַל, האָט ער זיך אָנגערופן:

— נישט אמת, רייטשל, אַז קיין שענערע הויז דאַרף מען גאָר נישט. און דאָ האָב איך טייערע שאַפעס מיט ביכער.

זיי זענען אַריינגעקומען אין לייבּרערי צימער, עטל, האַלטענדיק רייטשלען אונטער דער האַנט, אָרע אין פאָרויס און פרומע פון הינטן.

דאָס לייבּרערי־צימער איז אויך געווען באַלויכטן פון עלעקטרישע לאָמפּן. ביי די ווענט זענען געשטאַנען שאַפעס פון מאַהאַגאַני האָלץ, אָנגעפּאַקט מיט ביכער. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ גרויסער שרייב־טיש פון מאַהאַגאַני האָלץ מיט אַ לאָמפּ אונטער אַ בלויען שירם פון ביסער. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז אַ קאַבּינעט פון אַ רייכן געלערנטן, אָדער פון אַ רייכן שריפטשטעלער...

— זיי אַלע מאַכן זיך איצט לייבּרערים — האָט אָרע ווייטער גערעדט — אי יאַבּנעטשיק, אי מיסטער בלום, אי חיים־זוסע פליוך. אַלע, אַלע, וואָס איך קען, — אַזאַ מאָדע איז שוין געוואָרן, — אָבער אַזאַ לייבּרערי ווי מיינע, וועט קיינער פון זיי נישט האָבן. די טייערסטע, די גרעבּסטע ביכער האָב איך דאָ, און דעם האָב איך אויך, דעם... איך האָב פאַרגעסן זיין נאָמען. אָבער דער דאָקטאָר זאָגט, אַז דער מאַכער פון יענע ביכער איז געווען גאָר אַ מאַן פּלאַי פּלאַים... עטעלע, ווי הייסט ער, דער מאַן, וואָס דיין דאָקטאָר האָט געזאָגט? — האָט אָרע זיך געווענדעט צו זיין טאָכטער.

— שעקספּיר, טאַטע...

— יאָ, יאָ, דאַכט זיך אַזוי איז זיין נאָמען... אַ שווערער נאָמען, איך קאָן אים קיינמאָל נישט געדענקען. אָט דאָ זענען זיינע ביכער! — ער האָט געעפנט אַ שאַפע און אַרויסגעשלעפּט אַ דיקן בוך. — צען שטיק אַזוינע האָט ער געמאַכט! זע נאָר, ווי ער האָט זיי געמאַכט, מיט גאָלדענע אותיות, אין לעדער!... „שמעקספּיר!" ער האָט אַ גרויסן שם, זאָגט דער דאָקטאָר, דער שמעקספּיר!... זע נאָר אַ בוך!...

— איר האָט אים, דאַכט זיך, פֿאַרקערט — האָט רייטשל זיך אָנגערופֿן.

אָרע האָט דעם בוך איבערגעדרייט.

— אָבער זע נאָר, רייטשל, אַ סחורה. גאָלדענע אותיות, ריכ־טיקע לעדער... און ווי שווער!

ער האָט אים גענומען און וועגן אויף דער האַנט.

— צען פֿונט אודאי איין בוך! קאָסט אפֿילו אַ שיינע מטבע, אָבער נישט איבערגעצאָלט, ווערט דאָס געלט!...

דערנאָך זענען זיי ווידער אַריינגעגאַנגען אין עס־צימער, און אָרע האָט פֿאַר איר גענומען לויבן זיין פֿאָנאָגראַף:

— זיי אַלע קויפֿן איצט פֿאָנאָגראַפֿס, אָבער אַזאַ ווי מיינעם האָבן זיי קיינער נישט. ווילסט הערן אַ יידיש שטיקעלע, רייטשל?

און ער האָט אָנגעשטעלט דעם פֿאָנאָגראַף, און באַלד האָט זיך דערהערט אַ שטיקל חזנות, פֿון וועלכן אָרע האָט אָנגעקוואָלן. דערנאָך האָט דער פֿאָנאָגראַף געשפּילט אַ רוסישע „קאַמאַרינסקי״ און נאָכדעם האָט קאַרוזאָס קול געזונגען, מעלבאַס און סקאָטיס, און שפּעטער, ווען פֿונם פֿאָנאָגראַף האָט אַרויסגעזונגען אַ פּאָפּולער גאַסן־לידל, זענען רייטשל און עטל גאָר לעבעדיק געוואָרן, האָבן דאָס דאַזיקע לידל אונטערגעכאַפּט און מיטגעזונגען...

ווען רייטשל האָט זיי פֿאַרלאָזן, איז שוין געווען גאַנץ שפּעט. זי האָט פֿאַרשפּראָכן עטלען צו זיין ביי איר אויף דער חתונה. אָרע האָט זי באַגלייט אַהיים און אויפֿן וועג האָט ער צו איר געזאָגט:

— קיין עין־הרע נישט, רייטשעלע, ווי שיין דו ביסט היינט, שיינסט ווי אַלע זיבן זונען! דו הערסט, רייטשל, ווי מיין נאָמען איז אָרע, ווען איך וואָלט פֿאַר דיר געקאָנט אויפֿבויען אַ הויכע שיבילניצע, ווי פֿאַר אַ בת־מלכה, אַט ווי מען לייענט דאָרט אין יענע מעשה־ביכלעך, וואָלט איך דיר דאָרט אוועקגעזעצט אויפֿן שפּיץ שיבילניצע און דיך געקאָרמעט מיט געבראָטענע טייבעלעך און גע־געבן דיר טרינקען פֿון פֿויגל־מילך. אַי, איך וואָלט דאָס געטאָן! אַזוי איינגעבאַקן ביסטו ביי מיר אינעם האַרצן!...

20

ערע אין אַן אומבאַקאַנטן פּלאַץ

אויף מאָרגן איז ביי אָרען געווען זייער אַ גליקלעכער טאָג: ער האָט פאַרקויפט אַ קאָמפּאַניע, ווו סעמקע און יאַכנעטשיק זענען געווען די הויפּט־פירער, זיינע „לאָטס" אויפן בולוואַר, אויף פּיטקין עוועניו און אויף האפּקינסאָן עוועניו און דערביי פאַרדינט איבער פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלאַר. נאָכדעם, ווי אָרע האָט זיין טשעק באַקומען, האָט סעמקע אים פאַרגעשלאָגן, אָפּצופירן אים אַהיים אויף זיין וועגל.

ווען זיי האָבן זיך געזעצט אויפן וועגל, האָט סעמקע פּלוצים זיך אָנגערופן:

— מיסטער כיריג, איר מיינט, אַז איך וועל אייך פירן אַהיים, איידער מיר האָבן דאָס באַנעצט?...

— וואָס?

—איך מיין, מיר האָבן דאָך געמאַכט געשעפט און איר האָט געכאַפּט אַ היפּשע אַפּותיקאַ, דאַרפן מיר דאָס באַנעצן...

— איר ווילט איך זאָל אייך מכבד זיין מיט שאַמפּאַניער?

— נו, געוויס.

— אָל־רייט, מיט כבוד גדול. פאָרט צו צום רעסטאָראַן.

— ניין, — האָט סעמקע געזאָגט — מיר וועלן היינט פאָרן אין אַן אַנדער פּלאַץ טרינקען שאַמפּאַניער. דאָ איז אַ צו אָרימער פּלאַץ פאַר מיר. איך האָב אויסגעפונען אַ ריכטיקן פּלאַץ.

און ער האָט אַ טרייב געטאָן דעם פערד.

דער פערד איז געווען אַ יונגער און אַ שנעלער, דאָס וועגל אַ לייכטס און ער האָט זיך שנעל געטראָגן איבער פּיטקין עוועניו צום בולוואַר צו.

דאָס איז געווען אַזייגער דריי ביי טאָג אין מאָנאַט אָקטאָבער, אין דער שענסטער צייט פונם יאָר, ווען די גאָלדענע הערבסט־זון לאַסטשעט אַזוי ווייך, אַזוי מילד די ערד און אירע ברואים, וואָס

האָט פריער חרשים נאָכאַנאַנד אומבּרחמנותדיק געבּראָטן און גע־
פּייניקט מיט אירע בּרענענדיקסטע שטראַלן, און ווען דער הימל
קוקט אַרונטער אַזוי רואיק און אַזוי פאַרדרימלט, אַקוראַט ווי ער
אַליין וואָלט זיך איצט אויך אויסגערוט פון דער פריערדיקער שטיקנ־
דער היץ.

זיי זענען געפאָרן איבּערן בּולוואַר. איבּער די נאָך־גרינע
בּוימער איז צעגאָסן געווען אַ גאָלדענע, טיף־רואיקע ליכטיקייט.
אַזוי ווי אַ גאָלדענער חלום וואָלט דאָרט געשוועבּט; די גרינע בּערג־
לעך בּיי די זייטן האָבּן אויך אויסגעקוקט אַזוי רואיק, ווי זיי וואָלטן
זיך אויסגערוט.

אַרום איז געווען רואיק און שטיל. קיין קינדער האָט מען דאָרט
איצט נישט געזען, קיין דינסטן און קיין מאַמעס מיט קינדער־
וועגעלעך, וואָס מען זעט דאָרט, ווען עס איז זייער הייס. נאָר אַן
אַלטע פרוי מיט ווייסע האָר, טיף־שוואַרץ געקליידעט, האָט דאָרט
איבּער אַן אַליי, צווישן די בּוימער, טריט בּיי טריט געשפּאַצירט.
צייטנווייז איז אַ וואָגן דורכגעפאָרן, אַן אויטאָמאָבּיל צי אַ מאָטאָר־
סייקל איז מיט אַ זשוזשען דורכגעפלויגן...

— וווּהין פאָרן מיר? — האָט אָרע זיך אָנגערופן.

— האָט נישט מורא — האָט סעמקע געענטפערט — מיר
פאָרן אין אַ גוטן פּלאַץ. איר וועט הנאה האָבּן.

עס איז אַריבּער מער ווי אַ האַלבּע שעה, און זיי זענען נאָך
אַלץ געפאָרן.

— וווּהין פירט איר מיך? — האָט אָרע ווידער געפרעגט.

— אַט בּאַלד, בּאַלד וועלן מיר דאָרט זיין. זענט איר אַמאָל
געווען אין קוני־איילענד?

— ניין. וואָס איז? איר פאָרט אפשר אַהין? — האָט אָרע
זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אַן אומפּעט.

— ניין. אָבּער דער פּלאַץ איז אויפן וועג ווו מען פאָרט קיין
קוני־איילענד...

— שדים ווייסן, וואָס אייך איז איינגעפאַלן. פאָרט בּעסער
צוריק.

— וואָס האָט איר מורא? איר פאָרט דאָך מיט מיר! — האָט
סעמקע געזאָגט און זיך צעלאַכט.

צום סוף האט סעמקע אפגעשטעלט זיין וועגל נעבן א גרויסן רעסטאראן אויף אושען עוועניו, וואס האט אויסגעזען האלב סאלון און האלב האטעל. ארום זענען געשטאנען אויטאמאבילן און קארעטן.

— אט דא איז דאס — האט ער געזאגט, אראפקריכענדיק פון וועגל.

ארע איז אראפגעקראכן נאך אים. א נעגער מיט א שמייכל, מיט אויסגעשטעלטע ווייסע ציין איז צוגעלאפן צו סעמקען און דאט זיך א נויג געטאן צו אים. קענטיק געווען אז ער האט שוין סעמקען געקענט. סעמקע האט אים געהייסן אכטונג געבן אויפן פערד און איז מיט אר־ען אריין אין רעסטאראן.

— אט דא איז פריילעך, — האט סעמקע געזאגט, — איך זענט נאך אין אזא פלאץ נישט געווען...

און, ווירקלעך, אינעווייניק אינם רעסטאראן איז געווען זייער פריילעך. ארום קליינע טישלעך זענען געזעסן געסט, מענער און פרויען, האבן געגעסן און געטרונקען. צווישן זיי האבן זיך באַ־יעגט קעלנערס אין קורצע שווארצע רעקלעך, מיט אויסגעפוטשעטע אויגן און פארהאווטעטע מינעס, האבן דערלאנגט דאס עסנווארג, די געטראנקען, צוגענומען פון די טישלעך, געקוקט די געסט מיט א מין הינטישער מינע אין די אויגן אריין, אומגעקוקט זיך אויף די ארייננגאנג־טיר, דורך וועלכע נייע געסט זענען אריינגעקומען, זענען געלאפן זיי אנטקעגן, האבן זיי אנגעוויזן א ליידיקן טיש, שנעל אים אפגעווישט מיטן ווייסן האנטיכל, וואס יעדער פון זיי האט אונטערן פאכווע געטראגן, און אז די געסט האבן זיך דערנאך געזעצט און זיי די באשטעלונג געגעבן, זיינען זיי, די קעלנערס, גלייך פארשוואונדן.

אין הינטערגרונט איז געשטאנען א גרויסע פלאטפארמע, ווי אין א טעאטער, און א היפשער ארקעסטער, וואס איז באשטאנען דורכאויס פון פרויען, אלע יונגע און אין ווייסן אנגעטאן, האט דארט געשפילט פאפולערע מוזיק אונטער דער אנפירונג פון א יונגער, בלאנדער פרוי, וועלכע האט אליין אויך מיטגעשפילט אויף א קלארנעט.

פון איינס בייטאג ביז איינס נאך האלבע נאכט האבן אויף

רער דאָזיקער פּלאַטפֿאָרמע געזונגען און געטאַנצט זינגערינס און טענצערינס מיט פּנימער געפּודערטע און געפֿאַרבטע, און אין קליידלעך, וואָס האָבן זייער ווייניק פֿאַרדעקט און זייער פֿיל ארויסגעוויזן. ווען אַ זינגערין האָט געזונגען אַ גוט־באַקאַנט גאַסן־ליד, האָבן די אַלע געסט, די מענער אַזוי ווי די פֿרויען, מיט איר מיטגעזונגען.

אַ קעלנער האָט אָנגעוויזן סעמקען און אָרען אויף אַ טישל. זיי האָבן זיך געזעצט און סעמקע האָט באַשטעלט אַ פֿלאַש שאַמפּאַניער. דער אָרקעסטער האָט איצט נישט געשפּילט. די געסט אַרום די טישלעך האָבן גערעדט און געטרינקען מיט זייערע דאַמען און פֿון אַלע זייטן האָט זיך געטראָגן אַ זשומען...

אָרעס באָרד האָט אַפּנים צוגעצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם עולם אַרום אים, ווייל כמעט די אַלע געסט, וואָס זענען געזעסן נישט ווייט פֿון אָרען, האָבן זיך אומגעקוקט אויף אים מיט אַזאַ מינע, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן פּלוצים פֿאַר זיך דערזען אַן אומגעוויינלעך באַשעפֿעניש. איינער אַ דיקער מאַן, אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ האַלז ווי ביי אַן אָקס, מיט אויסגעפּוטשעטע, פֿאַרשיכורטע אויגן, האָט זיך צוגעבויגן צו זיין געפּודערטער דאַמע, וועלכע איז אויך געווען פֿאַרשנאָסקעט, און האָט געזאָגט אפילו מיט אַ הייזעריק קול, אָבער גאַנץ הויך אויף ענגליש:

— ווי געפֿעלט דיר, מיימי, אַזאַ באָרד?...

זיין דאַמע האָט זיך צעלאַכט אויף אַ שיכורן קול און נאָך איר אַנדערע פֿרויען און מענער.

אָרע האָט דאָס דערהערט און איז צעמישט געוואָרן. ווי אַ בייזער אָפּקלאַנג פֿון די פֿריערדיקע צייטן, בעת ער האָט געפֿעדלט און מען האָט אים זיין באָרד געריסן, האָט דאָס אויף אים געווירקט, און ער איז אומרואיק געוואָרן.

— וווהין האָט איר מיך פֿאַרשלעפּט? — האָט אָרע אַרויסגעמורמלט — קומט פֿון דאַנען.

— פֿייפֿט אויף זיי — האָט סעמקע געענטפֿערט.

דער קעלנער האָט געבראַכט דעם שאַמפּאַניער און אָנגעפֿילט די גלעזלעך פֿאַר סעמקען און אָרען.

— טרינקט, מיסטער בירינג.

אָרע האָט נישט געוואַגט זיך אומצוקוקן. ער האָט געפילט אויף זיך די בליקן און די שמייכלען פון די אַרומיקע. ער האָט נאָך אַמאָל געזאָגט:

— טרינקט אויס, מיסטער בלום, און לאָמיר פאָרן...

— ווען איר טרינקט נישט, ריר איך זיך נישט פונם אָרט — האָט סעמקע זיך אָנגערופן.

אָרע האָט אויסגעטרונקען. דער קעלנער האָט אים גלייך אָנגעגאָסן אַ צווייט גלעזל.

ער האָט נישט־דרייסט אויפגעהויבן די אויגן אויפן קעלנער און יענער מיט אַ הינטישער מינע אויפן פּנים, מיינענדיק, אַז אָרע וויל עפּעס, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים מיט אַזאַ אימפּעט, דאָס אָרע האָט זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן פאַר שרעק און זיך אונטערגעהויבן אויף זיין שטול.

— אַ צווייטע פלאַש! — האָט סעמקע באַשטעלט, און דער קעלנער איז ווידער פאַרשוונדן.

— קומט אַהיים, — האָט אָרע ווידער אַרויסגעמורמלט, ווען ער איז געקומען צו זיך פון דעם שרעק.

— טרינקט אויס אייער גלעזל, — האָט סעמקע געזאָגט — און זייט נישט קיין נאַר.

דער אָרקעסטער האָט גענומען שפּילן, דער עולם איז שטיל געוואָרן און זיך אַ קער געטאָן מיט די פּנימער צו דער פּלאַטפאָרמע. דאַן איז אָרע ביי זיך אויך געוואָרן דרייסטער, האָט אויסגעטרונקען דאָס צווייטע גלעזל שאַמפּאַניער און גענומען זיך אַרומקוקן.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער פּלאַטפאָרמע און זיך פאַרוואונדערט.

— גאָר ווייבערישע כּלי־זמר! — האָט ער זיך אָנגערופן. — דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבן זע איך ווייבערישע כּלי־זמר.

און ער האָט זיך נאָך מער פאַרוואונדערט, בעת ער האָט באַמערקט, ווי אַ יונג בלאָנד מיידל פידלערט מיט אַזאַ טוואַלט אויפן גרויסן פּויק און ווי אַנדערע פּרוּוען ליאַרמען אַזוי הויך אויף זייערע גרויסע מעשענע טרובעס...

— אַי־אַי! — האָט ער אַ פאַרוואונדערטער געשאָקלט דעם

קאַפּ. — שפּילן נאָך בעסער ווי די מאַנסבילן!...

פּלוצים איז אויף דער פּלאַטפאָרמע דערשינען א האַלב־נאַקעטע, יונגע און דיקע פּרויענצימער. דער עולם האָט זי באַגעגנט מיט אַפּלאָדיסמענטן. זי האָט זיך אַזוי אַ נויג געטאָן צום פּובליקום, דאָס איר קורץ, רויט קליידל, פון וועלכער דער אויבערשטער טייל פון איר ווייסן, דיקן קערפּער איז בלענדנדיק אַרויסגעטרעטן, האָט זיך נאָך מער אַרונטערגערוקט פון אירע נאַקעטע אַקסלען און נאָך מער אַרויסגעוויזן איר קערפּערלעכן רייכטום.

אָרע האָט אויסגעגלאָצט די אויגן:

— וואָס איז דאָס? — האָט ער אַרויסגעמורמלט.

— אַ נישקשהדיקע בהורטע, האַ? — האָט סעמקע זיך געווענדעט צו אָרען מיט אַ שמייכל — איך קען זי. זי האָט אָנטייל גענומען ביי אונז אויף אַ „סמוקער”...

— פּע, אַ חרפּה דאָ צו זיצן! — האָט אָרע זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן — וווהין האָט איר מיך פאַרשלעפּט?...

דערווייל האָט די פּרויענצימער גענומען זינגען. דער עולם האָט געלאַכט און אַפּלאָדירט. אָרע האָט זיך געשעמט צו קוקן אַהין און דאָך געקוקט, האָט געזידלט אינם האַרצן סעמקען, לֹמאי ער האָט אים פאַרשלעפּט אַהער, און זיך אַליין, לֹמאי ער גייט נישט אַוועק פון דאַנען, און דאָך איז ער געבליבן זיצן און האָט געקוקט, נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון יענער נקבה, וואָס האָט דאָרט געזונגען און געטאַנצט אויף דער פּלאַטפאָרמע אַזוי ציניש, אַזוי פאַרפירעריש און אויפרעגנד, האָט הנאה געהאַט און איז אין כעס געווען אויף זיך, פאַרוואָס ער האָט הנאה. צום סוף האָט ער זיך אַזוי היטגעריסן, דאָס ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז, און האָט נאָר געקוקט אויף דער יונגער פּרויענצימער, וועלכע האָט איצט דאָרט געטאַנצט אַ העסלעכן טאַנץ, שאָקלענדיק מיטן בויך און מיטן כמעט נאַקעטן בוזים און דרייענדיק מיט די דיקע היפטן. דאַן איז מיט אַמאָל פון ערגעץ אַרויסגעשפּרונגען אַ בלאָנד יונג מיידל, אויך האַלב נאַקעט אָנגעטאָן אין אַ קורץ, רויט קליידל, — די מוזיק האָט גענומען שפּילן האַסטיקער און ווילדער — און דאָס בלאָנדע מיידל און די דיקע יונגע פּרויענצימער האָבן אָנגעכאַפּט איינע די אַנדערע ביי די היפטן און זיי זענען

אוועק זיך דרייען און באוועגן די גלידער איינע קעגן דער אנדערער. און זיך וויגן מיט די קערפערס ארויף און אראפ... און פלוצים האבן די ביידע טענצערינס זיך א ווארף געטאן אויף דער ערד און זיך גענומען דרייען אויף די בייכער, אזוי ווי זיי וואלטן קראמפן באקומען, א פריער באזונדער, דערנאך צוזאמען, פאראייניקט איינגעקלאמערט איינע אין די אנדערע... און דא האט זיך אנגעפאנגען אן אמתע וואקכאנאליע: דער עולם האט זיך צעקאכט, צעיושעט, ווילד געווארן, געשריגן, געליארעמט, ווילד געלאכט און אפלאדירט. די דאמען האבן געקוויטשעט און זיך געדריקט צו די מענער. און באלד האט מען געקאנט זען, ווי איין דאמע האלט ארומגענומען א מאן, ווי א מאן שלעפט א צווייטע צו זיך אויפן שויס, און ווי א דריטע קריכט צו א מאן זיך קושן...

ביי ארען האט דער פנים געברענט, אזוי ווי ער וואלט נאר־וואס פון א שוויץ־באד ארויס, די אויגן זיינע האבן פארשיכורט געבלישטשעט און ער האט אזוי נאריש געשמייכלט.

סעמקע האט איינגאנצן געברענט, און דער גאנצער פנים זיינער איז געווען איין חיהשער שמייכל. ער האט זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטן, געזוכט א באקאנטע, מיט וועלכע ער האט פאריקע וואך א גאנצע נאכט פארבראכט, און זי נישט געזען. ער האט באמערקט פיל פון די דאזיקע פרויען, וואס זענען געקומען אהער זוכן זייער ברויט ביי רייכע מענער, און ווען ארע וואלט נישט געווען מיט אים, וואלט ער איינע פון זיי צו זיין טיש איינגעלאדן.

,,צום שווארץ יאר" — האט ער א טראכט געטאן — ,,צו וואס האב איך אים מיט זיך מיטגעשלעפט!"

דאן האט ער מיט אמאל באמערקט, אז די צווייטע פלאש שאמפאניער שטייט אויפן טיש אן אפענע, און ער האט אנגענאמען די גלעזלעך פאר זיך און ארען.

ער האט א שטויס געטאן ארען ביים אקסל:

— טרינקט!

ארע האט זיך א כאפ געטאן, ווי פון שלאף, האט צעטראגן אויסגעטרונקען דאס גלעזל און זיך אנגערופן מיט דעם נארישן שמייכל אויפן פנים:

— זאָגט מיר, מיסטער בלום, וואָס איז דאָס? אַ „טרייאַטער״. צו וואָס?

— יאָ, יאָ, אַ טעאַטער — האָט סעמקע געענטפערט — נו, ווי געפעלט אייך?

— פע, נישט פאַר קיין אַנשטענדיקן יידן. עס וווּנדערט מיך, ווי אַזוי אַנשטענדיקע יידן פאַרשמעקן גאַר אין אַזאַ טרייאַטער, — האָט ערע געזאָגט.

סעמקע האָט זיך צעלאַכט:

— פונדעסטוועגן, מיסטער כירוג, קוקט איר און האָט הנאה פון דעם.

ערע האָט זיך אויך צעלאַכט. ער האָט זיך גענומען פילן פריילעך פון דעם שאַמפּאַניער.

— וואָס קאָן איך העלפן? — האָט ער געזאָגט — אַ זינדיקער מענטש, אַ בשר ודם... יונגאַטש, פאַרוואָס האָט איר מיך אַהער פאַרשלעפּט? אויף אייך די עבירה!

— אַלע באַוווּסטע מענער קומען אַהער — האָט סעמקע געענטפערט — די גרעסטע מיליאָנערן, אַלץ אַנשטענדיקע מענטשן.

און ער האָט גענומען אויסרעכענען פאַר ערען נעמען פון באַוווּסטע מיליאָנערן און וואָס פאַראַ נאָמען עס איז אים אויפן זינען אַרויף, האָט ער אים אָנגערופן. און אַלס באַווייז, אַז ער נאַרט אים נישט אָפּ, האָט סעמקע אים אָנגעוויזן אויף אַ פּאָר מענער, האָט גערופן איינעם „ראָקפעלער״ און דעם צווייטן „וואַנ־דערבילד״ און האָט דערביי שטאַרק הנאה געהאַט, וואָס ער „בלאָפט״ אים.

ערע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און שיכּורלעך געלאַכט.

— טאָקע איר בלאָפט נישט?

— אויף מיין ערנוואָרט, מיסטער כירוג. און די דאַמען, וואָס איר זעט דאָ, זענען אַלע אַריסטאָקראַטקעס, גרעפינס און מאַרקיזעס, און פּרינצעסינס. זעט נאָר וואָס פאַראַ שיינע דאַמען!

ערע האָט זיך אומגעקוקט, באַמערקט בלאָנדע און טונקעלע פרויענצימער, געפּודערטע און געפאַרבטע, מיט פאַרפירערישע מי־נעס, און געמורמלט:

— טאָקע, אמתע ליאַלקעס...

— וואָלט איר געוואָלט האָבן אזא פרוי? — האָט סעמקע א פרעג געטאָן מיט א כיטרען שמייכל.

— האָ? — האָט ער ארויסגעמורמלט און אָנגעקוקט סעמקען מיט פאַרשיכּורטע אויגן און זיך פלוצים גליקלעך צעלאַכט.

ער האָט זיך דערמאָנט אין רייטשלען און נישט ווילנדיק זי פאַרגליכן מיט די אַלע דאָזיקע שיינע פרויען און ביי זיך געטראַכט: „זי איז נאָך א שענערע ליאַלקע פון זיי אַלעמען. זיי מעגן אַלע איינגעמען די כּפּרה פאַר איר מינדעסטן נאָגל!”

און עס האָט אים געגומען ציען זי צו זען, א קוש טאָן זי, א גלעט טאָן זי. נאָך קיינמאָל האָט ער אַזוי שטאַרק נישט געגאַרט זי צו קושן, ווי אין דער דאָזיקער מינוט. דאָן האָט ער באַמערקט, ווי א פרויענצימער זיצט ביי א מאַן אויפן שויס און ווי אַן אַנדערע קושט זיך מיט אַן עלטערן מענטשן, און ער איז צעמישט געוואָרן.

— זעט נאָר, מיסטער בלום, — האָט ער סעמקען אויף זיי אָנגעוויזן,— וואָס איז דאָס? ווו זענען מיר?

סעמקע האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— דאָס איז גאָרנישט, מיסטער כּירינג. צווישן אַריסטאָקראַטן און אַריסטאָקראַטקעס פירט זיך אַזוי...

— קומט איך שעם זיך דאָ צו זיין, — האָט אָרע געזאָגט, טראַכטנדיק וועגן רייטשלען, — איך בין א פשוטער ייד, איך דאַרף דאָ נישט זיין.

סעמקע האָט אים געוואָלט ענטפערן, נאָר אין דער מינוט האָט ער באַמערקט ביי א טישל זיין באַקאַנטע, וואָס ער האָט געזוכט, א יונגע, בלאָנדע פרויענצימער, מיט א הויכן, אויסגעשטעלטן ביוסט, וועלכע האָט פון איר פלאַץ געווונקען צו אים און געמאַכט צו אים מיטן קאָפּ, און ער האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט צו אָרען:

— מיר פאָרן גלייך, איך וועל נאָר צוגיין צו א באַקאַנטער, רייכער דאַמע. זי האָט עפּעס צו פאַרקויפן.

און ער איז אוועק צו יענער.

אָרע האָט אים נאָכגעקוקט און געדריקט די אַקסלען.

„אַן אמתער טייוול”, האָט ער געטראַכט, „קען די גאַנצע וועלט. ווי שיין זי איז, און ווי זי איז אָנגעטאָן, מוז זיין אפנים

זייער א רייכע פרוי. וואָס אַזוינס האָט זי צו פאַרקויפן? מסתּמא א היפּשן „פאַרסעל".

עמעצער האָט אים אָנגערירט פון הינטן. ער האָט זיך א כאַפּ געטאָן: א הויכע, טונקעלע פרויענצימער, ענלעך צו א ציינינערין, אין א העל קליידל און אין א גרויסן הוט מיט ווייסע פעדערן, האָט געשמייכלט צו אים און גערעדט אויף ענגליש:

— העלאָ, פּאַפּ, פאַרוואָס זיצט איר אַליין? קאָן א פריינדין האָבן א גלאָז שאַמפּאַניער? איך בין דורשטיק און איך זוך א פריינט. און אַלטן מיט א וואַרעמען האַרצן...

אָרע האָט אויסגעגלאָצט אויף איר די אויגן און נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי וויל פון אים.

דאַן האָט זי זיך צוגעשפּאַרט מיט איר ברוסט צו אים און געפרעגט:

— מעג איך זיצן נעבן אייך?

אָרע איז צעטומלט געוואָרן און גענומען זוכן מיט די אויגן סעמקען. דער לעצטער האָט דאָס שוין באַמערקט און געאיילט צו אים צו הילף.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער פרוי און האָט איר געזאָגט:

— איר זעט דען נישט, אַז דאָס איז א ראַבי? איר וועט גאָרנישט מאַכן...

אָרע איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און איז א צעמישטער אַרויסגעלאָפן פון רעסטאָראַן.

ער האָט זיך אָנגעשטויסן וועגן די פרוי איז געווען, ווער די אַלע שיינע פרויען זענען געווען, און עס האָט אים גענומען וואַרפן אין היץ און אין קעלט. „אין כף הקלע זאָל ער גיין, דער הולטאי! — האָט ער געטראַכט וועגן סעמקען — ער קאָן דאָך אויפן פייער אַרויפברענגען! האָסטו געזען ווו ער האָט מיך פאַרשלעפּט?"

סעמקע איז אַרויסגעלאָפן מיט א געלעכטער.

— וואָס זענט איר אַנטלאָפן? — האָט ער אויסגעשריגן שיכורלעך — איך האָב דאָך באַצאָלט פאַר דעם שאַמפּאַניער.

— פע! — האָט אָרע זיך אָנגערופן — איר האָט גאָר קיין חרפּה נישט.

— וואָס „פע"? ווער „פע"? — האָט סעמקע געלאַכט —

די מוידן געפעלן אייך נישט?

— איך געפעלט מיר נישט, מיסטער בלום — האָט אָרע געענטפערט, — פע, מיאוס, נישט שיין!

— אזא יאָר אויף מיר ווי שיין די מוידן זענען! — האָט סעמקע נאָך העכער געלאַכט.

דער נגנער האָט צוגעפירט צו סעמקען זיין פערד און וואָגן, סעמקע האָט אים דערלאַנגט א דאָלאַר. דער נגנער האָט זיך פאַר־נייגט, איז צוגעלאָפן צום פערד און האָט אים צוגעהאַלטן ביים צוים, ביז אָרע און סעמקע האָבן זיך אויפן וואָגן געזעצט. דאַן איז דער נגנער אָפּגעטרעטן אין א זייט, האָט זיך ווידער פאַרנייגט און דער וואָגן האָט זיך א ריר געטאָן.

איצט האָט סעמקע נאָך שנעלער געטריבן דאָס פערד. עס האָט אין אים געקאָכט און אין דעם שנעלן פאָרן האָט ער געזוכט צו קילן זיין צעהיצט בלוט.

אָרע האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט קומען צו זיך. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך געטראָגן די האַלב־נאַקעטע טענצערינס, די אַלע פרויען, די „ליאַלקעס", וואָס ער האָט דאָרט באַמערקט, די פרוי, וואָס איז צו אים צוגעגאַנגען און וואָס די ווארעמע באַרירונג פון איר בוזים האָט ער נאָך איצט אויף זיין אַקסל געשפּירט, און ער האָט זיך געשעמט און א מאָדנע אומרואיקייט געפילט.

— סטייטש, סטייטש — האָט ער געמורמלט — שלעפּן מיך אין אזא פּלאַץ... אַן אָנשטענדיקער ייד האָט מיך דאָרט געדאַרפט זען, מער וואָלט מיר נישט געפעלט!

— וואָס מאַכט איר פאַר אַן אָנשטעל, מיסטער כיריג? — האָט סעמקע זיך פּלוצים אָנגערופן און זיינע העלע אויגן האָבן געלאַכט — אין א שליסל־לאָך צו קוקן צו א מיידל אין א צימער, בעת זי טוט זיך אָן, איז דען שענער? מאַכט זיך נישט פאַר אזא צדיק, איך קען אייך!...

אָרע איז מיטאַמאָל געוואָרן בייז.

— איך בעט אייך, מיסטער בלום, וועגן דעם זאָלט איר נישט רעדן. זייט נישט קיין הולטאַי, איך בעט אייך.

—איז דען דאָס נישט אמת? האָט איר נישט געקוקט צו רייטשלען בעת זי האָט ביי אייך געוווינט?

אַרע האָט אים אויף דעם נישט געענטפערט. פאַר זיינע אויגן האָט אויפגעלעבט רייטשל, זיין רייטשל, ווי ער האָט זי אַמאָל געזען דורכן שליסל־לאָך, און ווי אַ ליכטיקע, פרייליכע זון וואָלט זיך מיט אַמאָל איבער זיין פּנים צעגאָסן, און ער האָט געטראַכט: „מיין פאַרשוין, מיין פאַרשוין, מיין בת־מלכּהלע... נאָך אַ פּאָר וואָכן און איך וועל אַלצדינג מעגן!"

און ווידער האָט ער זי, נישט ווילנדיק, ווי פריער, פאַרגליכן צו די אַלע דאָזיקע שיינע פרויען, האָט זיך אָבער גלייך אַ כאַפּ געטאָן: צו וועמען פאַרגלייכט ער זי? געוואָלט, דער הולטאַי האָט אים דעם גאַנצן מוח צעמישט!

— טפוי! טפוי! טפוי! — האָט ער אָנגעהויבן צו שפּייען.

סעמקע האָט אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט:

— וואָס שפּייט איר?

אַרע האָט אים ווידער נישט געענטפערט. ער האָט געטראַכט ווייטער נאָך מיט מער ליבע צו רייטשלען.

„זי איז אַזאַ ערלעכע, אַזאַ כּשרע, לעבן זאָל זי, גליקלעך זאָל זי זיין, געזונט זאָל זי זיין ביי מיר!"

— וועגן וואָס האָט איר זיך פאַרטראַכט, מיסטער כיריג? — האָט סעמקע אים איבערגעשלאָגן די געדאַנקען.

אַרע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— האַ?

— זאָגט דעם אמת, מיסטער כיריג, טראַכט איר נישט איצט וועגן יענע שיינע פרויען?

— איך האָב שוין וועגן וועמען צו טראַכטן — האָט אַרע געענטפערט — אייערע אַלע שיינע פרויען מעגן גיין די כּפּרה צוזאַמען מיט אייך פאַר דאָס ערלעכע, כּשרע מיידל, וועגן וועלכע איך טראַכט...

— איר טראַכט וועגן אייער עטעלען?

— איך טראַכט נישט אייער דאגה וועגן וועמען! — האָט אַרע זיך אָנגערופן מיט אַ גליקלעכן שמייכל.

און מיט אַמאָל איז אים איינגעפאַלן: ער וועט דערציילן סעמקען זיין סוד. זאָל דער הולטאַי טאַקע וויסן, אַז ווען גאָט וויל, קאָן מען האָבן אַ ווייב אַ ליאַלקע און זיין דערביי אַן אָנשטענדיקער

ייד. און אגב טאַקע וועט ער דעמאָלט אים מער נישט אויפוואַרפן, אז ער האָט געקוקט אין שליסל־לאָך...

און ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ ברייטן שמייכל אויפן פּנים:

— הערט נאָר, מיסטער בלום... אָבער געדענקט, עס מוז דער־וויל בלייבן אַ סוד... זאָגט איר מיר צו, אַז איר וועט דאָס קיינעם נישט דערציילן?...

— איך זאָג אייך צו. איך קאָן האַלטן אַ סוד.

— מיסטער בלום, איך האָב דאָך באַלד חתונה — האָט ער דאַן געזאָגט אויפן קול, וואָס האָט געציטערט פאַר גליק.

— איר האָט חתונה? מיט וועמען?

— איר קענט זי.

— איך קען זי? ווער איז זי?

— טאַקע רייטשל, — האָט ער געענטפערט און זיין גאַנ־צער פּנים האָט געקוואָלן.

— האַ?

סעמקע האָט אויסגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר גרויסע אויגן.

—נו, הולטאַי, האָט איר מיך געדאַרפט שלעפּן אַהער? איך וועל זיך דאָך איצט שעמען צו קוקן רייטשלען אין די אויגן!...

— איר מיינט עס ערנסט, מיסטער כּיריג? — האָט סעמקע אַרויסגעשטאַמלט.

— אַוודאי, וואָס דען מיינט איר? די וואָך פּראַווע איך אַ שטעלעס חתונה און דערנאָך, אין אַ צוויי־דריי וואָכן אַרום...

ער האָט זיך שטיל און גליקלעך צעלאַכט.

סעמקע האָט הויך אַ פּייף געטאָן.

— אָט דאָס איז ווירקלעך פאַר מיר אַ נייעס! — האָט ער אויסגעשריגן.

דערנאָך האָט ער זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט. פּלוצים האָט ער מיט התפּעלות אַ קלאַפּ געטאָן אַרען איבערן אַקסל און אויס־געשריגן.

— גוט! עס פרייט מיך! אַ ווײַלע מזל!...

— אַן ערלעכע, אַ כּשרע, — האָט אַרע אונטערגעכאַפּט.

— יאָ, יאָ, אַ כּשרע, אַן ערלעכע, — האָט סעמקע צוגעבאַמ־קעט, — איך ווייס דאָס....

— זי האָט פיינט הולטאַיעס און דערפאַר האָט זי אייך נישט האָלד.

— מיך האָט זי נישט האָלד? האָט זי דען דאָס אייך געזאָגט?...

— יאָ. איך האָב אַמאָל ביי איר געפרעגט, פאַרוואָס איז זי ביוז אויף אייך, האָט זי געענטפערט, אַז זי האָט פיינד שאַרלאַטאַנטשיקעס... אַ טייער, ערלעך קינד! — האָט אָרע גערעדט.

— יאָ, יאָ, — האָט סעמקע צעטראָגן אַרויסגעמורמלט און געטראַכט: „איצט וועל איך זי איבערבעטן... איצט דאַרף איך פאַר איר נישט מורא האָבן.... איצט איז גאָר אַן אַנדער זאַך... איצט... איצט...”

— העי! — האָט ער מיט געפילדער אַ געשריי געטאָן אויפן פערד און אים גענומען טרייבן נאָך שנעלער. דער פערד האָט זיך אַוועקגעטראָגן אין אַ גאַלאָפּ איבערן בולוואַר...

פאַרבייפאָרנדיק ריער עווענױ, האָט אָרע מיט אַמאָל גענומען שרייען:

— „טפּרו!” און אָנגעכאַפּט סעמקען ביים אָרעם.

סעמקע האָט אָפּגעשטעלט דעם פערד.

— וואָס איז דער מער? — האָט ער געפרעגט.

— רייטשל, — האָט ער אַרויסגעמורמלט, — זי זיצט דאָרטן.

און ער איז אַרונטערגעקראָכן פון וואָגן.

סעמקע האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען נישט ווייט רייטשלען. זי איז געזעסן אונטער אַ בוים און האָט געשמייכלט פון ווייטן צו אָרען, וועלכער איז געגאַנגען צו איר.

סעמקע האָט זיך איינגעקוקט אין איר. זי איז נאָך שענער געווען, ווי אַמאָל.

„איך מוז זי איבערבעטן!” — האָט ער געטראַכט, — „און איצט איז די בעסטע געלעגנהייט!”

און נישט געטראַכט לאַנג, איז ער אַרונטערגעשפּרונגען פונם וואָגן און האָט זיך געלאָזט גיין צו איר.

זי האָט באַמערקט, אַז ער גייט צו איר, האָט זי אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן און אירע באַקן האָבן זיך אָנגעצונדן. דאַן איז ער צוגעגאַנגען נאָענט און אַרונטערגענומען פאַר איר מעשה קאַוואַלער דעם הוט, האָט זי זיך ראַפּטאָם אַ כאַפּ געטאָן פון

דר'ערד, אויפגערעגט, א כאפּ געטאָן אָרעון ביים אָרעם, געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט דאָס נישט געזאָגט, איז איבערגעלאָפן אויף דער אַנדערער זייט און איז אַוועק אַליין...

אָרע האָט זיך אַוועקגעלאָזט נאָך איר.

סעמקע האָט איר אַ ווײַלע נאָכגעקוקט, דאַן האָט ער אַ טראַכט געטאָן:

מיר וועלן שוין זען, קעצעלע, ווי לאַנג דאָס וועט נעמען, זיך איבערצובעטן!..."

דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף זײַן וואָגן, אויסגעקירעוועט דעם פערד און איז צוריק אַוועקגעפאָרן אין דעם רעסטאָראַן, ווו ער האָט פריער, בעת ער איז צוגעגאַנגען צו דער בלאָנדער פרוי אָפּגערעדט מיט איר צו טרעפן זיך דאָרט שפּעטער...

אין דער אייגענער צייט האָט אָרע אָנגעיאָגט רייטשלען.

— וואָס ביסטו אַנטלאָפן? — האָט ער געפרעגט.

— איך האָב אים פײַנט, איך קאָן אים נישט אָנקוקן, דעם ושוליק! — האָט זי געמורמלט מיט האַס.

12

אַ שאלה וועגן זײַן באָרד

אויף מאָרגן אינדערפרי איז אָרע געזעסן בײַ זיך אין ביבליאָטעק־צימער מיט סעמקע בלום און יאַכנעטשיקן און האָט מיט זיי געשמועסט וועגן אַ גרויסן „פּאַרסעל" אויפן בולוואַר, וואָס זיי האָבן געוואָלט בײַ אים אָפּקויפן. זיי האָבן נישט געקאָנט דורכקומען. דער אונטערשייד צווישן דעם וואָס ער האָט פאַרלאַנגט און וואָס זיי האָבן אים געבאָטן, איז געווען גאָר אַ גרויסער.

מיט אַמאָל איז אַרײַנגעקומען די אַלטע פרומע אַ צעטומלטע, צוגעגאַנגען צו אָרען און שטיל געזאָגט, כמעט מיט אַ ציטערדיקן קול:

— מײַן זון, עמיצער וויל רײד זען.

אָרע האָט צעטראָגן אַ קוק געטאָן אויף איר און זיך אָנגערופן:

— איך בין פאַרנומען, מאַמע. איך האָב איצט קיין צייט נישט. זאָל ער וואַרטן, זאָל ער קומען מאָרגן.

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן, אָרע. זאָלן זיי וואַרטן. אים בעט אַריינגיין, — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט מיט שרעק.

— ווער איז ער? ווער איז דאָרט, מאַמע?

— דער רב פון אונזער שטעטל יאַנאָוויטש. ער איז געקומען דיר זען.

— האַ? ווער? ווער זאָגסטו? דער רב ר׳ בער פון יאַנאָוויטש? אונזער רב?

אָרע האָט זיך אויפגעהויבן און געקוקט פאַרוווּנדערט אַרום זיך.

— יאָ, מיין זון, ער וואַרט דאָרטן.

— האָסט אים געבעטן זיצן, מאַמע?

— אוודאי! ווידעו?

אָרע האָט זיך אַ קער געטאָן צו סעמקען און יאַכנעטשיקן:

— מיר וועלן נאָך רעדן וועגן דעם מאָרגן. איצט קאָן איך נישט. אַזאַ אורח!...

און ער איז האַסטיק אַרויסגעלאָפן.

אין עס־צימער איז געזעסן אַ קליינגעוואַקסיקער, מאָגערער ייד מיט אַ שוואַרץ בערדל און מיט אומעטיקע פאַרטראַכטע אויגן. אין זיינע שוואַרצע מלבושים האָט זיין מאָגערער, בלייכער פּנים אויסגעזען נאָך מאָגערער און בלייכער.

ווען ער האָט דערזען אָרען האָט ער זיך אויפגעהויבן.

— זייט מיר מוחל, וואָס איך האָב אייך געלאָזט וואַרטן, רבי — האָט אָרע אַרויסגערעדט מיט טיפן דרך־ארץ. — איך בין געזעסן דאָרט, רבי, מיט אַ פּאָר יידן און גערעדט וועגן מיינע זאַכן... זאָל מיר גאָר איינפאַלן, אַז דאָרט זיצט ביי מיר אַזאַ אורח... סטייטש, סטייטש, רבי, אַזאַ זכיה, אַזאַ זכיה!... קומט אַריין מיט מיר, זייט מוחל, אַהין.

און ער האָט אַריינגעפירט דעם רב אין ביבליאָטעק־צימער, מחמת סיי רייטשעל און סיי עטל און סיי דער דאָקטאָר אַליין האָבן אים געלערנט, אַז ווען חשובע געסט קומען דאַרף מען זיי אויפנעמען אין יענעם צימער.

סעמקע און יאַכנעטשיק־זענען שוין דאָרט נישט געווען. און הגם דאָרט איז געווען גענוג ליכטיק, האָט ערע אַ דריק געטאָן דעם קנאָפּ אויף דער וואַנט און אָנגעצונדן אַלע עלעקטרישע לעמפּלעך אַזוי, אַז דאָס גאַנצע צימער איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט עלעקטרישן ליכט.

— זיצט, רבי! — האָט ערע אים צוגעפירט צו אַ ברייטן פאָטעל.

— אַ דאַנק! — האָט דער רב געמורמלט נישט דרייסט, גע־ועצט זיך און געקוקט אַרום זיך פאַרוואונדערט אויף די גרויסע גלעזערנע שאַפעס מיט ביכער.

ערע האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול נעבן רבין. צעשפּרייט בּרייט זיינע דיקע קני און אַרויפגעלייגט בּיידע הענט אויף זיי און געקוקט מיט אַ גרויסן דרך ארץ דעם רב אין פּנים אַריין.

— מסתמא, רבי, וועגן אַ נויטיקער נדבה, האַ? איר וועט קריגן. אַ דאַנק גאָט, איך בּין צופרידן, אַז איך קאָן געבן נדבות. איך גיב נישט מיינע. איך גיב וואָס גאָט ברוך הוא האָט מיר געגעבן. און אייך, רבי, וועל איך אַוודאי געבן מיט שמחה. איר האָט זיך גאָר נישט געדאַרפט אַליין מטריח זיין צו מיר. צושיקן עמיצן, וואָלט אויך גענוג געווען.

— ניין, נישט מכּוח אַ נדבה פאַר אימיצן בּין איך געקומען צו אייך, נאָר וועגן אַן עניין, וואָס איז נוגע מיר אַליין, — האָט זיך אָנגערופן דער רב שטיל און מיט אַ שעמעוודיקער מינע. — די מעשה איז אַזוי, ר' אהרון: איך האָב געהערט שוין לאַנג, אַז גאָט האָט אייך געהאָלפן און איר גייט חתונה מאַכן אַ טאָכטער, האָב איך אייך געוואָלט בעטן, היות ווי איך בּין אַ לאַנדסמאַן אייערער און איר קענט דאָך מיך, איר ווייסט ווער איך בּין...

ערע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איר מיינט רבי, וועגן דער חופּה, וועגן מסדר קידושין? אַוודאי, רבי, איך האָב גאָר אַנדערש נישט געטראַכט. עס וועט זיין אַיין רב פון בּראָנזוויל און איר וועט זיין און זיי ווילן נאָך האָבן עפּעס אַ רב, וואָס רעדט ענגליש... דער חתן איז אַ דאָקטאָר, פאַרשטייט איר מיך, רבי, ווילן זיי, פאַרשטייט איר מיך, רבי, אַז עס

זאָל זיין אַביסל היינטוועלטיק. איז, מילא, זאָל זיין אַזאַ רב אויך! מער קיין צער זאָלן מיר קיינער נישט האָבן.

— ווען איז מיט מזל אייער טאָכטערס חתונה?

— איבער דריי וואָכן זונטאָג, רבי. און נאָכדעם, — האָט אָרע זיך אַ גלעט געטאָן די באָרד, — וועל איך צו אייך ווידער מוזן אָנקומען.

— דהיינו?

— נאָך אַ חתונה, זאָל זיין מיט מזל, רבי, — האָט ער געענטפערט, און דאָס מאָל שוין פאַרשעמט און ער האָט געגלעט זיך די באָרד מיט אַ האַנט.

— נאָך אַ חתונה? ביי וועמען?

— טאַקע, ביי מיר אַליין, רבי, זאָלט איר מיר לעבן.

— ביי אייך? — האָט דער רבי פאַרוווּנדערט אים אָנגעקוקט, האָט זיך אָבער גלייך פאַרכאַפּט: — אוי, יאָ, טאַקע! איך האָב גאָר פאַרגעסן! איר זענט דאָך אַן אַלמן!

— יאָ, רבי, אַן אַלמן. און אַ ייד דאַרף האָבן אַ ווייב, רבי. בפרט נאָך פון יענער ווייב, אַ קראַנקע נעבעך, האָט מען קיין האַניק נישט געלעקט. און אַזאַ ייד ווי איך, קיין עין הרע, וואָס דאַנקען גאָט, ער דאַרף זיך נישט קלאָגן אויף זיין כח, איז טאַקע אויף צרות אָן אַ ווייב...

דער רב האָט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל באַמערקט:

— אודאי! פאַרוואָס זאָלט איר נישט חתונה האָבן? בפרט נאָך, ווען גאָט האָט אייך געהאָלפן און פאַר חיונה דאַרפט איר נישט דאגהנען.

— ס'טייטש, רבי, מ'איז דאָך נישט מער, ווי אַ זינדיקער מענטש. איכל זיך פאַר אייך מודה ומתודה זיין. איר זענט אַ רב פון מיין שטעטל, קאָן איך פאַר אייך רעדן, אַזוי ווי פאַר גאָט אַליין.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און קוקנדיק אויפן רב האָט ער ווייטער גערעדט:

— איר הערט, רבי? פע! אַ מיאוסע וועלט, אַ פּאַסקודנע וועלט! עס איז גאָרנישט צו באַשרייבן, וואָס עס טוט זיך דאָ אַרום... מענטשן הולטאַיעווען און הולטאַיעווען

און א סוף! גאָט האָט זיי געהאָלפן איז פרעמדע ווייבער, פרעמדע מוידן, אפילו שיקסעס, רבי! און מיט די אייגענע ווייבער גט מען זיך. הקיצור, רבי, אַז מען לעבט שוין צווישן אַזעלכע הולטאַיעס און מען טרעפט זיך מיט זיי און מען פירט עסקים מיט זיי, הערט מען אויך ווי זיי רעדן, וואָס זיי טוען. און מען איז דאָך נישט מער ווי אַ בשר ודם און אַן אלמן, און אַן אַ ווייב! איז די גלייכסטע זאַך חתונה צו האָבן. נישט אַזוי, רבי? בין איך נישט גערעכט, הא?

— אודאי, ר' אהרון, — האָט דער רב געזאָגט שוין פריילעך, מחמת ער האָט פארשטאַנען, אַז פון אָרעם חתונה וועט ער אַריינכאַפּן גאָר אַ שיינע מטבע, — מסתמא עפּעס רעכטס... אַ ייד אין די בעסטע יאָרן, אַ ייד אַן עושר, אַזאַ ייד דאַרף אודאי טאָן דעם בעסטן שידוך.

און אָרע האָט געענטפערט מיט אַ סך געפיל:

— אַ האַנק גאָט, רבי! ווען איך זאָל אפילו זיין אַ ראָטשילד, האָב איך אויך נישט געקאָנט טאָן אַ בעסערן שידוך. אַ מיידל, ווי אַלע זיבן זוגען, רבי, און אַ חכמה און וואָס נישט?!

ביים רב האָבן זיך די אומעטיק־פארטראַכטע אויגן צעשמייכלט, און ער האָט זיך אַ גלעט געטאָן מיט אַ ווייסער, דינער האַנט זיין שוואַרץ בערדל און האָט געזאָגט:

— נו, אודאי, פאַרוואָס נישט? אַז גאָט האָט געהאָלפן, קאָן מען זיך אויסקלייבן...

אָרע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָבער, רבי, חלילה וחס, דערמאָנט נישט קיין וואָרט וועגן דעם, מחמת דערווייל איז עס אַ סוד. ערשט נאָך מיין טאָכטערס חתונה וועל איך וועגן דעם לאָזן וויסן.

דער רב האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— נו, נו...

און ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו די שאַפעס מיט ביכער און זיך אָוועקגעשטעלט קוקן.

אָרע האָט זיך אָנגערופן:

— נישט קיין ספרים, חלילה, רבי.

— איך זע. ווער לייענט דאָס ביי אייך?

— איך נישט, רבי, — האָט ער אַ לאַך געטאָן, — און מיין מאַמע אויך נישט, און אַפילו מיין טאָכטער אויך נישט.

— היתכן? — האָט דער רב אָנגעקוקט אים מיט שמייכלענ־דיקע אויגן.

— כ'וויים? אָט איר זעט דאָך... האָבן אַלע אַטראַדאַס מיט אַט־אַ־דעם, האָב איך אויך אַט־אַ־דאַס מיט אַטראַדאַס מיט אַט־אַ דעם. זיי רופן דאָס „לייבערערי", זאָל זיין לייבערערי. גלויבט מיר, רבי, אַז ביי מיר וואָלט מען בעסער געפועלט, אַז פאַר דעם געלט, וואָס איך האָב געפּטרט אויף דעם, זאָל איך קויפן בעסער ספרים און זיי געבן אין דער נייער תלמוד־תורה, וואָס מען האָט ביי אונז אויפגעבויט.

— דאָס קאָנט איר דאָך סיי ווי טאָן, ר' אהרן.

— און איכל דאָס טאָן, רבי, מיט גאָטס הילף. אפשר וועט איר טרינקען טיי ביי אונז, רבי?

— ניין, א דאַנק, איך מוז זיך איילן. ביז מיין היים אין ניו־יאָרק וועט מיר נעמען פאָרן אַן אנדערטהאַלבן שעה אודאי. איל איך זיך. א דאַנק אייך, וואָס איר האָט מיך אין זינען און איך ווינטש אייך א סך גליק און הצלחה.

— אָמן, רבי, איכ'ל אייך אביסל באַגלייטן.

אַרויסגייענדיק דערנאָך מיטן רב פון הויז, האָט ער זיך מיט אַמאָל אָפּגערופן:

— רבי, א שטיקעלע שאלה האָב איך אייך צו פרעגן. און איך וויל, אַז איר זאָלט מיר זי פּסקענען.

— דהיינו?

— איר פאַרשטייט, רבי? איך האָב א טאָכטער, איז זי א היינטוועלטיקע און זי גייט חתונה האָבן מיט א דאָקטאָר. וויל זי, אַז איך, איר טאַטע, זאָל אויסזען אביסעלע לייטישער. גיט זי מיר גאָר קיין רו נישט, איך זאָל צופוצן אביסעלע מיין באָרד. פאַר־שטייט זיך, אַז זי קען דאָס ביי מיר נישט אויספירן. מאַכט אָבער צו מיר מיינע.... (איך מיין נישט די טאָכטער, נאָר די אנדערע, וואָס איך גיי מיט איר חתונה האָבן), מאַכט אויך זי צו מיר, אַז איך זאָל אביסעלע צופוצן די באָרד. מחמת א סך יידן, אפילו

פרומע, טראָגן נישט קיין לאַנגע בערד, טענהט זי. איז וואָס זאָגט איר, רבי, אויף דעם? ווי וואָלט איר געפּסקנט?

— האַ? — האָט דער רב זיך אַ כאַפּ געטאָן און אַריינגענומען זיין אייגן שוואַרץ בערדל אין דער מאָגערער, ווייכער האַנט און אָנגעקוקט אָרען און זיין באָרד מיט פאַרזשמורעטע אויגן און נאָכדעם אַרויסגעלאָזט דאָס בערדל פון דער האַנט און אַרויסגערעדט:

— ווייס איך... קיין סכנה נישט. אַביסעלע צופּוצן די באָרד אייערע איז, חלילה נישט קיין עבירה. אודאי אָפּגאָלן דאַרפט איר זי נישט; אָבער אַביסעלע דאָ און דאָרט ביי די עקן צופּוצן זי מיט אַ שער מעגט איר. איר מעגט!

אָרע האָט זיך דערפרייט.

— איך מעג יאָ, רבי? איז עס, הייסט עס, נישט קיין עבירה?

— ניין, ניין, ניין.

אָרע האָט מיט פרייד אַ טראַכט געטאָן אַז מאָרגן וועט ער אונטערשערן זיין באָרד אַביסעלע און וועט דערנאָך גיין צו רייטשלען.

נאָכדעם ביים געזעגענען זיך מיטן רב, האָט ער צו אים געזאָגט:

— אַ דאַנק אייך, רבי, וואָס איר זענט געקומען און איך זאָג אייך צו, אַז איך וועל שטענדיק אייך האָבן אין זינען, און נאָך עפּעס, רבי, אַז איר זענט שוין געקומען, זאָל נישט זיין אייער טרחה אומזיסט. עס זענען פאַראַן ביי אונז אין שטעטל אָרעמע מיידלעך, וואָס מען דאַרף זיי חתונה מאַכן, קלייבט איר אויס איינע און מאַכט איר חתונה אויף מיין חשבון. איכל געבן אי נדן, אי אַלצדינג, אַלצדינג....

דער רב האָט זיך דערפרייט און ער האָט אָרען געדריקט די האַנט.

— דאָס איז שיין, ר' אהרן, דאָס איז זייער שיין! און באמת, זאָג איך אייך, אַז דאָס פרייט מיך אַ סך מער, ווי די עטלעכע דאָלאַר, וואָס איך וועל ביי אייך פאַרדינען. נאָך מאָרגן שיק איך אַוועק אַ בריוו צום יאַנאָוויצער רב וועגן דעם.

שפּעטער, ווען אָרע איז געקומען צוריק אַהיים, האָט ער דערציילט דער אַלטער פרומען וועגן דעם, אַז ער גייט חתונה מאַכן

אַן אָרעמע כּלה פון זייער שטעטל, און זי האָט זיך אַזש צעוויינט פאַר הרחבה.

אויף מאָרגן אין דער פרי איז אָרע אַוועק צום באַרבער אויף פּיטקין עוועניו און האָט צו אים געזאָגט:

— הערט נאָר, מיסטער, איך וויל אַביסל צופּוצן די באָרד, אָבער נישט צופיל, נישט מעשה הולטאַי. אָראָפּגענגבעט אַביסעלע פון דאָגען, אַביסעלע פון דאָרטן. אָבער נאָר פון די עקן, איר הערט? און נאָר מיט דער שער!

דער באַרבער האָט געטאָן, וואָס ער האָט אים געהייסן. אָבער וויפל מען האָט פון דער באָרד נישט אַרונטערגענומען, איז נאָך אַלץ איבערגענוג באָרד פאַרבליבן. און ווען אָרע האָט נאָכדעם אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, האָט ער זיך אָפּגערופן צום באַרבער:

— זאָגט מיר, איר האָט טאַקע עפּעס אַרונטערגענומען ביי מיר פון דער באָרד?

— וואָס הייסט? אַ באַרג אַ גאַנצער!

אָרע האָט אים באַצאָלט און איז אַוועקגעגאַנגען.

פון דאָרט איז ער אַוועק אין דעם רעסטאָראַן אויף פּיטקין עוועניו, וווּ ער האָט זיך געזאָלט טרעפן מיט סעמקען און יאַכנעטשיקן און פאַרענדיקן מיט זיי דעם נעכטיקן שמועס וועגן זייער ,,לאָטס" אויפן בולוואַר.

ער האָט זיי דאָרט געטראָפן. און גלייך האָט ער זיך געווענדעט צו סעמקען:

סעמקע האָט אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

— זאָגט נאָר, מר. בלום, ווי זע איך איצט אויס?

— וואָס הייסט, ווי איר זעט אויס, וואָס מיינט איר?

— איך מיין... איר זעט גאָרנישט? טאַקע קיין זאַך נישט?

האָט סעמקע נאָך אַמאָל אויף אים אַ קוק געטאָן און אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ:

— ניין!

— איז מיין באָרד אַביסעלע קירצער?

— אייער באָרד? — האָט סעמקע אַ שמייכל געטאָן, — ניין, מיר דאַכט זיך, אַז זי איז איבערנאַכט נאָך אויף אַ פּאָר אינטשעס אויסגעוואַקסן.

אַרע האָט אַ מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט.

— אַי, גייט שוין גייט, הולטאַי!

און ער האָט גענומען רעדן מיט אים און יאַכנעטשיקן וועגן מסחר. און שפּעטער איז ער דורכגעקומען מיט זיי אין פּרייז און צו זיי פאַרקויפט זיינע „לאָטס" אויפן בולוואַר און דערביי פאַרדינט נאָך אַ סך טויזנטער. אַז ער האָט שוין זיין טשעק באַקומען, האָט סעמיקע אים פאַרגעלייגט אָפּצופירן אים אַהיים אויף זיין וועגל.

22

ביי עטלען אויף דער חתונה

עטלס חתונה האָט מען געפּראַוועט אין אַ ניו־יאָרקער האָטעל, סעמיקע איז דאָרט געווען דער הויפּט ־ מחותן פון חתנס צד. די חתונה איז געווען אַ גרויסאַרטיקע. דער האָל איז דעקאָרירט געווען מיט דעם אַמעריקאַנער פלאַג, מיט שיינע בלומען און האָט זיך ווי געטובלט אין אַ ים פון עלעקטרישן ליכט. אויף דער פּלאַטפאָרמע איז געשטאַנען אַ חופּה מיט עלעקטרישע לעמפּלעך, ביי דער זייט זענען געזעסן אַ צען מאַן קלעזמער און האָבן געשפּילט.

בראַנזוויל איז דאָ שטאַרק געווען פאַרטראָטן. כמעט אַלע אָרעמע באַקאַנטע פון די רייך געוואָרענע „ריעל־עסטייטניקעס" מיט זייערע ווייבער און קינדער זענען אויף דער חתונה געקומען. אויך האָבן דאָ נישט געפעלט באַקאַנטע און לאַנדסלייט פון דעם חתן, — ס'רוב יונגעלייט און פרויען. סאַמועלסאָן און דר. זיל־בערשטיין זענען דאָ נישט געווען, הגם אָרע האָט זיי איינגעלאַדן, מחמת, ערשטנס, האָבן זיי, ראַדיקאַלן, נישט געהאַלטן פון חתונה־צערעמאָניעס, און צווייטנס, ווייל אָרע איז געווען אַ מענטש נישט פון זייער קרייז.

די דאָזיקע אַלע איצטיקע בראַנזווילער נגידים זענען געקומען אין הויכע, גלאַנציקע צילינדערהיט און זייערע ווייבער אין טעכטער אויסגעפּודערטע און אויסגעפּאַרבטע אין באַל־קליידער,

אין ווייסע שיך און האַנטשו מיט בריליאַנטן אין די אויערן, אויף דער ברוסט, אין די האָר און אויף אַלע פינגער. עטלס חתונה איז פאַר די דאָזיקע אויפגעקומענע גבירים געווען אַ געלעגנהייט צו ווייזן זייערע נייע, רייכע קליידער און צירונג.

דער רעגן פון גאָלד, וואָס איז פּלוצים צו זיי אַרונטערגעפאַלן. ווי דורך אַ כּישוף, האָט זיי אַלעמען אינגאַנצן פון דעם געווינטן, אויסגעטראָטענעם וועג אַרונטערגעשלאָגן, איבער וועלכן זיי האָבן ביז יענער צייט זיך באַוועגט אין זייער וועלטל.

נייע פאַרלאַנגען האָבן זיך ביי זיי אויפגעוועקט, נייע ווונטשן, נייע אומבאַקאַנטע לײדנשאַפטן...

דאָס רוב פון די דאָזיקע פרויען האָבן פּלוצים פאַרגעסן ווי מען שיילט אַ קאַרטאָפל, ווי מען סקראָבעט דעם דיל, ווי מען וואַשט די וועש און ווי מען קאָכט און ווי מען באַקט. זיי האָבן אַריינגענומען דינסטן אין זייערע הייזער, פּוילישע און יידישע, און אָנגעהויבן זיך צו פילן און צו פירן מעשה אמתע לײדים.

אַנדערע פון זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן אַלטע ווייטאָקן, וועגן וועלכע זיי האָבן פריער קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן, און זיי זענען געלאָפן אין ניו־יאָרק צו די פּראָפעסאָרן.

די יינגערע האָבן באַשטעלט זייערע קליידער אין ניו - יאָרק ביי גוטע שניידערס און האָבן גוט באַצאָלט פאַר מאַכן אַ שיינע פיגור. די עלטערע האָבן זיך באַמיט אויסצוזען יינגער, און פּודער און פאַרב, און שמעקעדיקע זייפן, און פלעשעלעך מיט פאַרפום זענען געוואָרן גאַנגבאַרע אַרטיקלען אין די בראָנזווילער אַפּטייקן.

איינע די אַנדערע האָבן געזוכט נאָכצוטאָן. די פרויען אַזוי ווי די מענער, האָבן געזוכט נאָכצוטאָן און פאַרטונקלען איינע די אַנדערע... האָט איינער אַריינגעצויגן אין אַ נייער, שיינער הויז, האָבן באַלד די אַנדערע אַריינגעצויגן אין נאָך שענערע הייזער. האָט איינער אַריינגענומען אין אַ הויז אַ פאָנאָגראַף פאַר הונדערט דאָלאַר, האָבן באַלד אַנדערע אַריינגענומען אין זייערע הייזער פאָנאָגראַפן, פאַר וועלכע זיי האָבן געצאָלט צוויי און דריי הונדערט דאָלאַר און נאָך מער.

נאָכטועניק איינע די אַנדערע, האָט כּמעט יעדער פון זיי ביי

זיך אין הויז אַ ביבליאָטעק זיך אײַנגעשאַפֿט, מיט ביכער פֿון שרײַבער, וואָס זייערע נעמען אַפֿילו האָבן זיי נישט געקאָנט אַרויסרעדן, און מען האָט דערציילט, אַז בײַ אַנדערע אין די ביכער־שראַנקען זענען געשטאַנען דיקע ביכער מיט פֿאַרשידענע רעגירונגס־רעפּאָרטן און סטאַטיסטיק, וואָס יעדער בירגער קאָן קריגן צוגעשיקט אומזיסט פֿון וואַשינגטאָן. די דאָזיקע ביכער האָבן די ביכער־אַגענטן זיי פֿאַרקויפֿט פֿאַר באַרימטע ווערק פֿון באַרימטע שרײַפֿטשטעלער.

זיי, די נײַ־אויפֿגעקומענע גבֿירים און גבֿירטעס, זענען מיט אַמאָל געוואָרן מבֿינים און מבֿינותטעס אויף מוזיק און האָבן אָפּט גענומען באַזוכן די ניו יאָרקער אָפּערע־הויז. די פֿרויען זענען מיט אַמאָל געוואָרן ווילטעטיק און האָבן געגרינדעט ווילטעטיקע פֿרויען־פֿאַרייַנען, אין וועלכע עלטערע ווײַבער, ווי יאַכנעטשיקס און חיים זוסע פּליוכס פֿרויען, האָבן אויך אָנטייל גענומען און כּבֿוד אינאיינעם מיט מצוות געזוכט. און יעדע פֿון די דאָזיקע פֿרויען האָט געוואָלט זײַן אַ פּרעזידענטשיכע, לכל־הפּחות אַ סעקרעטערשע, און יעדע פֿון זיי האָט געוואָלט זײַן אַ פֿירערקע.

די מענער האָבן אין גאָרנישט געשטערט זייערע ווײַבער. די מערסטע פֿון זיי זענען צופֿרידן געווען, וואָס זייערע ווײַבער זענען איצט אימשטאַנד געווען אויסצוגעבן אַ סך געלט אויף זיך, וואָס זיי האָבן געקאָנט איצט זיך דערלויבן הנאה צו האָבן פֿון דעם לעבן, און אַנדערע האָבן אויס איטלקייט געלאָזט זייערע ווײַבער זיך פּוצן און אויסגעבן אַ סך געלט. פֿאַר אַזעלכע האָבן די רײַך־אויסגעפּוצטע ווײַבער זייערע געהאַט כּמעט די אייגענע באַדײַטונג ווי זייערע רײַכע הײַזער מיט דעם שיינעם מעבל... ווידער אַנדערע האָבן נישט געשטערט זייערע ווײַבער, ווײַל זיי זענען צופֿרידן געווען וואָס זייערע ווײַבער שטערן זיי נישט... די דאָזיקע מענער האָבן זיך געפֿילט גענוג זינדיק קעגן זייערע ווײַבער. נישט יעדער האָט געקאָנט בײַשטיין דעם יצר־הרע, וואָס האָט געהערשט אין אָט דער נײַער וועלט, וואָס האָט זיך פֿאַר זיי אַזוי פּלוצים געעפֿנט זינט זיי זענען מיט אַמאָל רײַך געוואָרן.

בײַ אָרעמע, שוואַכע מענטשן, וואָס האָבן יאָרן און יאָרן־לאַנג אַזוי ווייניק געווונטשן, וואָס האָבן יאָרן און יאָרן־לאַנג גע־

זען בלויז דעם קורצן, גרויען שטח פֿון זייער היים צום שאַפּ, צי פֿון זייער קרעמל צום הויז, צי דעם לענגערן אָבער נאָך צרהדי־קערן שטח פֿון זייער הויז צום וועג, איבער וועלכן זיי האָבן זיך געשלעפּט מיטן שווערן פּאַק אויף די פּלייצעס, פֿון הינט און פֿון בייזע מענטשן פֿאַרפֿאָלגט — ביי זיי, ביי די דאָזיקע מענטשן, האָבן זיך פּלוצים, ווי דורך אַ כּשוף, די אויגן געעפֿנט, און אַן אומבאַקאַנטע וועלט פֿול מיט גלאַנץ, פֿול מיט פֿאַרגעניגן האָבן זיי פֿאַר זיך נאָנט דערזען. די הערצער האָבן זיך ברייט פֿאַנאַנדערגעעפֿנט און נייע אומבאַקאַנטע, שטאַרקע פֿאַרלאַנגען האָבן דאָרט זיך אויפֿגעוועקט, און זיי האָבן זיך אַריינגעוואָרפֿן ווי פֿאַרטשאַדעטע אין אָט דער נייער וועלט און האָבן זיך דאָרט צוגעכאַפּט צו די נייע, אומבאַקאַנטע קוואַלן פֿון פֿאַרגעניגן מיט דורשטיקע ליפּן און גענומען זיך אויפֿפֿירן, האַנדלען יעדער לויט זיין כאַראַקטער, לויט זיין טעמפּעראַמענט...

אַזוי ווי די השגחה וואָלט זיך דאָ אַמוזירן געוואָלט מיט די אָרעמע מענטשן, האָט זי זיי פֿון זייער טרויעריקן וועלטל, פֿול מיט זאָרגן, אַרויסגעשטופּט אין אַ וועלט פֿול מיט גלאַנץ און וווילטאָג, און זיך צוגעקוקט ווי זיי האָבן געהאַנדלט, ווי זיי האָבן זיך אויפֿגעפֿירט אין זייער נייער לאַגע...

און די מערסטע פֿון די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך אין אַ סך פּרטים אויפֿגעפֿירט קאָמיש, לעכערלעך. כּמעט יעדער פֿון זיי האָט זיך גענומען האַלטן פֿאַר אַ חכם, פֿאַר אַ מענטש מיט גרויסע געשעפֿטס־פֿעאיקייטן, וואָס נאָר זיך אַליין האָט ער געהאַט צו פֿאַרדאַנקען פֿאַר זיין פּלוצלונגדיקער עשירות. און כּמעט יעדער פֿון זיי האָט געזוכט צו לאָזן זיך פֿילן, באַמערקן, אויסדריקן זיין „איך"; צו מאַכן אַ רושם אויפֿן אַנדערן...

אָבער אויך שיינע שטריכן, מענטשלעכע, ווי עכט־יידישע, האָבן זיי כּמעט אַלע אַרויסגעוויזן. זיי האָבן אַלע געגעבן צדקה מיט אַ ברייטער, פֿולער האַנט. קיינער פֿון זיי האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פֿון שטיצן וועמען אָדער וואָס נישט איז. די תּלמוד־תּורה, די חבֿרה גמילות־חסדים, די בתּי־מדרשים, דעם קלויסטער, להבֿדיל, און שפּעטער די רוסישע רעוואָלוציע — זיי האָבן אַלצדינג געשטיצט מיט דער פֿולער האַנט.

די פרומערע יידן האָבן זיך מיט פלענער אַרומגעטראָגן צו בויען אַ נייע, גרויסע כאָר־שול, ווו דאָס יונגוואַרג זאָל חשק האָבן צו גיין, און אַ תלמוד־תורה אַ נייע צו בויען, און די ראַדיקאַלע יידן, ווי דער סאָציאַליסט און טרוימער פון בראָנזווילער אויפֿבויאונג, סאַמועלסאָן, וואָס ער האָט איצט אָפּט מיט אַ פולער האַנט געשטיצט די סאָציאַליסטישע פרעסע, האָבן גערעדט וועגן בויען אַ לייבאָר לייסעאָום (אַ הויז פאַר אַרבעטער).

נאָך אַ שטריך האָבן זיי במעט אַלע אַרויסגעוויזן, אַ מערקווירדיקן און זייער אינטערעסאַנטן שטריך: זיי האָבן דאָס רוב געהאַנדלט אויפֿן וואָרט און זעלטן ווער פון זיי האָט אַמאָל זיין וואָרט געבראָכן, אָדער האָט אויף זיין וואָרט חרטה געהאַט, אַפילו ווען עס האָט זיך געמענט האַנדלען וועגן טויזנטער, אַפילו ביי אַזעלבע ווי סעמקע בלום איז דאָס וואָרט געווען הייליק, ווען ער האָט פאַרקויפט אָדער געקויפט אַ „פאַרסעל״.

קורץ, אַזוי זענען געווען די איצטיקע בראָנזווילער גבירים, וואָס זענען געקומען אין הויבע, גלאַנציקע צילינדערס, מיט זייערע אויסגעפּוצטע ווייבער און טעכטער, צו עסלען אויף דער חתונה.

* * *

איבערן גאַנצן האָל האָט מען געטאַנצט.

סעמקע אין אַ נייעם אַנצוג מיט אַ בלום אין לאַץ, האָט זיך פריילעך און לעבעדיק געטראָגן איבערן האָל, דאָ מיט איינער און דאָ מיט אַ צווייטער און אַמאָל זאָגאַר מיט זיין אייגענער ווייב, אַ קליינטשיקע, מאָגערע ווייבעלע, וועלכע טאַנצנדיק מיט אים, האָט פאַר פאַרגעניגן געהאַלטן אָפן דאָס מויל און אַרויסגעשטעלט צוויי פאָדערשטע גאָלדענע ציין.

געטאַנצט האָט אויך רייטשל יעדער ווילע מיט אַן אַנדערן. די יונגעלייט האָבן איר פשוט רוען נישט געלאָזט, און זי האָט זיך געטראָגן איבערן האָל אין אַ ווייסן קלייד, ווייט אויסגעשניטן אַרום האַלז און ברוסט, מיט אַ רויטער בלום אין די טיף־שוואַרצע האָר. און איר בוזים, אירע רונדע, נאַקעטע אַקסלען האָבן היים און קאַבעדיק זיך באַוועגט, און איר פנים האָט געברענט, און אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבן פריילעך געגלאַנצט. זי האָט געטאַנצט

ליכט, גראציעז, און זי האט געבריט די יונגעליים, וואס האבן מיט איר געטאנצט, מיט אירע אויגן, אטעם און יעדער באוועגונג פון איר יונגן, קאבעדיקן, שיינעם קערפער.

ווען זי האט זיך אנגעטראפן מיט סעמקען, האט זי דערמאלט אויף אים א האסטיקן בליק געווארפן, פול פאראכטונג, אוועקגע־דרייט פון אים דעם קאפ און זיך צוגעדריקט צו איר קאוואליער פעסטער, אזוי ווי סעמקען אויף צו להכעיס.

טאנצנדיק האט סעמקע די גאנצע צייט זי געהאט אין זינען...
ער האט אומיסטנע געטאנצט איר אין וועג און זיי האבן זיך א פאר מאל אנגעשטויסן, און איינמאל האט ער אזוי אריינגעטאנצט מיט זיין לידי איר אין וועג, אז זיין לידי האט זיך מיט האסט אנ־געשטויסן אן רייטשלס קאוואליער און איז מיט א הויכן געלעכ־טער אים אריינגעפאלן אין די ארעמס און רייטשל אליין האט זיך אנגעשטויסן אן סעמקען און מיט אירע הענט זיך איינגעקלאמערט אין זיינע אקסלען, כדי נישט צו פאלן. באלד אבער האט זי זיך א כאפ געטאן, ווי צעשראקן, מיט ביידע הענט אפגעשטופט אים פון זיך, ארויסגעמורמלט „זשוליק", א כאפ געטאן ווידער איר קאוואליער און זיך אוועקגעטראגן מיט אים, שטארק אויפגערעגט..

דערמאלט האט סעמקע באשלאסן צו לאזן זי צורו.

ערע, אין א צילינדער־הוט, די בארד פאנאנדערגעקעמט אזוי, אז זי האט אים אינגאנצן פארדעקט די ברייטע ברוסט, האט גע־קוקט ווי זי טאנצט מיט די יונגעליים און צעמישט געשמייכלט.

ער האט זיך געפילט נישט גאר אנגענעם, נישט גאר רואיק, בעת ער האט געזען, ווי די יונגעליים האלטן זי ביי דער טאליע און עס האט זיך אים אפט אויסגעוויזן, אז טאנצנדיק קוקן זיי איר אריין אין דעם אפענעם בוזעם...

„וואלט זי כאטש נישט געגאנגען אין אזא קלייד!" — האט ער געטראכט, — „אן אמתע חרפה!"...

נאכדעם האט ער זי געפרווט פארענטפערן: א יונג מיידל... האלט פון דער מאדע... קיין סכנה נישט...

אבער רואיק האט ער דאס נישט געטראכט...
דערנאך ווען ער האט באמערקט, אז זי האט זיך צוגעזעצט

איז ער צוגעגאַנגען צו איר, האָט זיך אומגעקוקט, אויב אימיצער הערט נישט אונטער, און איר געזאָגט:

— רייטשעלע, דו קאָנסט זיך נאָך, חלילה, פאַרקילן, דעם איבער מיט עפּעס די הוילע פּלייצעס...

זי האָט אים נישט פאַרשטאַנען און געענטפערט:

— נישקשה, איך וועל זיך נישט פאַרקילן...

נאָכדעם איז צו איר ווידער צוגעגאַנגען אַ יונגערמאַן און זי האָט זיך ווידער אַוועקגעטראָגן איבערן זאַל.

אָרע האָט איר נאָכגעקוקט. פּלוצים האָט ער אַ טראַכט געטאָן מיט טיפער בענקעניש:

„פאַרוואָס בין איך נישט יינגער אויף צוואַנציק יאָר?... דעמאָלט וואָלט איך אפשר אויך טאַנצן געגאַנגען!".

און ער איז אַוועק צו דעם פּלאַץ אויף דער פּלאַטפאָרם, וווּ עטל און איר חתן זענען געזעסן אויף שטולן און האָבן פון ווייטן צוגעקוקט ווי דער עולם האָט געטאַנצט.

יאַכנעטשיק און חיים־זוסע פּליוך זענען דאָ אויך געווען. ביידע האָבן געטראָגן הויכע, גלאַנציקע צילינדער־היט, אין וועלכע זיי האָבן אויסגעזען ווי קוטשערס, וואָס זיצן אויף די קעלניעס פון די שוואַרצע לויה־וועגענער...

זיי זענען געשטאַנען צווישן עולם איינער נעבן אַנדערן און האָבן צוגעקוקט מיט אַ שמייכל ווי סעמקע האָט זיך געטראָגן איבערן זאַל מיט יונגע, שיינע מיידלעך און ווייבלעך, מיט דער האַנט אַרום זייערע טאַליעס, און זיי האָבן אים מקנא געווען און גערעדט צווישן זיך:

— פאַרשמאַליעט זאָל ער ווערן, אַן אמתער מאַדים!... די ערד ברענט גאָר אונטער זיינע פיס!...

און חיים זוסע פּליוך האָט צוגעלייגט:

— אָט ער וויס, וואָס ער לעבט, אָט יער!...

זיי זענען געווען פון די, וואָס האָבן זיך געסאַפּעט, זינט זיי זענען רייך געוואָרן, אַז זיי האָבן נאָך גאָרנישט געוווסט דעם טעם פון עולם־הזה און נאָך דעם, ווי זיי זענען אַ פּאָר מאָל געווען מיט סעמקען אויף „סמוקערס", וווּ שיינע נאַקעטע מיידלעך האָבן געטאַנצט און געזונגען, און עטלעכע מאָל מיט אים אין יענעם

רעסטאָראַן אויף אָושען עוועניו, איז זיי ביידן — יאַכנעטשיקן און חיים זוסע פּליוכן — קלאָר געוואָרן, אַז זייערע ווייבער זענען געווען נאָר אַ „ברכה לבטלה", נאָר אַן אַפּקומעניש...

פּלוצים האָט זיך דורכגעטראָגן אַ טומל איבערן האָל צווישן עולם. די מוזיקאַנטן האָבן מיט אַמאָל אונטערבראָכן אינמיטן וואַלץ. די טאַנצנדיקע פּאָרלעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט. „די חופּה! די חופּה!" — האָט זיך דערהערט אַ ליאַרם פון אַלע זייטן.

דער עולם האָט זיך אַ רוק געטאָן צו דער פּלאַטפאָרם צו. מענער, ווייבער און קינדער האָבן זיך געשטופּט נענטער צו חתן־כּלה. רייטשל האָט זיך דורכגעקוועטשט צווישן עולם און זיך אוועקגעשטעלט נעבן עטלען. דאָרט זענען שוין אויך געשטאַנען די אַלטע פרומע מיט אַ יום־טובדיקן פּנים, אָרע, פּיניע, אין אַ נייעם אַנצוג און הוט, וואָס אָרע האָט אים געקויפט לכּבוד דער חתונה, זיין ווייב שרהקע, אַ דיקע פּרויענצימער, אויך אין אויסגעפּוצטע אויף אָרעס געלט. יאַכנעטשיק און חיים־זוסע פּליוך האָבן זיך אויך דורכגעקוועטשט צווישן עולם און זענען צוגעגאַנגען צו אָרען.

דערנאָך האָט דער פּויק גענומען פּויקן, ווי צו אַ טרעוואָגע, און גלייך האָט זיך אויף דער פּלאַטפאָרם באַוויזן סעמקע, דאָס מאָל אין אַ צילינדער־הוט און מיט אַ האַנט אויפגעהויבן אין דער הויך. דער פּויק איז אַנטשוויגן געוואָרן און סעמקע האָט אויסגעשריגן אַזוי הויך, ווי ער האָט נאָר געקאָנט:

— לײדיס און דזשענטלמען! גלייך פאַנגט זיך אָן דער חור־פּה־מאַרש! אַט דאָ זענען קערבעלעך מיט ליכט. זאָל יעדער פון אייך נעמען אַ ליכט און אָנצינדן. נאָכדעם זאָל יעדע ליידי נעמען איר דזשענטעלמאַן און יעדער דזשענטעלמאַן זיין ליידי, — אַ דזשענטעלמאַן מעג נעמען אַפילו אַ פרעמדע ליידי, און אַ ליידי אַ פרעמדן דזשענטעלמאַן אויך — איך דערלויב דאָס אייך!...

— הוראַ! — האָט דער עולם געענטפערט, און איבערן האָל האָט זיך דורכגעטראָגן אַ געלעכטער פון מענער און קוויטשעריי פון ווייבער.

— די עלטערע דזשענטעללייט מעגן אַפילו נעמען יונגע ליידיס — האָט סעמקע ווייטער געשריגן.

— נאָ! ניין! — האָבן געשריגן די יונגע ווייבער און מייד־לעך און געקווייטשעט.

— יעס! יאָ — האָבן די עלטערע מענער געלאַכט. און יאַכ־נעטשיק און חיים־זוסע פּליוך האָבן מיט התפּעלות געשריגן:

— גערעכט, מיסטער בלום! גערעכט! טאַקע! טאַקע!

אָבער ווען דער חופּה־מאַרש האָט זיך אָנגעהויבן, איז יעדע „לײדי" געשטאַנען נעבן איר געזעצלעכן „דזשענטעלמאַן" און יע־דער „דזשענטעלמאַן" נעבן זיין געזעצלעכער „לײדי". יונגוואַרג נעבן יונגוואַרג און אַלטוואַרג נעבן אַלטוואַרג. יעדער און יעדע האָבן געהאַלטן אַ ברענענדיקע קאָלירטע ליכט אין די הענט. סעמ־קע איז געווען דער מאַרשאַל פון דעם חופּה־מאַרש. ער איז גע־גאַנגען אין פאָרויס מיט זיין קליינטשיק, מאָגער ווייבעלע און נאָך זיי האָבן זיך געצויגן די פּאָרלעך איבערן האָל. פריער חתן־כּלה געאָרעמט, דערנאָך אָרע מיט פרומען, וועלכע האָט, מאַרשירנדיק, געכליפּעט פאַר פרייד. (פריער איז זי געווען בייז, פאַרוואָס די חתונה איז אָן אַ בדחן. דערנאָך אָבער, ווען פּיניע האָט איר איינ־גערעדט, אַז אין אַמעריקע איז קיין בדחן נישטאָ אפילו אויף אַ רפואה און אַז די רבנים האָבן דאָ בטל געמאַכט די כּלה־באַזעצונג און דעם „כּשר־טאַנץ", האָט זי זיך באַרואיקט און זיך איבערגע־געבן דעם געפיל פון שמחה). נאָך זיי זענען געגאַנגען פּיניע און זיין ווייב שרהקע און נאָכדעם רייטשל מיט עפּעס אַ יונגענמאַן, דעם חתנס אַ פריינט. יאַכנעטשיק און חיים־זוסע פּליוך מיט זיי־ערע ווייבער זענען געגאַנגען גאָר, גאָר, פון הינטן, מיט ליכט אין די הענט.

די מוזיק האָט געשפּילט אַ חופּה־מאַרש. די פּאָרלעך האָבן זיך געצויגן איבערן האָל; נאָקעטע פרויען־שולטערן און אָרעמס האָבן זיך באַוועגט. רויטע און בלויע פייערלעך פון בריליאַנטן האָבן אויפגעפלאַמט אין פרויען־אויערן, אין די קעמלעך, וואָס האָבן באַ־צירט פרויען־קעפּ. צילינדער־היט האָבן געגלאַנצט . די פלאַמען פון די ליכט אין די הענט פון די מאַרשירנדיקע האָבן געציטערט און געפלאַקערט.

אויף דער פּלאַטפאָרמע האָבן זיך אָנגעצונדן אַלע עלעקטרישע לעמפּלעך אַרום דער חופּה. דאָרט זענען שוין געשטאַנען די אַלע

דריי רבנים, — דער בראַנזווילער רב אין אַ צילינדער־הוט, און דער יאַנאָווצער רב, אַרעם לאַנדסמאַן, אויך אין אַ צילינדער־הוט, און דער דריטער, — אַ רעפאָרמירטער רב, וואָס האָט אויסגעזען מיט זיין רונדן, ריין־ראַזירטן פּנים, ווי אַ יונגער גלח. אַ חזן מיט משוררים האָבן זיך באַוויזן און זיך געשטעלט אַרום דער חופּה. סעמקע האָט צוגעפירט דעם מאַרש צו דער פּלאַטפאָרמע.

באַלד זענען אונטער דער חופּה געשטאַנען חתן־כּלה. אַרום דער חופּה זענען געשטאַנען, אַ חוץ די רבנים מיט דעם חזן און די משוררים, נאָר די נאָענטסטע מחותּנים און פריינט. דער איבעריקער עולם האָט זיך צעשטעלט אין האָל אַרום דער פּלאַטפאָרם.

די רבנים האָבן אָפּגעזאָגט זייערס, דער חזן מיט זיינע משוררים האָבן גענומען זינגען. די אַלטע פרומע האָט זיך צעוויינט. שרהקע, וואָס זי איז געשטאַנען נעבן פּיניען, האָט זיך מיט אַמאָל צו אים אָנגערופן: „ווען די מאַמע וואָלט דאָס דערלעבט!״ און זי האָט זיך צעיאָמערט אויפן קול. אָרע האָט געקוקט אַרום זיך מיט אַן אויפגערעגטן שמייכל. און רייטשל האָט געקוקט פאַרנכבעט אויף סעמקען און דאָס האַרץ איז ביי איר צעריסן געוואָרן. זי האָט געטראַכט: „דער לעבעדיקסטער מענטש פון אַלע איז ער... אַזאַ פייערדיקער יונג... אַזאַ ברען... ער קאָן משוגע מאַכן״!..
און נאָכדעם האָט זי געקוקט אויף אָרען און גישט ווילנדיק אים פאַרגליכן מיט יענעם, און זי האָט געפילט אַ סקרוך איבערן לייב.

אַ „מזל־טוב״ האָט איבערגעריסן אירע געדאַנקען. פרומע האָט אַרומגעכאַפּט עטלען און זי געקושט מיט געוויין. דערנאָך האָט זיך אָרע מיט איר צעקושט, דערנאָך שרהקע... און נאָכדעם האָט זיך אָרע צעקושט מיטן חתן.

רייטשל האָט זיך אויך אַ וואָרף געטאָן צו עטלען קושן. און ווען זי האָט צוגערוקט איר פּנים צו עטלס, האָט זיך פּלוצים צווישן זייערע ביידנס פּנימער אַריינגערוקט אַ דריטער, מיט בלאָנדע וואָנצעס און העלע, לאַכעדיקע אויגן, — סעמקעס פּנים, — און אָנשטאָט עטלס ליפּן האָבן אירע באַרירט די ליפּן אונטער די בלאָנדע וואָנצעס... זי האָט אַ געשריי געטאָן, און איז אַ צעמישטע אָפּגעשפּרונגען...

סעמקע האָט אויך בלומרשט ארויסגעלאָזן א צעשראָקענעם געשריי און טאַקע באַלד זיך צעקושט מיט עטלען.

ער האָט געוואַרט אויף דעם. ער האָט געוואוסט, אַז רייטשל וועט זיך וועלן צעקושן מיט עטלען. האָט ער באַשלאָסן, אַז ווי נאָר זי וועט דאָס וועלן טאָן, אַזוי זאָל ער ארײַנרוקן זיין פנים אין מיטן... אַלס קוזין פון דעם חתן האָט אים געפּאַסט זיך צו קושן מיט דער כּלה, און עס וועט נישט זיין זיין שולד, ווען דורך א טעות האָט ער זיך דערווייל צעקושט מיט אן אַנדערער...

דאָס איז אים איינגעפאַלן און ער האָט דאָס דורכגעפירט.

דערנאָך איז דער גאַנצער עולם ארונטער אין א צווייטן האָל, מיט א שטאָק נידעריקער, ווו טישן באַפּוצט מיט בלומען, זענען געגרייט געווען. און דאָ איז אויך סעמקע געווען דער גאַנצער מאַכער. ער אַליין האָט אויסגעזעצט דעם עולם.

אויף דער רעכטער זייט פון חתן־כּלה האָט ער אוועקגעזעצט פרומען, זיין פרוי, פּיניען, שרהקען און א פּאָר נענטערע פריינט פון דעם חתן. אויף דער לינקער זייט האָט ער אוועקגעזעצט אָרען און געזאָגט צו אים, ער זאָל איינלאַדן רייטשלען צו זעצן זיך נעבן אים. אָרע האָט עס געטאָן. רייטשל האָט זיך געזעצט נעבן אים און איז צעמישט געוואָרן, ווען דעם נאָנטסטן לידיקן פּלאַץ פון איר האָט באַלד פאַרנומען סעמקע אַליין. נעבן זיך האָט ער אוועק־געזעצט די דריי רבנים. די איבעריקע געסט מיט זייערע פרויען און קינדער זענען געזעסן ארום די אַנדערע טישן, וועלכע צוזאַמען מיט דעם טיש אויבן־אָן, ווו חתן־כּלה און די נאָנטע מחותּנים זענען געזעסן, זענען אויסגעשטעלט געווען אין דער פאָרם פון א פּאַרקאַווע.

א צענטליק קעלנערס האָבן דערלאַנגט און צוגענומען פון די טישן. עסן און טרינקען איז געווען איבערגענוג, און קיין אַפּעטיט האָט דעם עולם אויך נישט געפעלט. סעמקע האָט יעדע ווײַלע צו־געדרוקט צו אָרען א גלעזל שאַמפּאַניער. אָרע האָט געטרונקען און איז געוואָרן אַלץ פרײַלעכער און פרײַלעכער און געלאַכט מיט זיין גליקלעכן, קינדערשן געלעכטער. פון צייט צו צייט האָט ער א קוק געטאָן אויף רייטשלען מיט אויגן פול פרייד און גליק, און גע־מורמלט: „עס! עס!... טרינק, אמתע שאַמפּאַניער!....״ זי האָט אים

קוים געהערט. אין קאָפּ האָט איר געמישט פון די פּאָר גלעזלעך שאַמפּאַניער, וואָס זי האָט אויסגעטרונקען, און נאָכמער פון סעמקעס נאָענטקייט, פון די בּאַרירונג פון זיין אַקסל, פון זיין קני... דער פּנים האָט בּיי איר געבּרענט... אינגאַנצן האָט זי געבּרענט און זי האָט געטראַכט פאַרביטערט: „זשוליק, בּאַנדיט, האָט זיך נאָר געזעצט נעבּן מיר!"... אין דער אייגענער צייט האָבּן אַנדערע געפילן זיך געוועקט בּיי איר אין דער נשמה, קעגן וועלכע זי האָט זיך געפילט אַזוי שוואַך, אַזוי הילפלאָז, און וואָס האָבּן זי אינגאַנצן צעמישט....

אין פלוצים האָט זי אַ טראַכט געטאָן:
„ער ליבּט מיך! זיכער, זיכער!"
און זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן.

„איך האָבּ דאָך נאָך מיט אים זינט יענער צייט אָן קיין וואָרט נישט אויסגערעדט", האָט זי ווייטער געטראַכט. „געדאַרפט זיך מיט אים דורכרעדן. אפשר ליידט ער?... אפשר... אפשר"...

און דאָ האָט זי זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן: געוואַלט, וועגן וואָס טראַכט זי!? פאַרפאַלן!....

און אַזוי ווי זי וואָלט געזוכט הילף קעגן איר אייגענעם האַרצן, האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו אָרען.

— ווילסט עפּעס, רייטשעלע? — האָט ער געפרעגט און געשמייכלט צו איר אַזוי גוט, אַזוי האַרציק.
זי האָט אַ טראַכט געטאָן:
„און ער, די דאָזיקע בּריאה, וועט זיין מיין מאַן!"
און זי האָט אים נישט געענטפערט.

— טרינק נאָך אַ גלעזעלע שאַמפּאַניער, — האָט ער זיך ווידער אָנגערופן. — עס וועט דיר נישט פאַרשאַטן, חלילה!
און ער האָט צו איר צוגערוקט אַ גלעזל פול שאַמפּאַניער, און אַליין אויך גענומען אין דער האַנט איינס.

און ווי אויף צו להכעיס אירע אייגענע געפילן, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דאָס גלעזעלע, אַ קלונג געטאָן אָן זיינער, געזאָגט „לחיים" און אויסגעטרונקען.
נאָכדעם האָט איר נאָך מער גענומען רוישן אין קאָפּ.

און ווען סעמקע האָט דערנאָך געזאָגט אַ וויץ פֿון וועלכן אַלע אַרום האָבן זיך צעלאַכט, האָט זי אַ טראַכט געטאָן:

,,אַזאַ חכם! קליגער פֿון אַלעמען!"

און זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים פֿון דער זייט. זיינע שיכּורע אויגן האָבן באַגעגנט אירע מיט אַ שמייכל. און רייטשל, נישט אָפּגעגעבנדיק זיך קיין רעכענשאַפֿט וואָס זי טוט, האָט אַליין אויך אַ שמייכל געטאָן צו אים האַלב־שיכּור, אָבער נאָר אויף אַ רגע. מחמת טאַקע באַלד האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן צעשראָקן און אַוועקגעדרייט פֿון אים דעם קאָפּ.

נאָך פּאָר סעמקען איז עס געווען געגנוג. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער איר אַרויפֿגעטראָטן אויפֿן פֿוס. זי האָט זיך אָפּגערוקט פֿון אים, נענטער צו אַרען. האָט ער זיך אויך אָביסעלע אַ רוק געטאָן און אַ דריק געטאָן איר קני מיט זיינער. האָט זי זיך דער־מאָלט אַ קער געטאָן צו אים מיט אַ צעפּלאָמטן פּנים און האַלב־פֿאַרשיכּורטע אויגן און שטיל אַרויסגעמורמלט:

— בעסער זיצט איין, עס וועט זיין אַ סקאַנדאַל!

ער האָט איר געענטפֿערט אויך שטיל:

— איך מוז אייך זען, האָט רחמנות!

און זיין פּנים האָט דערביי אויסגעדריקט אַזויפֿיל ליידן, אַז אין איר האַלב־שיכּורן צושטאַנד איז זי איצט מער ווי זיכער גע־ווען, אַז ער האָט זי געליבט און אַז ער האָט געליטן.

זי האָט ווידער אַרויסגעמורמלט און איר האַרץ האָט דערביי געוויינט:

— צו שפּעט!... פֿאַרפֿאַלן.... ווו זענט איר פֿריער געווען?

און זי האָט ווידער אַוועקגעדרייט פֿון אים דעם קאָפּ.

דערנאָך האָט ער זי שוין מער דווקא נישט געלאָזט: געדריקט אירע קני מיט זיינע קני, נאָכדעם מיט זיין האַנט פֿאַרגנבעט אונ־טערן טיש.

פֿריער האָט זי זיך געווערט קעגן דעם, געדרייט זיך אויפֿן שטול, געוואָרפֿן אויף אים קרומע בליקן; שפּעטער אָבער האָט זי זיך אויפֿגעהערט צו ווערן, און איר האַנט, אויך פֿאַרבאָרגן אונטערן טיש, איז געלעגן שוואַך און הילפֿלאָז אין זיינער, און זי האָט גע־קוקט אויף אים אַזוי צעטומלט, ווי אַ געהעצטע חיה, בעת זי דער־

זעט זיך פּלוצים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און פילט, אַז קיין אויסוועג פאַר איר איז נישטאָ....

דערנאָך האָט מען גענומען האַלטן טאָסטן לכבוד חתן־כּלה.

עס האָט גערעדט דער יאַנאָוויצער רב, אַרעס לאַנדסמאַן. ער האָט גערעדט ווי אַ האַלבער משכּיל, און אין זיין רעדע ציטירט אַ שיר פון יהודה לייב גאָרדאָן. ער האָט משמעות געוואָלט זיך אויס־פיינען פאַר די אַנדערע צוויי רבנים.

עס האָט גערעדט דער בראָנזוויללער רב, גאָר נישט קיין נאַריי־שער ייד, וואָס איז שוין לאַנג געווען אַן אַמעריקאַנער בירגער און געהאַט איין זון אַ לערער אין אַ פּאַבליק סקול און אַ צווייטן אַן אָנגעזעענעם פּאָליטישען אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. דער דאָ־זיקער רב האָט געמישט אין זיין „ספּיטש" פּסוקים פון דער תּורה מיט ענגלישע ווערטלעך, און כּסדר האָט ער געברויכט דעם אויס־דרוק „מיר אַמעריקאַנער".

עס האָט אויך גערעדט אויף ענגליש דער רב, וואָס האָט אויס־געזען ווי אַ יונגער גלח. ער האָט זיין רעדע דעקלאַמירט מיט גרויסן פּאַטאָס און האָט דורכגעפירט מיט ראיות פון הייליקע ספרים און פון וועלטלעכע ביכער, דעם טיפן געדאַנק, אַז ווען נישט די ליבע צווישן מאַן און ווייב, וואָלט די וועלט אונטערגעגאַנגען.

צום סוף האָט אויך סעמקע געהאַלטן אַ טאָסט „צור ערע דער ליבע, וועלכע איז געטלעך, הימליש; וואָס נאָר זי אַליין שאַפט דעם פּאַראַדיז, ווו מען פילט זיך אויף ענגעל־פליגלען" (ער האָט אוי־מישנע אַזאַ טאָסט געהאַלטן, זוכנדיק צו מאַכן אויף רייטשלען דעם „ריכטיקן" איינדרוק).

האָט זי, רייטשל, ווען זי האָט דערהערט אָט דעם טאָסט זיינעם, שיער זיך נישט צעיאָמערט אויפן קול, און אַז ער האָט געענדיקט און זיך אויף זיין אָרט געזעצט, האָט זי אים שטיל, מיט אַ ציטערדיקן קול, געזאָגט:

— איך וועל וואַרטן אין „לײדיס רעסטינג רום".... מיר מוזן זיך דורכרעדן...

און זי האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון טיש און איז פון האָל אַרויס.

דערנאָך האָט ער אַ ווײַלע געוואַרט, אויפֿגעהויבן זיך פֿון אָרט און איז אַרויס נאָך איר.

און גייענדיק איבערן קאָרידאָר אין דער ריכטונג פֿון דער „ליידים דרעסינג רום", האָט ער אונטערגעטאַנצט אויף די פֿיס אין געמורמלט צום טאַקט:

— איך האָב זי! איך האָב זי! איך האָב זי!...

דאָרט איז געווען האַלב־טונקל. אויסער איר איז דאָרט קיינער נישט געווען. זי איז געזעסן פֿאַרדרוקט אין אַ ווינקעלע, דעם קאָפּ מיט די טיף־שוואַרצע האָר נידעריק אַרונטערגעלאָזט און האָט האַלב שיכור געשלוכצט.

ער האָט זיך געזעצט נעבן איר. אירע נאַקעטע שולטערן אין אָרעמס, וואָס האָבן דורכגעלייכט דורך די פֿיינע, ווײַסע שפּיצן פֿון אירע אַרבל, האָבן אים געצויגן צו זיך. ער האָט זי אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און אַרויסגעפּליסטערט:

— די שלעכטע, שלעכטע רייטשל! נו, וויין נישט, יו בעד גורל!

און ער האָט אומגעדרייט איר פּנים און צוגעדריקט זײַנע ליפּן צו אירע... זי האָט אירע ליפּן נישט אַוועקגעדרייט פֿון זײַנע, און איר גאַנצע ליבע צו אים, וואָס זי האָט אַזוי לאַנג געזוכט צו דערשטיקן אין דעם פֿײַער פֿון האַס, איר גאַנצע בענקעניש נאָך אים, האָט זי איצט אויסגעהויכט אין אירע לאַנגע, פֿײַערדיקע קוש. אַזוי ווי זי וואָלט פֿון אים דאָס בלוט געוואָלט אויסזויגן, בדי דעם פֿײַער, וואָס אין איר האָט געפֿלאַקערט, צו לעשן!...

נאָכדעם האָט זי זיך מיט אַמאָל אַ ריס געטאָן פֿון אים, איז צוגעשפּרונגען און האָט אַרויסגעמורמלט הייזעריק:

— גזלן, וואָס האָט איר צו מיר? גזלן, וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר? גזלן, האָט רחמנות!....

ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, פֿאַרמאַטערט פֿון אירע קושן, און זיך אָנגערופֿן:

— איר האָט מיך גערופֿן...

— אַז איר מאַכט מיך משוגע! אַז איך ווייס אַליין נישט, וואָס איך טו! — האָט זי געמורמלט פֿאַרשטערט.

און פּלוצים האָט זי זיך צעוויינט אַזוי רחמנותדיק:

— איך בעט אייך, טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר. איר מאַכט מיך משוגע. מיידט מיך אויס. סיי־ווי־סיי קאָן גאָרנישט אַרויסקו־מען. איך בעט אייך....

— איך אויסמיידן? ניין, רייטשל, — האָט ער געענטפערט. — גיכער וועל איך זיך ביידע הענט לאָזן אָפּהאַקן, די האַלז דורכ־שניידן, דעם קאָפּ צעשמעטערן. גיכער וועל איך זיך הענגען, טרינ־קען, שיסן, פאַרגיפטן זיך, ווי צו פאַרלירן מיין ענגל, מיין פּאַראַ־דיז!.... אַך, רייטשל, וויפל איך האָב געליטן! — האָט ער צוגע־לייגט מיט אַ קרעכץ און זיך אַזש שיער נישט צעוויינט.

— אָבער וואָס קאָן דערפון אַרויסקומען? — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט פאַרצווייפלונג אין קול. — גאָר אינגיכן... איר ווייסט?...

— וואָס?

— הייראַט איך מיט... מיט אַרען...

— איר הייראַט?

ער האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, אַזוי ווי ער וואָלט פון דעם גאָרנישט געוווסט, האָט אַ קרעכץ געטאָן, אָפּגערוקט דעם קאָפּ און פאַרדעקט דעם פּנים מיט ביידע הענט. נאָר אונטער די הענט האָט ער אַרויסגעשטעלט דעם צונג...

— נו, האַ?... נו? — האָט זי פאַרשטיקט געוויינט. — קאָן שוין עפּעס אַרויסקומען פון אייער ליבע? פון מיינער? פאַרוואָס האָט איר די גאַנצע צייט געשוויגן? וואָס זאָל איצט זיין, וואָס?

ער האָט געענטפערט:

— איך האָב נישט געשוויגן. איך האָב נישט געוואָלט שווייגן. איך האָב אייך געזוכט. איר האָט מיך אָבער אויסגעמיטן.

— ווייל איך האָב אייך געהאַסט, ווייל איר האָט געהאַנדלט ווי אַ באַנדיט, — האָט זי געוויינט.

— אמת, אמת, — האָט ער געמורמלט. — איך האָב גע־האַנדלט קעגן אייך נאָך ערגער ווי אַ באַנדיט, דערפאַר באַשטראָפט מיך אַזוי גאָט... פאַרצייט מיר, פאַרצייט!...

ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און נאָך אַמאָל געזאָגט מיט אַ קרעכץ אין קול:

— אָ, פאַרצייט מיר!...

זי האָט נאָך אַלץ געוויינט:

— אָבער וואָס זאָל איצט זיין?

ער האָט געשוויגן.

— איצט איז נאָך ערגער... איצט, ווען איך האָס אייך נישט... אַ, מיסטער בלום, איצט איז מיר אַזוי מוראַדיק חתונה צו האָבן מיט דעם אַלטן, מיט אָט דער פאַרזעעניש...

זי האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און רחמנותדיק געוויינט. ער האָט געהאַלטן אירע הענט אין זיינע, געשוויגן און זיך פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— מיר ביידע, רייטשל, זענען אין אַ שרעקלעכער לאַגע. מיר מוזן פאַרשטיקן אין זיך אונזערע בעסטע, הייליקסטע געפילן און מיר מוזן ליידן. איך וועל מיט אייך רעדן אָפן: מיט מיין ווייב צי שיידן זיך איז איצט אוממעגלעך. פריער, ווען איך בין געווען אַ אָרימאַן, איז דאָס מעגלעך געווען. דערפאַר האָב איך זיך דאַן אייך טאָקע דערקלערט אין ליבע. היינט אָבער, ווען איך בין רייך, וועט מיין פרוי זיכער נישט וועלן צעשיידן זיך מיט מיר. מילא פאַר־פאַלן! מיר מוזן ליידן ווי בראַווע מענטשן!... מיר וועלן פאַר־בלייבן פריינט, ערלעכע איבערגעגעבענע פריינט ווי ברודער און שוועסטער, און מעג איך אייך ווי ליב האָבן, וועל איך זיך באַ־הערשן. איר וועט זען, רייטשל, דער בעסטער פריינט אייערער וועל איך זיין. אייביק וועל איך זיין אייער פריינט. און אייביק וועל איך זיין גרייט אייך צו העלפן!

זי איז צוגעפאַלן צו זיין ברוסט און האָט געוויינט.

— מיסטער בלום, מיסטער בלום! אַי, וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק! איך וועל משוגע ווערן! אַי, איך וועל פון זינען אַראָפּ!...

צום סוף האָט זי זיך באַרואיקט.

— אָלרייט, — האָט זי אויסגעמורמלט. — וואָס קען מען זיך העלפן? באַשערט אַן אומגליק!...

זי האָט מיט אַ טיכל אָפּגעווישט די טרערן פון אירע אויגן און צוגעלייגט:

— קומט אין האָל... וואַרט, איך וועל פריער אַליין אַריינגיין!...

און זי איז אַוועק.

ער האָט זי באַגלייט מיט די אויגן און דאָס האַרץ אין זיין ברוסט האָט געהוליעט.

,,סעמקע, דו ביסט אַ חכם!'' — האָט ער געטראַכט, — ,,נאָר דו אַליין האָסט אַזוי קונציק זיך געקענט אַרויסדרייען!''

— איצט איז זי מיינע, מיינע, מיינע, — האָט ער געמורמלט.

אין אַ ווײַלע אַרום, ווען ער איז אין האָל אַריין, האָט דער עולם דאָרט געזוועגען. ביי יעדן טיש האָט זיך אַן אַנדער מין גע־זאַנג דערהערט, און ענגלישע און יידישע לידער אויסגעמישט מיט חזנישע, האָבן זיך געפלאָכטן.

סעמקע האָט זיך געזעצט אויף זיין פריערדיקן פּלאַץ, נעבן רייטשלען, און האָט זי איצט כמעט בלומרשט ווי גאַרנישט באַ־מערקט... דערנאָך האָט מען פאַר דעם עולם אַוועקגעשטעלט טעלער פאַר דער ,,תלמוד תורה'', פאַר ,,ביקור חולים'', פאַר ,,הכנסת־אורחים'', און פאַר אַנדערע יידישע צדקה־אַנשטאַלטן, און די אויפגעקומענע גבירים האָבן גענומען וואַרפן פינפערלעך און צע־נערלעך אויפן טעלער. איינער האָט געגעבן מער פאַרן צווייטן. ווען דער טעלער פאַר ,,הכנסת אורחים'' איז צוגעקומען צו יאַב־נעטשיקן און חיים־זוסע פליוך, וועלכע זענען געווען גוט באַשנאַפּש־קעט, און האָבן זיך יעדע ווײַלע געקלאַפּט איינער דעם אַנדערן איבערן אַקסל, האָט חיים־זוסע פליוך אַרויפגעלייגט אַ פינפער־ל אויפן טעלער. האָט יאַבנעטשיק אַ געשריי געטאָן צו אים: ,,הכנסת אורחים'', פאַרך, וואָס גיסטו?!'' און אַ וואָרף געטאָן אַ צענערל. האָט חיים־זוסע פליוך אַ וואָרף געטאָן נאָך אַ צענער־ל אויפן טעלער און אים געענטפערט צוריק מיט אַ געשריי: ,,דו ביסט אַליין אַ פאַרך! איך גיב מער פון דיר!''... האָט יאַבנעטשיק געוואָרפן נאָך אַ צענערל און געזאָגט: ,,אָט איצט גיב מער פון מיר, פאַרך!''

און אַלע אַרום זיי האָבן זיך צעלאַכט, און אַזוי האָט יעדער־פון זיי געזוכט איבערצושטייגן זיין שכן ביים טיש...

סעמקע האָט אויך געגעבן געלט און מער פון אַלעמען אַרע.

זיין איידעם פיניע איז צו אים צוגעגאַנגען שיכורלעך.

— שווער, — האָט ער געזאָגט, — מען דאַרף דאָ געבן שיינע נדבות און איך קאָן געבן סיידן מיין דלות...

האָט אים אַרע דערלאַנגט אַ פינף־און־צוואַנציקער. האָט פיניע

פון דעם אפגעלייגט דריי דאלער. דאס איבעריקע האט ער ארונ־
טערגעלאזט אין קעשענע.

„פאר הכנסת פיניע איז מער מצוה!" — האט ער געטראכט
און ביטערע געשמייכלט.

נאכדעם האט זיך ארע מיטאמאל אויפגעשטעלט און אויפ־
געהויבן די האנט.

— ארדער! מיסטער כיריג וויל עפעס זאגן! — האט סעמקע
א געשריי געטאן.

— ארדער! ארדער! — האט מען גענומען שרייען און קלאפן
פון אלע זייטן.

ארע האט געקוקט און געשמייכלט מיט זיין באזונדערן גוט־
הארציקן שמייכל. דערנאך, ווען עס איז שטיל געווארן, האט ער גע־
זאגט:

— רבנים און איר אלע יידן, זייט עדות, איך טו א נדר צו
גאט, ברוך הוא, וואס ער האט אונז אלעמען זיין גנאד געוויזן, —
טו איך א נדר צו אים, צו בויען פאר זיין כבוד וועגן א נייע
שול!...

— בראוואָ! בראוואָ! — האט מען אים געענטפערט פון אלע
זייטן, און די רבנים האבן אים געדריקט די האנט, און די אלטע
פרומע האט זיך אזש צעוויינט, און פיניע האט זיך אנגעבויגן צו
זיין ווייב שרהקע און שטיל איר איינגערוימט אין אויער:

— ער ווייסט נישט ווו אהינצוטאן זיין געלט, דער טאטע
דיינער!....

און זי האט געענטפערט:

— מער מצוה וואלט, דאכט זיך, געווען, ווען ער וואלט פאר
אונז א הויז געקויפט...

ווען ארע האט זיך צוריקגעזעצט, האט ער זיך געווענדעט צו
רייטשלען:

— נו, ווי געפעלט עס דיר? איה"ש באלד נאך אונזער
חתונה, וועל איך די שול בויען...

און ער האט זיך צעלאכט מיט זיין גליקלעכן קינדערשן גע־
לעכטער.

שפעטער איז דער עולם צוריקגעגאנגען אין דעם האל, ווו די

מוזיקאנטן האָבן געוואַרט. דער עולם האָט ווידער גענומען טאַנצן. איצט האָט רייטשל געטאַנצט מיט סעמקען און נאָר מיט אים, ביזן גרויען טאָג האָבן זיי געטאַנצט...

דערנאָך איז זיך דער עולם צעפאָרן. חתן כלה זענען אוועקגעפאָרן אין אַ קאַרעטע נאָך בראָנזוויל, וווּ זיי האָבן פאַר זיך איינגעריכט אַ נײַ הויז אויף סטאָון עוועניו. באַלד נאָך זיי זענען אויך אוועקגעפאָרן אָרע און פרומע, פיניע און שרהקע, רייטשל, סעמקע און זיין פרוי, יאַכנעטשיק און חיים-זוסע פליוך מיט זייערע ווייבער — אַלע אין קאַרעטן.

רייטשל איז געפאָרן גאַנץ אַליין, גאַנץ באַזונדער אין אַ פאַרמאַכטער קאַרעטע. און וויגנדיק זיך אויף איר זיץ, האָט זי געטראַכט וועגן סעמקען, און מיט אַט די געדאַנקען האָט זי איינגעדרעמלט און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער קושט זי...

23

ווען פרומע און די אַנדערע האָבן זיך דערוווּסט ווער רייטשלס חתן איז געווען

יענעם פאַרנאַכט, צוויי וואָכן נאָך עטלס חתונה, איז אָרע געקומען אַהיים אַן אויפגערעגטער.

ער איז אַ היפּשע ווײַלע אַרומגעגאַנגען איבערן עס-צימער, טיף פאַרטאָן אין זיך, האָט זיך געגלעט די באָרד און געוואָרפן פאַרגנבעטע בליקן אויף זיין מאַמען, וועלכע איז געזעסן ביים טיש מיט די ברילן אויף די אויגן און האָט געצירעוועט אַ זאָק אויף אַ גלאָז.

נאָכדעם האָט ער זיך פּלוצים אָנגערופן:

— מאַמע, איך האָב צו דיר אַ בקשה. זיי אַזוי גוט, טו אַ רוף אַהער שרהקען מיט פיניען...

— שרהקען און פיניען רופן? וואָס דאַרפסטו זיי?

—איך דאַרף זיי וועגן אַ זייער נויטיקן ענין... האָב קיין

פאַראיבל נישט מאַמע, וואָס איך בין דיך מטריח. עטל און דער דאָקטאָר וועלן דאָ אויך באַלד זיין...

— וועגן וואָס איז דאָס, אָרע?

— אָט, דו וועסט שוין הערן, — האָט ער געענטפערט צע־טראָגן, — גיי, טו זיי אַ רוף....

— גוט, מיין זון, איך גיי גלייך.

זי האָט זיך אויפגעהויבן, אַרונטערגענומען די ברילן און דער־נאָך האָט זי אים אָנגעקוקט.

— אָרע, — האָט זי ווידער געפרעגט. — וועגן וואָס איז דאָס, מיין זון?

ער האָט נישט געענטפערט.

— דו ווילסט מיר נישט זאָגן?....

— מאַמע, — האָט ער אַרויסגעמורמלט, — אָט שפעטער... דו וועסט שוין הערן!

— נו, מילא, זאָל זיין שפעטער, — האָט די אַלטע געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

אָרע האָט זי באַגלייט ביזן גאַניק. נאָכדעם האָט ער זיך דאָרט אוועקגעזעצט און איר נאָכגעקוקט, ביז זי איז פון די אויגן פאַרשווונדן. אין דער לופטן האָט שוין געטונקלט...

אַזוי איז ער דאָרטן געזעסן אַרום אַ פערטל שעה. דערנאָך איז רייטשל אָנגעקומען. ער איז מיט איר אַריין אין הויז.

— זיי וועלן דאָ באַלד זיין. איך האָב אַוועקגעשיקט די מאַמען נאָך זיי, — האָט אָרע געזאָגט.

— וואָס האָט איר דאָס געדאַרפט איינגאַנצן? — האָט זי זיך אָנגערופן, — קיינער האָט קיין רעכט נישט אייך צו זאָגן אַ דעה!...

— יאָ, רייטשל, דו ביסט טאַקע גערעכט, אָבער דו פאַר־שטייסט?... כ'ווייס?... קינדער, דערוואַקסענע קינדער... און איך בין אַ ייד נישט קיין הולטאַי, חלילה, וויל איך, אַז עס זאָל זיין גלאַט...

— און ווי וועט זיין, אַז זיי וועט דער שידוך נישט אָנשטיין?

— וועל איך זיי הערן ווי די קאַץ, — האָט אָרע געענטפערט אויפגערעגט, — וואָס זיי וועט נישט אָנשטיין, אַרט מיך נישט.

איך וויל נאָר יוצא זיין און ווייטער... הער איך זיי אַלעמען ווי די טאַץ!...

— וואָס דאַרפסט איר מיך האָבן דערבײַ? אָן מיר וועט איר דען נישט קענען דערקלערן? — האָט רייטשל זיך אָנגערופן.

— זיי דאָ זיי דאָ, וואָס אַרט דיך? וואָס האָסטו מורא? איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט: אַזוי וועט מיר זיין גרינגער... ווען זיי וועלן דיך זען, וועלן זיי פאַרשטיין, אַז זייערע רייד וועלן זיין אַרויסגעוואָרפן.... רייטשעלע, זע, איך בעט דיך, איך וויל דאָס וואָס גיכער אָפּפטרן, — האָט אָרע גערעדט מיט טעבעט, און זי געגלעט איבערן אָרעם.

זי האָט נישט געוואָלט זיין דערבײַ, ווען אָרע וועט דערקלערן זיין פאַמיליע, אַז ער גייט מיט איר חתונה האָבן. זי האָט זיך געשעמט און זיך געריכט אויף אַ סקאַנדאַל. אין דער אייגענער צייט אָבער האָט זי זיך דערמאָנט אין די אַלע פריערדיקע באַליידיקונגען, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען פון עטלען און דער אַלטער פרומען, און, פאַרביטערט ווי זי איז איצט געווען, האָט די דאָזיקע דערי־נערונג ביי איר דעם פריערדיקן האַס און דעם צו־להכעיס געפיל אויפגעוועקט, און דאָס האָט זי אָנגערעקט, אַז זי זאָל דווקא דערבײַ זיין און זען מיט די אייגענע אויגן ווי זיי צאַפּלען זיך, ווי זיי ווערן צעפּוקעט...

זי איז געווען פאַרביטערט... בכלל האָט זי די לעצטע פאָר וואָכן, זינט זי איז ווידער גוט געוואָרן מיט סעמקען, דורכגעלעבט אַ שווערן קאַמף מיט זיך אַליין. זי האָט פלוצים דערפילט אַ האַס צו דעם אַלטן אָרען, למאי ער איז אַזוי רייך געוואָרן, אַז ער האָט זי געקענט קויפן... וואָלט סעמקע איר איין וואָרט געזאָגט, זי זאָל מיט אים נישט חתונה האָבן, וואָלט זי מיט פרייד אים געפאָלגט. ער, אָבער, האָט זי דווקא צוגערעדט צו דעם דאָזיקן שידוך. און, צורעדנדיק זי צו דעם, האָט ער זיך דערווײַלע פאַרהאַלטן צו איר „אָנשטענדיק", אויסגעמיטן צו רעדן מיט איר וועגן זיין ליבע און אין דער אייגענער צייט האָט ער אין זיין מוח געבויט זיינע שפּעטערדיקע פּלענער, ווען זי וועט שוין זיין פאַרהייראַט און ער וועט נישט דאַרפן מורא האָבן פאַר טענות און מעגלעכע סקאַנדאַלן...

זי האָט געליטן און, ליגנדיק ביינאַכט אין איר פינסטערן

צימער, האָט זי אָפּט געוויינט און איר האַרץ האָט געקרעכצט: „סעם! סעם!"... אין דער אייגענער צייט אָבער האָט זי געטראַכט, אַז וויבאַלד מיט סעמען נישט, זאָל זי, לכל־הפחות, חתונה האָבן מיט אַ רייכן מאַן, ביי וועמען עס וועט איר גאָרנישט פעלן... ווייל נאָך סעמקען וואָלט קיין מאַן איר איצט נישט געפעלן געווען, וואָלט זי יעדן מאַן, ווי איר האָט זיך אויסגעוויזן, איצט געהאַסט... און אַזוי, מיט דעם דאָזיקן ווער־וואָר אינעם האַרצן, האָט זי זיך געקליבן צו דער חופּה מיט אָרען...

זי האָט זיך געפילט ווי פאַרלוירן, פאַרבלאָנדזשעט אין דעם לאַבירינט פון אירע אייגענע געפילן און געדאַנקען און די גאַנצע צייט האָט זי געפילט און געטראַכט צעמישט און צעטומלט...

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג.

רייטשל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן. איר איז ווידער אומאָנגענעם געוואָרן, זי האָט שנעל אויסגערעדט:

— זיי גייען... מיר איז אומאָנגענעם צו זיין דערביי... איך וועל אַריינגיין אין ליייבערעריי... ווען איר וועט פאַרטיק ווערן וועט איר מיך רופן...

און זי איז שנעל פאַרשוואונדן אין דער טיר פון ליייבעררעריי־צימער.

פּיניע איז אַריינגעקומען.

— העלאָו שוועך! די באָבע האָט מיר געזאָגט, אַז איר דאַרפט מיך זייער גויטיק.

— יאָ, פּיניע, איך האָף אָבער, אַז דו וועסט הייַנט נישט זיין קיין שגץ... זעץ זיך...

— זיץ איך! — האָט פּיניע געענטפערט, געזעצט זיך אויף אַ שטול און אַרויסגעצויגן די פיס מיט די אַלטע, צעקרימטע שיך...

אָרע האָט אויפגערעגט אַ קוק געטאָן אויף זיינע פיס און געזאָגט:

— אָט, אַפילו זיצן זיצסטו אויך ווי אַ שייגעץ! וואָס האָסטו אַזוי די פיס אויסגעצויגן? ווילסט מיר ווייזן דיינע שיינע שיך? אוי, פּיניע, פּיניע! אַ מענטש טראָגט שיך... מיט צעקרימטע קנאָפּל, מיר אויף צו להכעיס!...

— זעט איר, שווער, און איר זאָגט, אַז איך בין אַ שגץ! אין

איין מינוט האָט איר שוין עטלעכע מאָל באַליידיקט אי מיך, אי מיינע פּיס, אי מיינע שיך... נו, זאָגט אַליין, שוועהר, קען דען אַן אָרעמאַן האָבן גאַנצע שיך? דערמאָנט זיך נאָר אין וואָס פאַר אַ שיך איר זענט אַרומגעגאַנגען, בעת איר זענט געווען אַן אָרעמער פעדלער...

— פּיניע — האָט אָרע שטרענג אויסגעשריגן.

— איך מיין נישט, חלילה, צו באַליידיקן, שווער לעבן, — האָט פּיניע גערעדט ווייטער, — באַשר איר זענט היינט אַ ייד אַ גביר מיט געלט, מיט כּבוד... מען האָט אייך נאָך נעכטן געמאַכט פאַרן פּרעזידענט פון דער תּלמוד־תּורה אויך, דאַרף איך טאַקע נישט אָנשטיין, איך פאַרשטיי דאָס גאַנץ גוט, אַז אייער אייִדים זאָל אַרומגיין אין אַזוינע שיך; אוודאי איז דאָס פאַר אייך נישט קיין גרויסער כּבוד... אָבער, שווער־לעבן, ווער איז אין דעם שולדיק, חוץ איר אַליין? איר האָט מיר פאַרשפּראָכן אַרויסצוהעלפן נאָך עטלעכע חתונה, האָט איר געהאַלטן אייער וואָרט?... בּיי אַ פּרעזידענט דאַרף דאָס וואָרט זיין הייליק, שווער־לעבן!...

— מיין וואָרט וועל איך האַלטן, — האָט אָרע אים אונטערגעבראָכן שטרענג, (ער האָט זיך אָפּגעמאַכט היינט זיך צו האַלטן מיט אים שטרענג), — איך האָב דיר געזאָגט אַז דו קריגסט בּיי מיר צוויי טויזנט דאָלאַר און דו וועסט קריגן!... פאַרשוואַרץ מיר נישט די אויגן, דו הולטאַי דו!...

— צוויי טויזנט דאָלאַר זענען גאָרנישט היינטיקע צייטן, שווער־לעבן, —האָט פּיניע זיך אָנגערופן, — פינף טויזנט דאָלאַר דאַרפט איר מיר געבן...

— וואָס הייסט, איך דאַרף דיר געבן? — האָט אָרע אויסגעשריגן, — פאַרך וואָס דו ביסט, דו האָסט בּיי מיר עפּעס איינגעלייגט? איך שיק דיר צום שוואַרץ יאָר. אַזאַ עזות פּנים!...

— שווער - לעבן, — האָט פּיניע געזאָגט געלאַסן, — וואָס דאַרפן מיר זיך קריגן, איר טוט זיך אייערס און איך טו זיך מיינס. איך האָב באַשלאָסן אַרויסצוגיין פּעדלען, אפשר וועט מיר דערמאָלט גאָט אויך העלפן...

— פּעדלען? — האָט אָרע אַרויסגעמורמלט צעמישט, — אויף אַזאַ צולהכעיסניק ווי דו קען מען אַלצדינג גלויבן!... פּיניע! פאַר-

וואָס צאַפּסטו מיר מיין בלוט?... נו, גוט, איך וועל דיר געבן דריי טויזנט...

פּיניע האָט זיך אויפגעהויבן פונעם אָרט און אָנגערופן זיך מיט אַ גנבישן קול:

— שוואַר־לעבן, ביי אייך איז דאָ איינגעריכט פון הינטן... גיט, איך וועל אייך אָפּפּוצן!...

ער האָט אים אַ גלעט געטאָן מיט דער האַנט פון הינטן און צוגעלייגט:

— שוין פאַרטיק!...

— נו, פּיניע, איך וויל היינט מאַכן אַ סוף... און קריגן זיך מיט דיר וויל איך נישט.

— אוי, שוואַר־לעבן, זאָלט איר מיר געזונט זיין, צו וואָס זאָלן מיר זיך קריגן? עס איז אַ פּשוטע רעכנונג, שוואַר־לעבן: ווען איר האָט געוואָלט האָבן אַן איידים אַ דאָקטאָר, האָט איר אויסגעלייגט צען טויזנט מזומנים; דאַרף איך לויטן אַרויסצולייגן פינף טויזנט, כדי נישט צו האָבן אַן איידים אַ פּעדלער... דאַכט זיך, אַ קלאָרער חשבון. נישט אַזוי, שוואַר לעבן?

אָרע איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער און האָט זיך געגלעט פּאַרטראַכטערהייט די באָרד. דערנאָך האָט ער זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט און אַ רוף געטאָן:

— קום אַהער, שייגעץ!

פּיניע איז צוגעגאַנגען.

— ווערסט זיין אַ מענטש?

— וואָס הייסט? אודאי אַ מענטש! — האָט פּיניע געענטפערט.

— נישט קיין שייגעץ? נישט קיין הולטאי, נישט קיין עזות־פּנים? וועסטו האָבן דרך־ארץ פאַר דיין שווער?...

— אודאי, אודאי! איך וועל האָבן דרך־ארץ בנפשי ובחיי... ווי דען?

— געדענק־זשע! מאָרגן קריגסטו דיין טשעק!

— די גאַנצע פינף?

— יאָ, — האָט אָרע געענטפערט, — אויב דו וועסט זיך נאָר היינט האַלטן ווי אַ מענטש...

— וואָס הייסט נאָר היינט? — האָט פיניע אויסגעשריגן מיט התפעלות, — איך וועל זיך אַלעמאָל האַלטן ווי אַ מענטש! שווער, איך דאַנק אייך.

— נישט מיר דאַנק, נאָר דעם אל רחום וחנון, וואָס האָט געהאָלפן דיין שווער, — האָט אָרע געזאָגט.

— דאַנק איך אייך ביידן!... שווער־לעבן, איר ווייסט ווי איר קוקט אויס איצט מיט אייער באָרד? — האָט פיניע גערעדט ווייטער מיט אַ חניפהדיקן טאָן, — ווי אַ גרויסער רב!... נעכטן שטיי איך אַזוי אויף פּיטקין עוועניו מיט עטלעכע יידן פון ניו־יאָרק, און איר גייט פאַרביי. פרעגן די יידן ביי מיר: „ווער איז אָט דער שיינער ייד? אַ רב?" האָב איך געענטפערט: „דאָס איז מר. כּיריק, דער באַרימטער פּרעזידענט פון דער היגער תּלמוד־תּורה". נישט־קשה, שווער־לעבן, פון מיר וועט איר, חלילה, קיין בזיון נישט ליידן...

— געדענק־זשע, פיניע!

מען האָט אָנגעקלונגען. דר. הודקין און עטל מיט אַ ווייס הינטעלע אין די אָרעמס זענען אַריינגעקומען.

אָרע האָט דערזען דאָס הינטל און איז אָפּגעטרעטן אַהינטער.

— אַ הינטל גאָר? וואָס דאַרפסטו אַ הינטל? — האָט אָרע אַרויסגערעדט.

— האָב נישט מורא, פּאַפּאַ, — האָט עטל געענטפערט, — פּרינצעלע בייסט זיך נישט. פּרינצעלע, פּרינצעלע, — האָט זי זיך געווענדעט צום הינטעלע מיט ליבע אין קול און אים אַ קוש געטאָן אויפן מויל.

— עטל, וואָס טוסטו? — האָט אָרע אויסגעשריגן.

דאָקטאָר הודקין האָט זיך צעלאַכט:

— אָ, עס מאַכט נישט, זי מעג אים קושן.

— עס איז שוין אַזאַ הינטישער איבערגאַנג, שווער־לעבן, — האָט פיניע זיך אַריינגעמישט. — דער ריעל־עסטייט־„בום" האָט אים געבראַכט. ווו מען טוט זיך נאָר אַ קער, זעט מען ווי רייך־געוואָרענע ווייבלעך און מיידלעך קושן ווייסע הינטלעך און רייך־געוואָרענע מאַנסבילן קושן שוואַרצע ציינגעלעך...

— אזא „פארגעניגענד" פארשטיי איך נישט, — האט ערע זיך אנגערופן, — ביי מיר איז א הונט אן אומריינע חיה...

— אייך פעלט דער הינטישער יצר־הרע, שווער - לעבן! — האט פיניע באמערקט.

— פאפא, איר האט אונז וועגן וואס גערופן? — האט דאקטאר הורקין מיטאמאל אונטערגעבראכן דעם שמועס. — איך האב קיין צייט נישט צו הערן פיניעס חכמות, און קיין באזונדערן פארגעניגן פארשאפן זיי מיר אויך נישט.

עטל איז אויך בייז געווארן אויף פיניען.

— ער מוז ארויסווייזן, אז ער איז א גראבער יונג, ער מיינט, אז דער דאקטאר איז דער פאפא, — האט זי געזאגט.

ערע האט זיך א כאפ געטאן:

— זי איז גערעכט. בעט דעם דאקטאר, ער זאל דיר מוחל זיין, — האט ער זיך א קער געטאן צו פיניען מיט א שטילן קול.— נו? א מהומה אויף דיר, דו האסט דאך מיר צוגעזאגט!...

— דאקטאר, זייט מיר מוחל! — האט פיניע זיך געווענדעט צום דאקטאר מיט א לייכטן שמייכל אין קול.

— א, איר האט מיך נישט באליידיקט, — האט דער דאקטאר געזאגט.

— עטל, זיי מיר מוחל! פרינצעלע, זיי דו מיר אויך מוחל!— האט פיניע זיך פארנייגט פאר דעם הינטעלע אויך.

ערע האט זיך צעלאכט:

— פאר דעם הונט אויך?

— דער הונט איז א יחסן הייניטיקע צייטן אין בראנזוויל, — האט פיניע געענטפערט.

פרומע און שרהקע זענען אריינגעקומען, די לעצטע מיט א טוך איבער די אקסלען.

זי איז גלייך צוגעלאפן צו פיניען, נישט זאגנדיק קיינעם קיין „גוטן אוונט", און ארויסגערעדט:

— איך קאן אויף אים נישט קוקן, אויפן דאקטאר... צען טויזנט דאלאר, אויסקרענקען זאל ער!...

— מילא, מיר האבן אים אין דער ארדמה! — האט פיניע גע־

ענטפערט, — ער נאָר אויס: איך האָב טאַקע אויסגעפירט ביי דיין טאַטן...

— וואָס?

— איך קריג פינף טויזנט!

ביי שרהקען האָט אַזש דאָס פּנים זיך אָנגעצונדן.

— זאָלסט אַזוי לעבן?

— מיט דיר צוזאַמען, שרהלע! — האָט פיניע זיך אָנגערופן, — נו, ווער האָט אַ קעפּעלע, האַ?

— טאַקע אמת, פיניעלע? אוי, אַז דיין קאָפּ זאָל נאָר לעבן! אַ גוטן אָוונט דיר, טאַטע! — האָט זי זיך נאָכדעם געווענדט צו אַרען מיט פרייד אין קול.

אַרע, וועלכער איז איצט אַרומגעגאַנגען איבערן צימער מיט אַ צעטראָגענער מינע, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— האַ? אַ גוטן־אָוונט, שרהקע, אַ גוטן־אָוונט!

אין אָט דער צייט האָט פרומע באַמערקט ביי עטלען דעם הינטל.

— זע נאָר, וואָס האָלסטו עפּעס אַ הינטעלע, עטל? — האָט זי אויסגעשריגן פאַרוווּנדערט.

אַרע האָט איר איבערגעשלאָגן:

— מאַמע, האָב נישט מורא, אַ שטיל הינטעלע... מיש זיך נישט!... הערט אויס, קינדער, איך האָב אייך גערופן וועגן אַ וויכטיקן ענין.

ער האָט זיך אויסגעהוסט און דערנאָך ווייטער גערעדט מיט אויפרעגונג:

— קינדערלעך, דאַנקען גאָט, איר זענט ביי מיר אַלע פאַרזאָרגט. הלוואי זאָלט איר נישט דאַרפן אייער טאַטנס, נאָר טאָמער, חלילה, וועט איר יאָ אַמאָל דאַרפן אָנקומען צו מיר, וועל איך אייך אודאי העלפן... דאָקטאָר, דו ביזט אַ „געבילדעטער", וועסטו מיך פאַרשטיין, און דו פיניע, און דו שרהקע, און דו מאַמע און איר אַלע, האָט איך, וועלן קענען דעם גאָרנישט האָבן...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געטראַכט וואָס ווייטער צו זאָגן.

פיניע האָט אַרויסגעפּליסטערט צו זיין פרוי:

— אוי, שרהקע, עס שמעקט מיט א שידוך!...

— ווײ איז מיר! — האָט זי אַרויסגעמורמלט.

— קינדערלעך — האָט אָרע ווידער אָנגעהויבן — איר ווייסט, אַז מיין לעבן מיט אייער קראַנקער מאַמען, אונז אַלעמען צו לאַנגע יאָר, איז נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. וואָס איז דאָ צו רעדן?... נאָר וואָלט אייער מאַמע געלעבט, וואָלט איך זיך אודאי מיט איר נישט געגט. אין דעם שיינעם הויז וואָלט זי געוווינט... די בעסטע וווילטאָגן וואָלט זי ביי מיר געהאַט... עס איז אָבער נישט באַשערט געווען... הקיצור, קינדערלעך, נעמט נישט פאַר אומגוט, צו לעבן אַן אַלמן איז גאָר קיין לעבן נישט... אַ הויז מוז האָבן אַ באַלעבאָסטע... איך האָב זיך מיישב געווען, אַז איך זאָל חתונה האָבן...

— דו הערסט? — האָט עטל צעשראָקן זיך אָנגערופן צו איר מאַן.

— דאָס איז אינטערעסאַנט! — האָט ער געענטפערט.

שרהקע האָט אויסגעשריגן:

— אוי, אַ ווייטאָק איז מיר! וואָס הייסט עס פעלט אַ באַ־לעבאָסטע? און וו איז די באָבע?

פרומע האָט זיך אַריינגעמישט:

— וואָס הייסט די באָבע? איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז ער דאַרף חתונה האָבן. אַ ייד לעבט נישט אָן אַ ווייב. און אַ שטוב דאַרף האָבן אַ ייִנגערן מענטשן ווי איך בין!...

— וועל איך אַריינמופן צו אייך פירן די באַלעבאַטישקייט — האָט שרהקע מיט היץ אויסגעשריגן, — נישט אמת, פיניע? וואָס שווייגסטו?

פיניע האָט איר אַ צופּ געטאָן ביים קלייד.

— אומזיסט די רייד — האָט ער שטיל געענטפערט — און דו שריי אויך נישט. איך דאַרף קריגן מאָרגן דעם טשעק...

שרהקע האָט זיך צעיאָמערט:

— אַזוי גיך, און די מאַמען האָט מען שוין פאַרגעסן!

עטל האָט זיך אויך צעכליפּעט און צוגעדריקט דעם שטערן צום הינטעלע אויף אירע אָרעמס.

— איך וועל פירן די באַלעבאַטישקייט — האָט שרהקע גע־יאָמערט ווייטער.

— דו פיר זיך אין דיין הויז די באַלעבאַטישקייט, דאָ וועט אַן אַנדערע פירן! — האָט פרומע איר געענטפערט.

— טאַקע זייער שיין! אַן עלטערער ייִד! — האָט שרהקע נאָך העכער געקלאָגט.

אָרע איז געשטאַנען צעמישט און האָט געקוקט אַרום זיך מיט צעטומלטע אויגן. פּלוצים האָט ער אַ געשריי געטאָן אויסער זיך:

— שווייג, דו חצופה! איך האָב אייך גערופן ווי אַן ערלעכער, גוטער טאַטע, צו דערציילן אייך, אַז איך גיי חתונה האָבן. אָבער אייערע עצות האַלט ביי זיך. עס וועט אייך נישט העלפן! איך בין נאָך אַ לעבעדיקער מענטש — האָט ער זיך נאָך מער צעקאָכט — איר הערט: אַ לעבעדיקער מענטש! פון אייער מאַמען האָב איך קיין האָניק נישט געלעקט. שווייגט, אַז נישט גייט מיר צו אַלדע־שוואַרץ־יאָר!...

און ער האָט גענומען לויפן איבערן צימער שטאַרק אויפגע־רעגט.

— נו, טאַקע נו, — האָט פיניע זיך אָנגערופן, — דער שווער איז גערעכט. עס איז אַ בפירושע גמרא: „נשא אשה בילדותו, ישא אשה בזקנותו“, — אַ ייִד, הגם ער האָט שוין מקיים געווען די מצווה פון חתונה האָבן אין זיינע יונגע יאָרן, אויב ער האָט נישט קיין ווייב, דאַרף ער נאָכאַמאָל מקיים זיין די מצווה... שווער־לעבן, איך קען אַן אַלמנה אין אייערע יאָרן, רעכן איך, אַז עס וואָלט געווען אַ וווילער שידוך פאַר אייך... אפשר זאָל איך...

— איך בעט דיך נישט — האָט אים אָרע איבערגעשלאָגן מיט כעס, אָפּשטעלנדיק זיך אַנטקעגן אים — איך האָב שוין איינע... מעג זי אייך נישט געפעלן, מיר אָבער געפעלט זי... אַ כשרע ייִדישע טאָכטער, אַן ערלעכע מיידל!...

— וואָ־אָס? אַ מיידל?! — האָט זיך ביי אַלעמען אַרויסגע־ריסן.

פרומע איז צוגעגאַנגען צו אָרען.

— ווער איז זי, אָרע? — האָט פרומע שטיל געפרעגט. — אַן עלטערע, מסתמא, האַ?

— מאמע — האט ארע געענטפערט מיט אזא קול, אזוי ווי ער וואלט ביי איר שוין געבעטן — מאמע, זי איז זייער אן ער־לעך קינד, מיט א גאלדן הארץ, א דימענט. איך האב צוויי טעכ־טער און קיין קדיש נישט — האט ער צוגעלייגט שטיל — דער דאקטאר איז נישט קיין קדיש, און אויף פיניען קאן מען זיך אויך נישט פארלאזן...

פרומע האט געענטפערט:

— מיין זון, זאל דיר זיין מיט מזל! דיר דארף קיינער קיין דעות נישט זאגן. פון יענער ווייב, זאל זי מיר מוחל זיין, האסטו קיין נחת קיינמאל נישט געהאט... ווער איז זי, מיין זון?

— אט, באלד! — האט ער געענטפערט, — און א לאז גע־טאן זיך צו דער טיר פון דעם ביבליאטעק־צימער, זיך ווידער אומ־געקערט מיט א רחמנותדיקער, בעטנדיקער מינע, אויסגעשטעלט צו זיי ביידע הענט און ארויסגערעדט שיער נישט מיט טרערן אינם קול:

— האט רחמנות, קינדערלעך, מאמע... ווייזט איר אלע א פריינדלעכע מינע... נעמט זי אויף שיין... ווארום, חלילה וחס, איך קען נאך פון די כלים ארויס!... איך בעט אייך נאך אמאל!...

און ער איז האסטיק פארשוואונדן געווארן אין דער טיר פון דעם ביבליאטעק־צימער.

פיניע האט דעמאלט אויסגעשריגן:

— מזל־טוב אייך, מחותנים פון חתנס צד!...

און ווען ער האט באמערקט, אז זיין ווייב שרהקע וויינט נאך, האט ער צוגעלייגט:

— וויין נישט, שרהלע, באהאלט דיין קוואל טרערן פאר דער צייט, ווען מען וועט דיין טאטנס כלה באזעצן!...

— א מיידל האט זיך אים פארוואלט — האט שרהקע גע־כליפעט.

— ניש־קשה, קיין עולה נישט! — האט פרומע זיך אנגענו־מען פאר ארען — ביי אונז אין שטעטל האט משה־חיים דער שוחט אפילו זיין דריטע ווייב אויך גענומען א מיידל...

— אוודאי, באבעניו, — האט פיניע געזאגט, — אז מען וויל מקיים זיין אזא גרויסע מצוה, קאן מען מיט א מיידל אויך...

אָרע האָט אַרייַנגעפירט רייטשלען. זי איז געגאַנגען מיט אַרונ־טערגעלאָזענע אויגן.

— שעם זיך נישט, רייטשעלע — האָט ער גערעדט — האָב נישט מורא... אָט דאָס איז זי...

אַלע זענען געבליבן שטיין פאַרשטיינערט, אָן לשון, מיט די אויגן אויסגעגלאָצט אויף רייטשלען.

נאָכדעם האָט דער דאָקטאָר אַרויסגעמורמלט:

— דאָס איז אינטערעסאַנט!...

און עטל האָט אַזש דעם הינטל פאַר איבעראַשונג אַרונטער־געוואָרפן און האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— רייטשל?!...

שרהקע האָט אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט און אויסגעשריגן:

— מאַמעלעך, איך וועל זיך די באַקן צעקנייפּן!...

פיניע האָט אַרויסגעמורמלט:

— אוי, איך גיי באַלד אַוועק טאַנצן אַ דזשיג...

נאָר אײַן פרומע האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן. זי איז געשטאַנען מיט פאַרבראָכענע הענט און אויסגעגלאָצטע אויגן. פּלוצים האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן אַ פאַרצווייפלטער געשריי:

— אָרע, ווײ איז מיר, אָט די טענצערקע?... ביזטו משוגע?!...

רייטשל האָט זיך צעוויינט. אָרע איז ווילד געוואָרן, האָט גע־נומען קלאַפּן מיטן פויסט אין טיש און געשריגן:

— קיין דעות! קיין דעות! קיין דעות! שווייגט! שווייגט! שווייגט! איר איין נאָגל איז ביי מיר טייערער ווי אייער לייב און לעבן! זי איז ערלעכער און בעסער פאַר אייך אַלעמען!...

רייטשל איז צוגעפאַלן צו זיין ברוסט און האָט געכליפּעט.

— בלוט־זויגער! איר זאָלט מיר איר בלוט נישט פאַרצאַפּן, אַז נישט וועט אייער שליאַד דאָ ביי מיר נישט זיין... נו, שאַ, רייטשע־לע, הער זיי אַלעמען ווי די קאַץ! — האָט ער זי געגלעט.

אַלע זענען געשטאַנען פאַרגאַפט. עטל נעבן איר מאַן; שרהקע נעבן פיניען און די אַלטע פרומע אין מיטן צימער מיט פאַרבראָכע־נע הענט.

מיט אַמאָל האָט זיך די אַלטע גענומען טרייסלען מיטן גאַנצן

קערפער און האָט שטיל און רחמנותדיק זיך צעוויינט און איז מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ אַרויסגעגאַנגען פונם צימער.

נאָך איר זענען אַרויס עטל און איר מאַן, מיט פּנימער, אַזוי ווי זיי וואָלטן פון אַ צימער אַרויס, וווּ אַ טויטער איז געלעגן...

נאָכדעם זענען אַרויס שרהקע מיט פיניען. זיי האָבן זיך אויך נישט געזעגנט. נאָר ביי דער טיר האָט פיניע חרטה געקריגן און זיך אָפּגעשטעלט.

— אַ גוטע נאַכט אייך, שווער לעבן — האָט ער געזאָגט — מיר געפעלט דווקא דער שידוך. זאָל זיין מיט גליק. מאָרגן וועל איך זיין ביי אייך.

ווען אָרע איז געבליבן מיט רייטשלען אַליין, האָט ער זי באַרואיקט:

— נו, שאַ, שאַ, הער זיי ווי די קאַץ. זיי וועלן בעסער ווערן. אַנישט זאָל דיר אויך נישט אַרן!...

און ער האָט זי אַ קוש געטאָן און צוגעלייגט:

— דו ביזט מיר טייערער פון זיי אַלעמען, הולטייקע דו!...

אין אַ ווײַלע אַרום אָבער האָט ער זיך מיישב געווען: מילא, אַז די אַנדערע זענען ברוגז, אַרט אים נישט; אָבער אַז זיין מאַמע זאָל זיין ברוגז — דאָס איז שוין נישט גוט. מחמת מיט זיין מאַמען וועט רייטשל מוזן וווינען אין איין הויז. און ער האָט זיך אָנגערופן:

— איין מינוט, רייטשעלע, איך דאַרף נאָר עפּעס זאָגן דער מאַמען. און דו זיי איר מוחל, רייטשעלע, אַן אַלטע ייִדענע.

און ער איז אַרויסגעלאָפן.

רייטשל האָט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס ער איז געגאַנגען צו זיין מאַמען, און זי האָט אַ טראַכט געטאָן אויפגערעגט:

„ווי זיי האָבן זיך דאָס אַלע אַרויסגערוקט. עס וועט זיי אַ סך העלפן. זיי וועלן צעפּוקעט ווערן ביי מיר. איך וועל זיין די גבירטע, איך! און איך די גאַנצע באַלעבאָסטע!‟...

נאָכדעם האָט אָרע זיך צוריקגעקערט מיט אַ צופרידענער מינע און תיכּף נאָך אים די אַלטע פרומע.

זי איז צוגעגאַנגען צו רייטשלען און האָט אַרויסגערעדט שטיל און מיט ציטערנדיקע ליפּן:

— מילא, מסתמא וויל דאָך גאָט אַזוי. זאָל זיין, רייטשקע, מיט מזל און מיט גליק. זיי דו אים כאָטש אַ גוטע ווייב, איך בעט דיך! — האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן אַ פאַרשטיקטער געוויין.

און די אַלטע פרומע האָט דערנאָך צעגויפגענומען אַלע אירע בחות און זיך צעקושט מיט רייטשלען, וועלכע האָט פון איר זייט, אויך געמוזט זיך אָנטאָן אַ כּוח, כּדי זיך צו קושן מיט דער אַלטער פרומען.

אָרע האָט געזען, ווי זיי האָבן זיך צעקושט, און ער האָט זיך צעלויכטן פאַר גליק.

* * *

דעם אייגענעם אויפדערנאַכט האָט רייטשל דערציילט איר שוועסטער וועגן דעם, ווי אַזוי אָרעס משפחה האָט אויפגענומען די נייעס, אַז ער גייט חתונה האָבן מיט איר. די שוועסטער האָט איר אויף דעם געענטפערט:

— וואָס דען האָסטו געמיינט? אוודאי האָט זיי נישט געשמעקט, וואָס ער גייט חתונה האָבן מיט דיר. אַ יונגע ווייבל, נייע קינדער, נייע יורשים. און אַ דאַנק גאָט, ביי אים איז דאָ וואָס צו ירשענען. מעג זיי דערפאַר זיין שידוך מיט דיר נישט געפעלן...

— פאַר נייע קינדער דאַרפן זיי נישט מורא האָבן... וועגן דעם קלייב איך זיך טאַקע מיט דיר צו רעדן...

— וועגן דעם... וואָס מיינסטו?...

— באַלד איז די חתונה און איך וויל נישט זיין „פאַר־פאַקט"...

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן, רייטשל. אַ קינד מיט אים וועט דיר געבן די גאַנצע דעה איבער אים.

— דאָס וועל איך סיי־ווי־סיי האָבן — האָט רייטשל באַ־מערקט.

— דו קענסט עס נישט ווייסן, רייטשל.

— איך בין זיכער אין דעם.

— דו פאַרגעסט, אַז ער האָט טעכטער, איידעמס, אַ מאַמע, וואָס האָט דיך נישט ליב, דו דאַרפסט זיך ריכטן, אַז זיי וועלן שוין גוט אַכטונג געבן אויף דיר און אויף אים...

— עס וועט זיין אַ סך העלפן. איך וועל זיין די באַלעבאָסטע,

איך! איך וועל זיין די גאַנצע און די איינציקע באַלעבאָסטע! אויב חתונה האָבן מיט אים, דאַרף איך וויסן פאַרוואָס; דאַרף זיך דאָס מיר לוינען! — איז רייטשל מיט אַמאָל געוואָרן אויפגערעגט.

איר שוועסטער האָט אַ ווײַלע געשוויגן. נאָכדעם האָט זי אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ:

— מיר געפעלט נישט, רייטשל, ווי אַזוי דו רעדסט — האָט זי זיך אָנגערופן מיט פאַרדרוס אינעם קול — וואָס הייסט, דיר דאַרף זיך דאָס לוינען? וואָס זענען דאָס פאַר ווערטער? וואָס איז, צענטליקער חתנים זענען געשטאַנען און האָבן דיך געוואָלט אויסכאַפּן? דו פאַרבלאָף זיך נאָר נישט, רייטשעלע, ווי מיין קאַלאָקאַטקע. דו ביזט אַן אָרעמע שאָפ־מיידל, אָן אַ סענט נדן, קיין שידוך וואָלט זיך דיר אַזוי גיך נישט געמאַכט. און כאָטש דו ביזט חלילה, נישט קיין אַלטע מויד, האָסטו פונדעסטוועגן שוין געדאַרפט לאַנג חתונה האָבן. דאַרפסטו דערפאַר זיין צופרידן, וואָס דיר האָט גע־טראָפן אַזאַ גליק — מיט אָרען. יאָ, יאָ, אַ גליק, אַ גליק האָט דיך געטראָפן, רייטשל! דערפאַר דאַרפסטו זיך האַלטן פאַר אַ גליקלעכע, און נאָך דער חתונה דאַרפסטו זיין דיין מאַן אַ גוטע, געטרייע, אָרנטלעך ווייב.

רייטשל האָט זיך אָנגעצונדן. דער שוועסטערס לעצטע ווער־טער האָבן זי דערמאָנט אָן סעמקען. די באַקן האָבן זיך ביי איר צעפלאַמט.

— וואָס רעדסטו וועגן זיין אַ גוטע, אָרנטלעכע ווייב צו מיין מאַן? — האָט זי אויסגעשריגן — וואָס דען, איך וועל אים נישט זיין געטריי? אויב איך וועל חתונה האָבן מיט אים, וועל איך אים זיין געטריי. איך בין נישט קיין צעלאָזענע און איך וועל קיינמאָל נישט זיין קיין צעלאָזענע.

און, דערמאָנענדיק זיך ווידער אָן סעמקען, האָט זי צוגעלייגט אין אַ טאָן, ווי זי וואָלט אויסן געווען דאָס יענעם צו זאָגן:

— ניין, קיין צעלאָזענע וועל איך נישט זיין, בעסער זאָל איך פריער דערהרגעט ווערן!...

און שפּעטער, ווען זי איז אַוועק שלאָפן, האָט זי זיך ווידער דערמאָנט אָן סעמקען, אָבער איצט האָט זי געפילט, ווי שוואַך, ווי

אומבאהאָלפן זי איז געווען אין איר ראַנגלען זיך מיט איר געפיל צו אים...

— איך וועל משוגע ווערן! — האָט זי ווידער און ווידער געמורמלט.

אויף מאָרגן האָט זי אים געטראָפן אויפן בולוואַר, ווען זי האָט דאָרט געשפּאַצירט אַליין צווישן די אַלייען. ער איז פאַרבייגעפאָרן אויף זיין וועגל, האָט זי דערזען און זיך אָפּגעשטעלט.

ער איז אַרונטערגעשפּרונגען פונם וועגל און איז צוגעלאָפן צו איר.

— אַליין גאָר? — וואָס מאַכט איר?

ביי איר האָט זיך דאָס פּנים מיט פרייד צעלויכטן, אַז זי האָט אים דערזען.

—אָ, אַ דאַנק, איך פיל גאַנץ גוט. איך האָב נאָר וואָס געטראַכט פון אייך.

— פון מיר? שלעכטס? גוטס?

— נישט קיין שלעכטס און נישט קיין גוטס. איך האָב אייך געוואָלט נאָר עפּעס זאָגן.

— וואָס?

— איר וועט דאָך מסתמא אונז וועלן געבן עפּעס אַ דרשה־געשאַנק.

— אודאי, געוויס.

— וויל איך אייך זאָגן, וואָס פאַר אַ דרשה־געשאַנק.

— אדרבה. פאַר אייך וועט ביי מיר קיין זאַך נישט זיין צו טייער.

— איך וויל, איר זאָלט מיר קויפן אַ וויים הינטעלע.

— דאָס נאָר?

— יאָ, אַ הינטעלע, וואָס זאָל זיין שענער פון עטלס. אַ געקרייזלטער ווי אַ שעפּסעלע, און וויים, ווי שניי. אַזאַ הינטעלע, האָט מען מיר געזאָגט, האָבן די רייכסטע לייזים.

סעמקע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— מיר דאַרפט איר זאָגן, וואָסערע הינטעלעך די רייכע לייז־

דים האָבן? איר וועט שוין האָבן אַזאַ הינטעלע! נו, רייטשל, דעם אמת, זענט איר צופרידן פון מיר?

זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן.

— צופרידן? אַי, מיסטער בלום, הלוואי וואָלט איך אייך קיינמאָל נישט געטראָפן!

— פאַרוואָס? האַנדל איך נישט קאָרעקט? דאַכט זיך, איך לאָז אייך צורו; איך טשעפּע אייך נישט, איך מייד אייך אויס ווי ווייט איך קאָן...

רייטשל האָט אַ זיפץ געטאָן.

— אָבער וואָס העלפט עס, מיסטער בלום, אַז ווען איר טשעפּעט מיך נישט, טשעפּעט איר מיך אויך...

סעמקע האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט געזאָגט. ער האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס מיינט איר?

— גאָרנישט, גאָרנישט.

האָט ער אַ ווײַלע געקוקט אויף איר מיט גנבישע אויגעלעך, נאָכדעם האָט ער זיך האַסטיק אומגעקוקט, און ווען ער האָט געזען, אַז קיינער, אַ חוץ זיי ביידן, איז אַרום נישט געווען, האָט ער אַ באַפּ געטאָן אירע ביידע הענט און אַ קוש געטאָן פריער איינע און באַלד די אַנדערע, און אַרויסגעקרעכצט:

— אָ, ענגל, ווען דו וואָלסט וויסן, ווי איך לייד! אַ העלע איז מיין לעבן! אָבער מיין שולד! איידער איך בין רייך געוואָרן האָב איך געדאַרפט האַנדלען, דאַן וואָלט מיין לעבן געווען אַ פּאַראַדיז...

זי האָט אַ ריס געטאָן אירע הענט פון זיינע און געזאָגט צע־רייצט:

— איך וויל דאָס ווייטער נישט הערן פון אייך און קושט מיר נישט די הענט!

זי האָט געוואָלט אַנטלויפן, ער האָט זי אָבער אָפּגעהאַלטן פאַר אַן אָרעם.

— איך וועל אייך פאָלגן, — האָט ער זיך אָנגערופן, — מער וועט איר דאָס פון מיר נישט הערן. וועט איר מער נישט זיין ביין? בלייבן מיר פריינט, ווי ביז אַהער?

זי האָט גלייך נישט געענטפערט; זי האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ ווײַלע געשוויגן. נאָכדעם האָט זי אַרויסגערעדט אונטער דער נאָז:

— גוט, גוד־באַי!

און זי איז אַוועק ווײַטער צווישן די אַלייען.

ער האָט איר נאָכגעקוקט. ער האָט געזען, ווי גראַציעז זי האָט זיך דאָרט באַוועגט אין איר טונקעלען מאַנטל מיטן עלעגאַנטן הוט, וואָס איז קאָקעטיש געזעסן בײַ איר אויף אַ זײַט קאָפּ, און ער האָט אַרויסגעמורמלט אונטער די בלאָנדע וואָנצעלעך:

— אַך, דערהרגענען זאָל ווערן די באָרד!...

און ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אין וועגל און אַ שמיץ געטאָן דעם פערד.

* * *

די חתונה מיט רייטשעלען האָט אָרע געפּראַוועט בײַ זיך אין רײַכן הויז. אַ „שטילע חופּה" האָט ער געשטעלט. דער יאַנאָוויצער רב איז געווען דער מסדר־קידושין.

בײַ דער חופּה זענען געווען רייטשלס שוועסטער און איר מאַן, משה־בער. משה־בערן האָט רייטשל צוגעזאָגט צו מאַכן עפּעס אַ געשעפט, און ער האָט שוין דערציילט זײַנע לאַנדס־לײַט, אַז זײַן שוואָגער, דער מיליאָנער, גיט אים דערווײַל צוואַנציק טויזנט דאָ־לאַר אויף אַ גרויסן געשעפט, און שפּעטער וועט ער אים געבן נאָך, אפשר אַ פופציק טויזנט דאָלאַר, צי אפשר גאָר הונדערט טויזנט...

פון אָרעס משפּחה איז, אַ חוץ פּיניע און דער אַלטער פרומען, קיינער מער נישט געווען. די אַלטע איז געגאַנגען צו איר זונס חופּה מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און מיט שרעק.

נאָך דער חופּה האָט זי זיך מיט רייטשעלען צעקושט און מיט אַ רחמנותדיק קול אַרויסגעפּליסטערט:

— זײַ אים אַ ליטיש ווײַב, טאָכטער!...

חיים־זוסע פּליוך און יאַכנעטשיק זענען דאָרט אויך געווען. זיי האָבן שטאַרק מקנא געווען דעם גליקלעכן אָרע.

— אַט דאָס הייסט אַ „פאַרסעלע" זיך אײַנגעהאַנדלט! אײַ,

א „פּאַרסעלע״! — האָבּן זיי זיך צווישן זיך געסודעט, — אַ מזל־אַבּיסל, אַ מויד אַבּיסל! אי, אי, אי!...

סעמקע איז דאָ אויך געווען, און ער האָט זיך געפילט אַזוי אויפגעלייגט און אַזוי פריילעך, ווי מען וואָלט דאָרט געפייערט נישט אָרעם חתונה מיט דער שיינער, געזונטער רייטשל, דער מיידל מיט די פייערדיקע, קאָכעדיקע, שוואַרצע אויגן, נאָר זיין, סעמ־קעס, חתונה מיט איר...

(סוף פון ערשטן בוך)